ISBN:0-657-12281-5

01-18

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/dinatsyonalefrag00mede

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12281

# DI NATSYONALE FRAGE UN DI SOTSYAL-DEMOKRATYE

**Vladimir Medem**

*Permanent preservation of this book was made possible by Joan B. Powelson In memory of David and Rebecca Blumenfeld*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ביכער פערלאג: „די וועלט“.

6

296

PROGRESSIVE EDUCATIONAL SOCIETY
Organized May 9, 1907
TRENTO[N]

וו. מעדעם.

# די נאציאנאלע פראגע
# און די סאציאל־דעמאקראטיע.

ווילנא.
דרוקעריי פון ווידווע און געברידער ראם.
1906

В. Медемъ.
Національный вопросъ и соціалдемократія.

Типографія «Вдова и братья Роммъ», Вильна,
уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/2.
1906

# די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע.

בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געגעבען בלא ספק ווענינגער, איידער אין אַנדערע וועלכע ניט איז וויכטיגע פּאָליטישע פראַגען. בעת די בורזשואַזע געלעהרטע, פּאָליטיקער און זשורנאַליסטען האָבען בעשאַפען בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַ מורא'דיג גרויסע ליטעראַטור, וועלכע הערט ניט אויף מיט חשק צו ענטוויקלען, פערטיעפען און פּראָפּאַגאַנדירען די בורזשואַזע אַנשויאונגען, בעשעפטיגט זיך מיט דיזער פראַגע די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרעסע אין ניט אַנ'ערך קלענערען גראַד און פערמעגט אַ קליינע צאָהל ווערק, וועלכע פּראָבירען צו פאַנאַנדערקלייבען זיך אין איהר ערנסט און גרינדליך. דיזע ווענינגע ווערק האָבען בשום אופן ניט געזאָגט דעם לעצטען וואָרט אין דיזער פערוויקעלטער און שווערער פראַגע. אויף שריט און טריט בלייבען נאָך עד היום אונענטוויקעלט פון ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט ניט אַזוי די פּרטים פון דער קאָנקרעטער פּראַקטישער פּאָליטיק, ווי איינינגע אַלגעמיינע בעגריפען, די אויסגאַנגס פּונקטען, וואָס בילדען דעם יסוד אין דער שטעלונג פון דיזער פראַגע; עס איז פּשוט אונאַנגענעהם צו הערען, ווי אין דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער ליטעראַטור געפינען אַנ'אָבקלאַנג די בעגריפען און שטימונגען, וועלכע הערשען אין דער בורזשואַזער וועלט און וועלכע לייגען זיך דורך אַ וועג אין דער מחנה פון פּראָלעטאַריאַט דורך דיזער שוואַכער טעאָרעטישער פעסטונג זיינער; אַנ'אָבקלאַנג, וועלכער לאָזט זיך הערען אַ מאָל אין נאַציאָנאַליסטישע נגונים, אַ מאָל אין אַסימילאַטאָרישע שטימונגען, אַ מאָל אין דער טערמינאָלאָגיע און לאָזונגען, וועלכע טראָגען אויף זיך דעם בורזשואַזען שטעמפּעל. אָט דיזע, מען קען זי אָנרופען אידעען־אונציכטיגקייט, וועלכע קומט דערפון, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט נאָך ניט ווי געהעריג אײַנגעראַמט פון איהרע אַנזיכטען און סימפּאַטיען די

אַלטע בורזשואַזע שמאַטעס, און וועלכע נויטיגט זיך, אַז מען זאָל איהר היבשע מאָל טובל זיין אין פּראָלעטאַרישען וואַסער, — אָט דיזע אידעען-אונציכטיגקייט וואַקסט ניט אַזוי פון דער פערוויקעלטקייט און פערפּלאָנטערטקייט פון דער פראַגע גופא; — די פערוויקעלטקייט און פערפּלאָנטערטקייט מאַכען נאָר שווער צו געפינען אַ קאָנקרעטע פאָרם פאַר אַ תשובה אויף די פראַגע, זיי קענען אָבער ניט שטערען ריכטיג צו שטעלען איהר, אַז זי זאָל זיך געפינען אין איינקלאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט; דאָס האָט אין פלוג געזאָלט זיין גרינגער שוין צוליעב דעם, וואָס דער אַלגעמיינער שטאַנדפּונקט גיט ביז צו אַ געוויסען גראַד אַנ'ענטפער אויף די פראַגע. ניט אַזוי פון דער פערוויקעלטקייט, זאָגען מיר, וואַקסט דיזע אונציכטיגקייט, ווי דערפון, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט געשיינקט וועהניג אויפמערקזאַמקייט דיזער פראַגע.

די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אונזער צייט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען פון דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע האַלט זי נאָך עד היום אין איהרע הענד; די עקאָנאָמישע אינטערעסען איהרע דרינגען איהר אַרויסצושטעלען דיזע פראַגע; זי לייגט אויף איהר אַרויף אַ פעסטען שטעמפּעל, פערקניפּעלט איהר מיט אַ שטייפען קניפּעל, מיט אַ גאַנצען בינדעל הבלים, שטימונגען, אַנשויאונגען, סימפּאַטיען, וועלכע שטעהען בעצם אין אַ הפך צו דער ריינער, קלאָרער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט און וועלכע זענען שעדליך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף ווערט געפיהרט פון די פערמעגענדע קלאַסען, זיי שפּיעלען אין איהם די ערשטע פידעל, וועלענדיג אויסרעכענען צווישען זיך זייערע געלד-חשבונות — און דאָס ערקלעהרט אונז פּסיכאָלאָגיש, פאַר וואָס דאָס רוב סאָציאַל-דעמאָקראַטען האָבען נאָך ניט לאַנג געזעהען ווי עס איז אַרויסצומאַכען זיך פון יעדען אַנטהייל אין דיזען נאַציאָנאַליסטיש-בורזשואַזען שווינדעל, וועלכער נעהמט ביי'ם פּראָלעטאַריאַט אַלץ און קעהרט איהם אום אַלס שכר ניט מעהר ווי שאָוויניסטישע געפיהלען. אַ סך און אַ סך סאָציאַל-דעמאָקראַטען זענען געניויגט געוועזען צו דער מיינונג, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז בלויז אַ פראַגע פון פערשיעדענע נאַציאָנאַלע בורזשואַזע גרופּען, וועלכע רייסען זיך איינע מיט די אַנדערע, אַ פראַגע וועגען אַ קאַמפּף „איינעם אויף איינעם", אין

וועלכען דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַ דריטער צד, וואָס שטעהט פון
אויסען, איז אויף אַ האָר ניט פעראינטערעסירט, דאַרף קיין שום
אַנטייל ניט נעהמען.

דאָס ערקלעהרט ביז צו אַ געוויסען גראַד, פאַר וואָס די
סאָציאַלדעמאָקראַטישע קרייזען האָבען זיך וועהניג וואָס אינטערעסירט
מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דאָס ערקלעהרט, — אָבער עס
פערענטפערט נאָך בשום אופן ניט און דער פאַקט בלייבט דאָך
אַלץ אַ פאַקט: די פראַגע איז ניט ענטוויקעלט געוואָרען פון דעם
סאָציאַלדעמאָקראַטישען שטאַנדפּונקט, די בורזשואַזע פאָרשטעלונגען
פערדעקען איהר מיט שטויב ווי פריהער, ווי פריהער לייגט אַרויף
די בורזשואַזע אידעען-וועלט אויף דיזער פראַגע איהר רעאַקציאָנערען
שטעמפּעל — אַנ'אָבשפּיגלונג פון די קלאַסען-שטרעבונגען פון ד'
אָדער יענע שיכטען, וואָס געהערען צו די פערמעגענדע קלאַסען.

מיר וועלען פערזוכען צו כאַראַקטעריזירען דיזע אידעען-וועלט
אין צוזאַמענהאַנג מיט איהר קלאַסען-יסוד.

אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע געפינען
מיר צוויי פערשידענע — לכל הפחות אויפ'ן ערשטען בליק —
אַרטען אַנשויאונגען, וועלכע מישען זיך אָפט משונה'דיג צונויף,
אַסימילאַציאָנס-שטרעבונג פון איין זייט, נאַציאָנאַליזם פון דער
צווייטער זייט.

דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסען איבער אַלע
פעלקער; די אַסימילאַציאָנס-שטרעמונג איז לפי ערך אַ זעלטענע
פרי. ערגעץ האָט זי ניט פאַנאַנדערגעבליהט אַזוי שטאַרק, ווי
אויפ'ן אידישען באָדען; אָט דאָ וועלען מיר זיך סטאַרען אויס-
צופאָרשען איהר.

די גרויסע איבערקעהרעניש אין דער אינדוסטריע, וועלכע
האָט ליקווידירט די מיטעלאַלטערליכע עקאָנאָמישע אָרדנונג, האָט
געבראַכט אַ נייע עפּאָכע פאַר די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט;
אַנשטאָט דעם אַלטען, פערגליווערטען אין די פאַרצייטיגע פאָרמען
לייב-אייגענטהום, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט אַריינצופּרעסען די
נייע-געבאָרענע פערהעלטניסען אין דער אָבגעשטאָרבענער טראַדי-
ציאָנעלער אָרדנונג, האָט די אויפקומענדע בורזשואַזיע בעשאַפען
אַ נייע וועלט. זי האָט צובראָכען די אַלטע צוימען, חרב געמאַכט
די ראַגאַטקעס, צוריסען די קניפּלעך, וואָס האָבען געשטערט איהר

פְרַייֶער עֶנטוויקלונג און האָט פּראָקלאַמירט דעֶם פּרינציפּ פון
פאָלשטענדיגער פרייהייט פאַר דער ענטוויקלונג פון די צייטיג=
געוואָרענע עקאָנאָמישע קרעֶפטען. די נייע אינדוסטריע, אַ שטאַרקע
און בּעֶרעש׳טע, האָט געפאָדערט פאַר זיך אַ פרייען שטח; זי האָט
פּראָטעסטירט געגען אַלע מינים צוימען, איז געוועֶן פלאַם פייער
געגען יעדע יוריסטישע אונגלייכהייט, געגען יעדער פּריווילעגיע פון
שטאַנד, רעליגיאָן אָדער נאַציאָן. איהר אידעאַל — די פרייע
קאָנקורענץ פון פרייע בּעלי=בּתים, ריין פון וועלכע ניט איז רעכט=
ליכע שטערונגען; זי בּעדאַרף אַ ריינעם עקאָנאָמישען קאַמפּף פאַר׳ן
לעבּען, וועלכער זאָל ניט זיין פערוויקעלט דורך זייטיגע עלעמענטען.
ווער „עֶם טויג צו דער וועלט" — יענער זאָל מנצח זיין; דער
שוואַכער מוז געהען צום גרונד. זי האָט געחלומ׳ט פון סתם יחידים
אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, אָהן אַ שום שייכות צום שטאַנד,
אומה, נאַציאָן און ראַסע, דער אַבּסטראַקטער „בּירגער און מענש"
איז געוועֶן פאַר איהר דער יסוד פון דעֶם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם.

אויף דער טראַדיציאָנעלער יודענטהום, דערפיהלענדיג דעם
היות פון דעם בּורזשואַזען פריהלינג, האָט אויפגעהויבּען די קאָפּ
און גענומען אַרויסקוקען פון זיין לאַנג=יאָהריגען געטטאָ. די
שטענדיגע בּריות אויף „אָבּצושפּאָרען" און אָנצוקלייבּען מזומנים, די
פיאָנערען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, האָבּען זיך פשוט
מחיה געוועֶן אין דער נייער לופט פון דעם בּורזשואַזען לעבּען. די
נייע קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיי שעהן מקבל פנים געוועֶן. אין
איינעם מיט די וואַנד פון בּאַסטיליע זענען איינגעפאַלען אויך
די וואַנד פון דעם געטטאָ, די אידען זענען געוואָרען בּני=חורין,
און האָבּען זיך אַריינגעלאָזען אין די ווילדע קאַפּיטאַליסטישע מהומה,
וועלכע מעקט אָבּ די אַלטע פערשיעדענהייטען, וועלכע מאָבּיליזירט
„הכל באשר לכל", לאָזט פאַנאַנדער די אַלטע געזעלשאַפטליכע
גרופּירונגען און פערבּינדט נייע קניפּלעך.

אין אַ סיסטעם, וועלכע מאַכט ניט קיין חילוק צווישען
שטאַנד, רעליגיאָן און אמונה, אין וועלכער אַלע מענשען זענען
סתם בּירגער, האָט דער איד אויך געקענט געפינען אַ נ׳אָרט אין
אויפהויבּען אַ קאָפּ; אויסער דעם תחום פון זיין רעליגיאָן און נאַציאָנאַ=
ליטעט איז דער איד אויך אַזאַ וועלט-בּירגער, ווי דער דייטש אין
פראַנצויז. דער איד איז אויך געוואָרען „כשר" און האָט ממלא זיך

געקענט צושרייבען צו דער משפּחה פון די נייע בעלי־דעות איבער דער וועלט־כּצענע, וועלכע עס האָט אָנגענומען אין דער פּראַקטיק יענעם לאָזונג, וואָס ג. י. ז. אָ. האָט שפּעטער פאָרמולירט מיט די ווערטער: „סטאַרעט זיך רייך צו ווערען!"

עס זענען איינגעפאַלען די ווענד פון געטטאָ, עס זענען בטל געוואָרען די סאָציאַלע פּאַרקאַנעם. נאָר דער אָבקלאַנג פון דער אַלטער פּסיכאָלאָגיע האָט נאָך צו שטאַרק געהילכט ביים אידען אין האַרצען; עס איז נאָך צו שטאַרק געוועזען איינגעבאַקען דער ביטערער נסיון פון אַ סך יאָהרהונדערטען, צו טיעף איז נאָך געוועזען איינגעוואָרצעלט דער חשד גענגען יענע, וועלכע האָבען זיי נאָך ניט לאַנג פערפאָלגט אין פּעריאָגט. אגב האָט מען נאָך איצט אויך געקענט בעמערקען בייזע סימנים: ניבען דער קאָסמאָפּאָליטישער מענשענליעבע, וועלכע עס האָט געזעהען אין דעם אידען אַ גלייכען וועלט־בירגער, האָט זיך דאָ און דאָרטען אַריסגעוויזען די לאַנגאָניגע שנאה צו אידען מיט אַלע איהרע געוועהנליכע „כלי זין", די שנאה, וועלכע עס האָט אַפילו צייטענווייז געבראַכט צו פּאָגראָמען. ווען די אידען זענען אַפילו אין עקאָנאָמישען פּרט געוואָרען גלייך מיט אַנדערע פעלקער, פונדעסטוועגען האָבען זיי דאָך ניט אומעטום בעקומען די גלייכע יורידישע רעכטען, ווי זייערע שכנים. די בורזשואַזיע, וועלכע איז געוועזען בעגייסטערט פון דער רעוואָלוציע און מלא שמחה פון איהר נצחון, האָט געשיינקט פון יושר וועגען אַלע רעכטען די אידען; אָבער דיזע געשיינקטע רעכטען האָבען זיך געהאַלטען אויף אַ האָר; מען האָט זיי ניט דערגרייכט דורך אַ קאַמפּף, מען האָט זיי בעקומען במתנה, ניט בכח, נאָר „ברוח", אין דעם נאָמען פון דעם הייליגען פּרינציפּ פון גלייכהייט. אין דער פריהלינגס־לופט פון דער עמאַנסיפּאַציע האָט דעם אידען נאָך געשווינדערט פון דעם אַמאָליגען שווערען ווינטער. פערזאָרגענדיג פאַר זיך אַ גלייכען חלק אין דער רייכער סעודה פון דעם קאַפּיטאַליזם, האָט ער, דער אַלטער בעל מסופּק, געפיהלט, וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישען איהם, דעם „גר", און צווישען דעם „תושב". דער בורזשואַ דער תושב דערפיהלענדיג זיין מאַכט, האָט מיט גדלות אויפגעהויבען דעם קאָפּ; ער האָט גענומען פאַר זיך „זיינע" רעכטען פון אַ וועלט־בירגער, ער האָט זיי אָבגעהיט און אויסגענוצט, בלייבענדיג דער זעלביגער פּראַנצויז

און דײַטש ; דער איד , אַ צײַטעריגער און אַ דערשלאָגענער , וועלכער איז געוואָהנט , אַז מען זאָל איהם שפּײַען אין פּנים אַרײַן און וועלכער האָט דעריבער אַלײן אָנגעהויבען צו שפּײַען אויף זײַן אייגענע נאַציאָן , האָט ניט געפונען קײן אַנדער וועג אויף צו פערוואָרענען זײַנע רעכטען , ווי נאָר אָבצוזאָגען זיך פון זײַן נאַציאָ־נאַלער אייגענטהימליכקײט ; כדי צו ווערען אַ וועלט־בירגער , האָט ער געדאַרפט ווערען אַ פראַנצויז , אַ דײַטש , און אַז. וו. .

די לאַגע איז געוואָרען אַ צוויי־זײַטיגע . פון איין זײַט איז דער סאָציאַלער תהום צווישען דעם אידען און קריסט ניט אַזוי ברייט ווי פריהער , אין מיטעלאַלטער : די נייע עקאָנאָמישע אָרדנונג האָט אויסגעבויט טויזענדער בריקען צווישען זיי . דער כעס און האַס געגען זײַנע פערפאָלגער , וועלכע עס האָבען געטריבען דעם אידען אָבקעהרען זיך פון אַלץ , וואָס איז געלעגען אַ חוץ פון דעם אידישען תחום און פערשפּאַרען זיך אין די ד׳ אַמות פון זײַן געטטאָ , — דיזע געפיהלען זענען שוואַכער געוואָרען . עס איז מעגליך געוואָרען צונויפצוגיסען זיך מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג .

פון דער אַנדער זײַט האָט די אַרומיגע וועלט געצויגען צו זיך . דאָס איז געווען דער מורא׳דיג גרויסער , רײַכער מאַרק , קוקענדיג אויף איהם , האָבען גענומען ברענען די אויגען בײַ דעם לאַנגאָניגען כאַפּער־בורזשויאַ , מען דאַרף זיך פערוואָרענען אַ חלק „לויתן״ , פערכאַפּען אַנ׳אָרט אויף דיזען מאַרק . נאָר דערצו איז וועניג צונויפצוגיסען זיך , מען דאַרף זיך אַסימילירען . מען דאַרף ניט נאָר צוברעכען די צוימען , עס טאָר קײן זכר ניט בלייבען פון אַלע פערשידענהייטען , ס׳מוז פערגעסען ווערען אַלץ , וואָס ס׳קען אויפדעקען דעם אידישען אונטערשלאַק פון אונטער דעם אַלוועלט־ליכען איבערשלאַק , מען מוז אָבמעקען אַלץ , און וואָס ס׳קען זיך אָנכאַפּען דער אויפגעוואַכטער פון זײַן ליבעראַלען דונסט דער „תושב״־בורזשויאַ , — אָנכאַפּען זיך און ניט דערלאָזען צום „לויתן״ . די פּסיכאָלאָגיע פון דיזען שוואַכען און געלדיעריגען בורזשויאַ האָט בעשאַפען דעם לאָזונג : אַסימילירט זיך !

אַסימילירט זיך ! דאָס הייסט וואָרצעלט אויס אַלץ , דורך וואָס מען קען דערקענען אין דעם „וועלט־בירגער״ דעם אידישען תּובן . אַסימילירט זיך ! — דאָס הייסט , וואַרפט אַראָב פון זיך און זעהט מיט אַלע כחות פּטור צו ווערען פון אַלצדינג , וואָס עס

אונטערשייידעט אייך פון אייערע מיטבירגער פון אַנ׳אַנדער נאַציאָן. די רעליגיאָן איז איינע פון דיזע אונטערשידען — נידער מיט דער תורת משה, און עס לעבע דאָס קריסטענטהום! די ע״פּ־אַך איז אַ חילוק צווישען דעם אידען און ניט אידען — נידער מיט דער שפּראַך, מען דאַרף איהר אַריינלעגען אין חרם! די מנהגים, די מלבושים, די מאַנערען זאָגען עדות אויף אייער אָבשטאַמונג — מען מוז זיך סטאַרען מיט אַלע כחות פּטור צו ווערען פון דיזע אייגענטהימליכקייטען, איבערנעהמען פרעמדע מאַנערע, אָנטהאָן בגדים ווי די אַרומיגע שכנים.

אַסימילירט זיך! פערגלייכט זיך צו אַנדערע! לייקענט אָב אייער אָבשטאַמונג, לאַכט אָב פון אַלץ, וואָס עס טראָגט אויף זיך דעם אידישען שטעמפּעל, שפּייט אוים דריי מאָל, ווען איהר הערט ריידענדיג דעם „שמוציגען" זשאַרגאָן, שרייט אומעטום, קלאַפּענדיג זיך אין האַרצען ווי צו „על חטא", אַז עס איז ניטאָ קיין אידישע נאַציאָן, אַז די אידען זענען ניט קיין נאַציאָן, נאָר אַ רעליגיעזע חברה.

אַסימילירט זיך! וויל נאָר אויף אַזאַ אופן וועט איהר קענען בעקומען אַ גלייכען פּעטען חלק, ווי די „תושבים"־בורזשואַ. און דעריבער — נידער מיט די אייגענע מידות און מנהגים, עס לעבע די פרעמדע!

דער געוועהנליכער מאַסשטאַב פון קולטור און פּאָליטישע גיטער; די שטענדיגע וואָגשאָהל אויף אָבצוּוועגען, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט פאַר דער געזעלשאַפט — זיי טויגען שוין מעהר ניט: עס מוז פון דאָס ניי אַלץ איבערגעשאַצט ווערען; דערצו איז דאָ אַ שפּאָגעל נייער אַסימילאַטאָרישער מאַסשטאַב: אַלץ, וואָס עס געהערט יענעם, איז גוט, וויל עס געהערט יענעם, די אייגענע טויג אויף כפּרות, וויל דאָס איז אייגענע.

די זעלביגע קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג, וועלכע עס האָט בעשאַפען די אַסימילאַציאָנס־ש רעבונג, האָט נעבאָרען אַנ׳ענטגעגענ־געזעצטע (אין אַ געוויסען זין נאָר) ריכטונג: דעם נאַציאָנאַליזם.

די פערהעלטניסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, וואָס האַלטען זיך אין שטענדיגען ענטוויקלען, האָבען בעשאַפען נייע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזמען. עס האָט זיך דעמאָקראַטיזירט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, די פּאָליטיק, די קולטור, עס האָט

זיך אײנגעשטעלט אַ פֿעסטע פֿערבינדונג צווישען אַלע בעזונדערע
טײלען פֿון דער הײנטיגער געזעלשאַפֿט; דיזע טײלען, פֿערלירענדיג
זײער זעלבסטשטענדיגקײט, זײער אָבגעזונדערטקײט, האָבען
זיך גענומען צונויפֿוואַקסען אין אַן אײנאײנציגען אָרגאַנישען
קערפּער, עס איז געבאָרען געוואָרען די נאַציאָנאַליטעט אין
הײנטיגען זינען.

די פֿאָלקס=אײגענטהימליכקײטען, וועלכע עס האָבען זיך אויס=
געדריקט אין די אײגענטהימליכע מידות, מנהגים, שפּראַך, זענען
ביז איצט געלעגען פֿערבאָרגען אין די אונטערשטע שיכטען פֿון דער
בעפֿעלקערונג, צוגעדעקט מיט דעם אײנפֿאַרביגען דעקטוך פֿון דעם
אַלגעמײן=אײראָפּעאישען מלוכה=שטײגער; אָנקלײבענדיג זיך אַלץ
מעהר און רײסענדיג זיך אַלץ אַרויס, האָבען זײ זיך סוף כל סוף
דורכגעשלאָגען, אַרויפֿגעלײגט זײער שטעמפּעל אויף דער מלוכה=
דיקער און קולטור, וועלכע זענען ביז איצט געוועזען גלײכאַרטיג,
האָבען אָבגעפֿאַרבט די מלוכה אין נאַציאָנאַלע קאָלירען, האָבען בע=
שאַפֿען נאַציאָנאַלע פּאָליטישע אינדיווידואַליטעטען. אָט דיזעם אַרויס=
טרעטען פֿון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען אויף דער בימה פֿון פּאָלי=
טישען לעבען האָט נאַטירליך ניט געקענט פֿאָרקומען אָהן סכסוכים
און מהומות. פֿערשידענע נאַציאָנען זענען דורך אַ זײטיגער קראַפֿט=
דורך מלחמות, „חלוקות”, פֿערכאַפּענעש — צונויפֿגעפּרעסט געוואָרען
אין אײן פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע; אַנדערע נאַציאָנען זענען צו=
ריסען געוואָרען אויף אײנצעלנע חלקים; אײניגע פֿון זײ האָבען גע=
לעבט זעלבסטשטענדיג, אַנדערע זענען צונויפֿגעקיטעוועט געוואָרען
פֿון פֿערשידענע אומות. דאָס צונויפֿקיטעווען מיט געוואַלד האָט
מיט געבראַכט אונטערדריקונג און פֿעריאָבונג; אָבער די געוואַלד=
מיטלען האָבען אַרויסגערופֿען דעם גײסט פֿון מרידה. ניט אומזיסט
האָט מען דעם 19=טען יאָהרהונדערט אַ נאָמען געגעבען דער יאָהר=
הונדערט פֿון נאַציאָנאַליטעטען. דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף איז פֿול
אויף די בלעטער פֿון זײן געשיכטע; עס הײבט זיך אָן אַ לאַנגער
פּעריאָד פֿון סכסוכים און מחלוקות.

די בורזשואַזיע פֿערנעהמט צו זיך אין די הענט דעם נאַציאָ=
נאַלען קאַמפּף און פֿיהרט איהם אונטער דעם לאָזונג פֿון נאַציאָנאַ=
ליזם. אונטער דיזען לאָזונג ווערט געפֿיהרט דער קאַמפּף פֿון בײדע
צדדים, פֿון דעם צד, וועלכער עס האָט געוואָרפֿען אַנ׳איג אויף

אַ פּרעמדע נאַציאָן, און פון דעם צד, וועלכער בעשיצט נאָר זיין זעלבסטשטענדיגקייט.

מיר חזר'ן איבער נאָך אַ מאָל, אַז אונטער דעם זעלביגען לאָזונג פון נאַציאָנאַליזם האָט זיך געפיהרט דער קאַמפּף פון ביידע צדדים, אַז ביידע מחנות, אי די אונטערדריקער אי די אונטער־דריקטע, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם נאַציאָנאַליזם. וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס דער נאַציאָנאַליזם?

שוין פון דעם אַליין, וואָס ער הערשט אין ביידע פיינדליכע מחנות, קען מען זעהן, וואָס פאַר אַ גרויסען טעות עס האָבען יענע, וועלכע מישען צונויף אין איין טאָפּ „נאַציאָנאַליזם" און דעם־קאַמפּף פאַר נאַציאָנאַלע בעפרייאונג". דער נאַציאָנאַליזם קען אָננעהמען צוויי געשטאַלטען: די פאָרם פון אונטערדריקונג און די פאָרם פון אַ קאַמפּף פאַר בעפרייאונג. צווישען די ביידע אַ־טען איז דאָ אַ גרויסער חילוק, נאָר זיי ביידע האָבען דעם אַלגעמיינעם סימן, וועלכער עס אינטערעסירט אונז דאָ, ביידע אַרטען זענען נאַציאָ־נאַליזם. עס פערשטעהט זיך, אַז ווען מיר ווילען בעשטימען דעם עצם פון דיזער ערשיינונג, דאַרפען מיר איהם זוכען ניט אין דעם חילוק צווישען זיי, נאָר אין דעם, וואָס איז זיי מקרב איינעם מיט דעם אַנדערען, אין דעם, וואָס איז זיי ביידען געמיינזאַם. עס פערשטעהט זיך דעריבער, אַז אין די בלויזע נאַציאָנאַלע שטרע־בונגען צו פרייהייט ליגט נאָך ניט קיין נאַציאָנאַליזם, ווייל, פון איין זייט קען מען זיין אַ נאַציאָנאַליסט־אונטערדריקער, און פון דער אַנדער זייט — קעמפּפען פאַר נאַציאָנאַלע בעפרייאונג, ניט וועלענדיג וויסען פון קיין שום נאַציאָנאַליזם. עס פערשטעהט זיך, דעריבער, אַז ניט אין די פּאָליטישע פאָדערונגען גופא דאַרף מען זוכען די גרונד־סימנים פון נאַציאָנאַליזם, ווייל פערשיעדענע נאַציאָנען, וועלכע זענען בעצם פיינדליך איינע צו די אַנדערע, קענען האָבען די זעלביגע פּאָליטישע פאָדערונגען. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז ווען מיר ווילען בעשטימען, וואָס איז דאָס אַזוינס נאַציאָנאַליזם, דאַרף מען נעהמען יענע סמנים, וועלכע עס געהערען אַלע אַרטען און מינים פון דיזער ערשיינונג. די תשובה מוז מען זוכען אין דעם, אוי די בורזשואַזיע שטעלט אַרויס דיזע פראַגע.

ס'איז אָנגעוויזען געוואָרען אין אַן אַרטיקעל אין דעם „אידישען

אַרבּײַטער"*) דערזיף, אַז „דער וואָרצעל פון דיזען (נאַציאָנאַלען) קאַמפּף אין דער פאָרם, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, ליגט אין דעם, וואָס די בורזשואַזיע פון דער הערשענדער נאַציאָן שטרעבט צו מאָנאָפּאָליזירען פאַר איהרע נוצען דעם מאַרק פון איינענעם לאַנד. כדי צו ערריייכען דיזען ציעל איז נאָך ווענינ מעכאַנישׂ צו בעזייטיגען דורך געזעצליכע און אַדמיניסטראַטיווע בעגרענצונגען די „פרעמדע" פון מאַרק, מען מוז נאָך מיט געוואַלד צונויפמישען זיי מיט דער הערשענדער נאַציאָן, פערניכטען אַלץ, וואָס עס בילדעט זייער נאַציאָנאַלע פיזיגנאָמיע און קודם כל די פערשידענע היימען אין דער שפראַך, וועלכע שטערען אויף אַזוי פיעל דעם פרייען פערקעהר פון די סחורות אין לאַנד, אויף וויפיעל די גרענעץ־אָבצאָהלונגען צווישען פערשידענע מלוכות". (אונטערגעשטריכעלט פון אונז).

די בורזשואַזיע קעמפּפט פאַר די מערק, דער מאַרק ליגט (ביז צו אַ בעדייטענדען גראַד) אין דעם תחום פון די נאַציאָנאַלע גרענעצען, דער קאַמפּף פאַר'ן מאַרק ווערט אומגעוואַנדעלט אין אַ קאַמפּף פאַר די נאַציאָנאַליטעט. די הערשענדע נאַציאָנען, וועלענדיג פאַרוואָרענען פאַר זיך דעם אָבזאַץ פון סחורות צווישען די קינדער, וואָס געהערען צו אַנדערע נאַציאָנען, סטאַרעט זיך מיט אַלע כחות צונויפגיסען זיי מיט זיך, אָבפאַרבען זיי אין אַן'אַנדער נאַציאָנאַלען קאָליר, אָנווענדענדיג דערביי די רעגירונגס־מאַשין. די בורזשואַזיע פון דער אונטערדריקטער נאַציאָן האָט ניט ביי זיך אין האַנד די רעגירונגס־מאַכט, דיזען מעכטיגען צוואַנגס־מיטעל; ניט האָבענדיג ביכולת אָנצופאַלען, מוז זי זיך בעגנוגענען מיט דעם, וואָס זי בעשיצט זיך פון אַנדערע. ניט האָבענדיג קיין האָפנונג אויף צו קענען זיך אַריינרייסען מיט ערפאָלג אין אַ פרעמדען מאַרק, כדי צו בעקומען דאָרטען פאַר זיך אַ חלק, מוז זי זיך בעגנוגענען מיט דעם, וואָס זי פערהיט און פערשטאַרקט איהר איינענעם מאַרק. דאָס הייסט — איבערגעלייגט אויפ'ן לשון פון נאַציאָנאַלען קאַמפּף — פערשטאַרקען די נאַציאָנאַלע איינענטהימליכקייט פון דער איינענער נאַציאָן. ביידע — אי די

*) זעה „נאַציאָנאַליטעט און אסימילאַציע" אין „אידישען ארבייטער" נו' 15.

הערשענדע, אי די אונטערדריקטטע נאַציאָן–סטאַרען זיך צו פערגרעסערן, ווי וויט מעגליך, די צאָהל קונדען, די צאָהל מיטגליעדער פון זייער נאַציאָנאַליטעט; איינע – די שטאַרקערע דורך די פערבריינטערונג פון איהרע נאַציאָנאַלע גרענעצען אויפ'ן השבון פון אַנדערע נאַציאָנען; די אַנדערע – די שוואַכערע — זאָרגענדיג, אַז עס זאָל לכל הפחות ניט קלענער ווערען די פריהערדיגע צאָהל מיטגליעדער פון איהר נאַציאָן.

דער הילוק צווישען זיי איז נאָר אַנ'אויסערליכער; בייט זיך נאָר איבער די מאַכט פון דער אָדער יענער נאַציאָן, בייט זיך אויך איבער איהר פאָליטיק, איהר ראָלע.

אין יענע געגענדען פון עסטרייך, וואו די דייטשען וועגען אריבער אין צאָהל די טשעכען, זעהען זיי גובר צו זיין די לעצטע, צו מאַכען פון זיי „עכטע דייטשען"; די טשעכען וועהרען זיך געגען דעם, סטאַרען זיך צו פערוואָרענען, אַז די דייטשען זאָלען ניט אָברייסען אַ טייל פון זייער נאַציאָן; אי די דייטשען אי די טשעכען פיה־ען דאָרטען אַ נאַציאָנאַלען קאַמפף: די ערשטע — אונטער דעם לאָזונג פון אונטערדריקונג, די צווייטע — פון בעפרייאונג. אין יענע געגענדען, וואו די טשעכען בילדען דאָס רוב פון דער בעפעלקערונג, זענען די ראָלען אויך פונקט פערקעהרט: דאָרטען ערקלעהרען די טשעכען אַ קאַמפף די דייטשען, האָבענדיג בדעה צו סלאַוויאַניזירען די דאָרטיגע דייטשען; די דייטשען זעהען נאָר צו פערטהיידיגען זיך.

אין יאָהר 1849 האָבען די מאַדיאַרען אויפגעהויבען אַ מרידה געגען עסטרייך; זיי זענען דאַמאָלס געוועזען אַנ'אונטערדריקטע נאַציאָן און האָבען געקעמפפט געגען זייערע אונטערדריקער. נאָר אין דער זעלביגער צייט האָבען זיי בײ זיך אין דער היים געדריקט די סערבען, קראָאַטען, רומענער, וועלכע עס האָבען זיך געפינען אונטער זייער מאַכט.

כל זמן שלעזוויג־האָלשטיין האָט געהערט צו דעם קעניגרייך דענעמאַרק, האָבען די דייטשען געקעמפפט געגען דעם דענישען יאָך אין נאָמען פון דער דייטשער נאַציאָנאַלער אידעע. ווען צו דייטשלאַנד איז איבערגעגאַנגען אין איינעם מיט דער דייטשער ערד אַ טייל פון דער טערריטאָריע, וועלכע איז בעוואָהנט פון דענער, האָבען די זעלביגע דייטשען אָנגעהויבען צו דריקען

די זעלבּיגע דעגער אין נאָמען פון דער זעלבּיגער „נאַציאָ־נאַלער אידעע".

ווי דער לעזער זעהט, איז בעצם אונמעגליך צו געפינען אַ חילוק צווישען דיזע צוויי אַרטען פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, דער חילוק ליגט נאָר אין דער מאַכט פון דער אָדער יענער נאַציאָן.

די גלייכע אידעאָלאָגיע בּיי אַלערליי מינים נאַציאָנאַליסטען ווערט בּעשטימט דורך דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון זייערע אינטערעסען. דער אינטערעס פון דעם נאַציאָנאַליסט איז — פּערוואָרענען דעם מאַ־ק, די קונדען, די מעגליכקייט צו געפינען פאַר זיך אַ בּעשעפטיגונג; די גאַנצע ראָלע שפּיעלט דאָ דער מסחר, כיי עס רעדט זיך פון פשוטע מאַטעריעלע סחורות, כיי פון גייסטיגע פּראָדוקטען. די צאָהל קונדען ווענדעט זיך אָן דער פערשפּרייטקייט און אָן דער שאַרפקייט פון דעם נאַציאָנאַלען קאָליר. דער נצחון פון דעם נאַציאָנאַלען קאָליר — דאָס איז דער אידעאַל פון דעם נאַציאָנאַליסט. און אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער קאָליר דריקט זיך אויס אין דער שפּראַך און קולטור, דעריבּער ווערט מגולגל דאָס יאָגען זיך נאָך מערק אין אַ קאַמפף פאַר דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון דער קולטור. דער קאַמפף פאַר אַבּזאַץ פון סחורות וויקעלט זיך איין אין אַ טלית פון אַ הויכען אידעאַל: — פערטהיידיגען די נאַציאָנאַלע אידעע. דער מאַרק־אינטערעס צווינגט צו פּלאַנצען, אָבּצוהיטען, האָדעווען אַלץ, וואָס עס טראָגט אויף זיך דעם נאַציאָנאַלען שטעמפּעל. עס ענטוויקעלט זיך די בּעדערפניס איינצוהאַלטען, פערשטאַרקען און אונטערצוהאַלטען אַלץ, וואָס עס איז נאַציאָנאַל, אַלץ, וואָס עס איז אייגענטהימליך; דורך דעם ווערט איינגעהאַלטען דער מאַרק, פערהיט, אַז פון איהם זאָלען ניט אָבּקומען איינצעלנע אָדער גאַנצע מאַסען קונדען; דאָס מאַכט זיכערער דעם מאַרק און פערוואָרענט פון „פרעמדע" קאָנקורענטען. די נאַציאָנאַלע פערשיעדענהייטען שפּיעלען דאָ די ראָלע פון די גרענעץ־אָבּצאָהלונגען, דער נאַציאָנאַליסט פערטיעפט דיזע פערשיעדענהייטען, רוקט פאַנאַנדער די קולטור־גרענעצען, וואָס ליגען צווישען די פערשיעדענע נאַציאָנען, ציעלט זיך אָבּצוגרענעצען זיין נאַציאָן מיט אַ פעסטען צוים און אַ בּעזונדע־רער מלוכה־אָרגאַניזאַציע, פערשטאַרקען מיט אַ בּעזונדער אַבּאַראַט פון אייגענע בּעאַמטע און חיל; ער ווערט אַ היציגער פאַנאַטיק פון

פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכער האָט אין זיינע אויגען דעם זיבעטען חן. אין דעם חשק פון פערשיעדענע נאַציאָנען אַריבערצושטייגען איינע די אַנדערע, זעהט ער דעם תוכן פון דער מענשליכער געשיכטע. דער קאַמפּף פאַר'ן נאַציאָנאַלען „גייסט" איז פאַר איהם דער העכסטער סאָציאָליאָרישער געזעץ. לגבי דיזען יסוד פון דער געשיכטע ווערען פערטושט אַלע איבעריגע אַרטען פון געזעלשאַפטליכען קאַמפּף, עס ווערען פערדונקעלט אָדער עס פערשווינדען אין גאַנצען די סאָציאַלע היפּוכים. פון דעם גאַנצען גרויסען וועלט-בילד ווערט ביי איהם אַ קליינע בימה, וואו עס ווערט געפיהרט אַ קאַמפּף צוליעב נאַציאָנאַלע „עצם'ס", וועלכע קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע צוליעב דער קולטורעלער הערשאַפט. די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ — דאָס איז די ערשטע און הויפּט-אויפגאַבע פון דעם מענשען.

די העכסטע היסטאָרישע אויפגאַבע פון דעם דייטשען איז צו קעמפּפען לכבוד דעם דייטשענטהום געגען דעם גייסט פון אַנדערע נאַציאָנען: געגען דעם סלאַווענטהום, יודענטהום, פּוילענ-טהום... דער רוס זעהט פאַר זיך אַ געהויבענע און ברייטע אויפגאַבע — צו פערטהיידיגען דעם „עכט רוסישען גייסט", וועלכער געהט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער רוסישער געשיכטע, געגען אַ גאַנצע מאַסע אינטריגעם — פון אידען, פּוילען, אַרמענער, פינלענדער, ער האָט פאַר זיך די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע-טובל זיין אָט דיזע אַלע „אינטריגאַנטען" אין די מים טהורים פון דער רוסישער מקוה... דער איד ציעלט זיך אַריינצובלאָזען אַ נייעם לעבען אין זיין נאַציאָנאַלען „גייסט" אויף דער „היסטאָרישער טעאָריע", ער פאַנטאַזירט וועגען אַ אידישער מלוכה — און דיזער וואָרט „אידישע" קלינגט פאַר איהם אַזוי שעהן, אַזוי הערליך, ער וויינט פשוט פון התלהבות, אז ער רעדט אַרויס דעם וואָרט „יודאַאיזם", — אָט דעם עצם פון פערשיעדענע אייגענט-היטליכע כאַראַקטעריסטישע סמנים, וועלכע עס האָבען זיך אויס-געאַרבייט אין פערלויף פון דער אידישער געשיכטע.

די סומע כאַראַקטעריסטישע, אייגענטהימליכע סימנים פון זיין קולטור, וועלכע גרענעצען איהם אָב פון די אַנדערע נאַציאָנען דאָס, וואָס עס גיט איהם צו אַנ'עכט רוסישע געשטאַלט, להבדיל פון דעם דגמ״ש, אָדער אַנ'עכט דייטשגעשטאַלט, להבדיל פון

דעם רום — דאָס איז וויכטיגער און טייערער דעם בורזשואַ-נאַציאָ-נאַליסט, ווי אַלץ אין דער וועלט. דעריבער ליגט אַזאַ טייערע זאַך, וועלכע מען דאַרף אָבהיטען ווי די אויג אין קאָפּ; אַהער ליגט ער אַריין זיין גאַנצע געזעלשאַפטליכע ענערגיע, דאָ איז פאַר איהם דער גאַנצער חוות. די סאָציאַלע געגענזאַצען פערלירען יעדען לעבעדיגען ווערט.

פערשיעדענע מינים בעשאַפען פערשיעדענע אַרטען פון אידעאָ-לאָגיע. דער נאַציאָנאַליזם פון אַ הערשענדער, שטאַרקער נאַציאָן אָנגלעהנענדיג זיך אויף אַ מעכטיגער אַרמעע און פלאָט, הויבט אויף מיט גדלות זיין חוצפה'דיגען קול, שרייט מיט הילכעדיגע, בעצם אָבער פיכטע פראַזען פון אימפעריאַליזם, וועלכער קלינגט מיט די שווערדען, פערקער-פערט אין דעם געפאַנצערטען פויסט די „גרויסע אידעע" פון דער נאַציאָנאַלער היסטאָרישער אויפגאַבע פון זיין פאָלק וואָס טראָגט אַ נייע קולטור פאַר די גאַנצע וועלט. דער ציטע-ריגער נאַציאָנאַליזם פון דעם קליינ-בירגער נעהמט אָן אַנ'אַנדער קאָליר; אַ פערשלאָגענער און אַ שוואַכער, ברעכענדיג אַלע ווילע האַלז און אַקען אויפ'ן אַיז פון די נייע געזעלשאַפטליכע פערהעלט-ניסען, אַרויבגעשטויסען דורך דעם גרויסען קאַפּיטאַל, וואָס פער-פלאָנטערט איהם פון אַלע זייטען, פערלירט ער יעדען פונדאַמענט אונטער זיינע פיס: ער צאַפּעלט זיך, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטען כאַפּט זיך אָן פאַר דעם ערשטען מיטעל, וואָס עם פאַלט אַריין אין האַנד; לעבענדיג מיט די אידעאַלען פון דער פערגאַנגענהייט, וועל-כע ער האָט ניט בכח אומצוקערען, ניט ערוואַרטענדיג קיין ישועה פון דער צוקונפט, וועלכע ער קען ניט בעגרייפען, כאַפּט ער זיך אָן פאַר יעדען אַוואַנטוריסט, פאַר יעדען שווינדלער. ער לאָזט זיך פערפיהרען פון די נאַציאָנאַליסטישע חלומות, וועלכע העלפען איהם פער-מאַכען די אויגען אויף די אמת'ע געזעלשאַפטליכע פער-העלטניסען, וואָס זענען פאַר איהם אַזוי שרעקליך און אונהיימליך; ער ווערט פערכאַפּט — אויב ער איז ניט קיין איד — פון דעם שטראָם פון אַנטיסעמיטיזם, איבערליינענדיג אויפן נאַציאָנאַליסטישען לשון דעם קאַמפּף מיט דעם גרויסען קאַפּיטאַל, געגען וועלכען ער האָט ניט בכח צו קעמפּפען אין אַנ'אָפענער, ריינער געשטאַלט. אויב ער איז אַ איד, לייגט ער נאָך צו די ספּעציעלע אייגענטהיום-ליכקייט פון דער שקלאַפען פּסיכאָלאָגיע פון געטטאָ צו דער פער-

שלאָגענהייט און פערהעב'קייט פון דעם עקאָנאָמיש-שוואַכען. איינ-
וויקלענדיג זיין קלאַסען-אינטערעס אין דעם שלייער פון נאַציאָנאַלע
כאָרערונגען, האָט ער אפילו קיין כח ניט צו קעמפפען פאַר דיזע
פאָרערונגען; ער קען נאָר פאַנטאַזירען וועגען זיי. קוקען דעם
לעבען גלייך אין די אויגען — דאָס קען ער ניט, ער איז שוואַך,
אויסגעמאַטערט, שרעקענדיג, ער האָט מורא פאַר'ן לעבען, ער
חלומ'ט, ער חלומ'ט וועגען זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט; ער
חלומ'ט וועגען זיין טעריטאָריע, אויף וועלכער ער וועט בעקומען
זיין אייגענע קולטור... זיין אייגענעם מאַרק. ער פערהילט זיך דעם
קאָפּ מיט'ן דונסט פון נאַציאָנאַליסטישע פראַזען, פערמאַסקירענדיג
מיט הויכע און פוסטע מליצות זיין אייגענע שוואַכקייט און פאָלי-
טישען באַנקראָט.

גענוג. די קאָלירען זיינען פערשידען, דער עצם איז דער
זעלביגער. דיזער עצם איז — דאָס בוקען און קניען זיך פאַר דער
אייגענער נאַציאָנאַליטעט; „מיינע" איז אַ בית המקדש, „פרעמדע"
— טויג ניט; אַרבייטען לכבוד דיזען „בית המקדש", ער זאָל
זיין דער אויבערהאַר פון דער גאַנצער וועלט; דער נאַציאָנאַלער
אינטערעס און די נאַציאָנאַלע אייגענטהימליכקייט — דאָס איז
דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצען כאָציאַל-פּאָליטישען בנין.
דאָס איז דער געמיינזאַמער סמן פון דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער
ליגט אין אַלע מינים זיינע, וועלכער איז געמיינזאַם ביסמאַרק'ן
און דובנאָוו'ן, ראשפּאָרען און אחד-העמ'ן.

לאָמיר אונטערציהען די אונטערסטע שורה.

מיר וועלען זיך פאָרשטעלען די מענשהייט אין דער פאָרם
פון פערשידענע פלעצער ערד (מיר מיינען ניט, נאַטירליך, אין
געאָגראַפישען זינען), וואָס זענען געפאַרבט אין פערשידענע
נאַציאָנאַלע קאָלירען און וועלכע זענען ענג בעהעפט איינע מיט
די אַנדערע. אונטער דעם איינפלוס פון דער אינערליכער ענטוויק-
לונג און פון אויסערליכע סכסוכים בייטען דיזע פלעצער ערד
זייער גרויס און די שאַרפקייט פון זייערע קאָלירען. איין פּלאַץ
בעקומט אַ געדיכטערען קאָליר, פערגרעסערט זיין שטח, איינשלינ-
גענדיג געוויסע טיילען, וואָס האָבען זיך אָבגעריסען פון אַנדערע
פלעצער. מיט דעם אַנדערען פלאַץ קומט פאָהר פונקט פערקעהרט.
נעהמט די פאָרשטעלער פון די צוויי פערשידענע ריכטונגען

וועלכע מיר האָבען אויבען כאַראַקטעריזירט, — די ריכטונגען, וועגען וועלכע מיר האָבען געזאָגט, אַז נאָר אויפ'ן ערסטען בליק שטעהען זיי אין אַ הפך איינע צו די אַנדערע; נעהמט אַ נאַציאָ-נאַליסט און אַן אַסימילאַטאָר און פערגלייכט, ווי זיי ביידע וועלען זיך פערהאַלטען צום גורל פון די פלעצער.

דער נאַציאָנאַליסט ציעלט זיך צו פערברייטערען ווי ווייט מעגליך זיין פלאַץ, צו מאַכען וואָס העלער זיין קאָליר.

דעם אַסימילאַטאָר איז אין זיין פלאַץ צו ענג און אומבעק-וועם. דיזער פלאַץ אַליין איז צו קליין פאַר אַ מאַרק, ער וויל, אַז זיין פלאַץ זאָל איינגעשלונגען ווערען אין אַן'אַנדערען.

דער נאַציאָנאַליסט פערשטאַרקט און פערגרעסערט זיין פלאַץ. דער אַסימילאַטאָר געהט אָבער אויף אַ פרעמדען פלאַץ און פער-שטאַרקט איהם. ביי'ם נאַציאָנאַליסט איז טייער אַלץ, וואָס עס איז זיינע אייגענע, ווייל דאָס צאַמט איהם אָב פון די פרעמדע. דער אַסימילאַטאָר האַלט טייער אַלץ, וואָס איז פרעמדע, ווייל דאָס לייזט איהם אויס פון זיינע. דער נאַציאָנאַליסט זעהט אַרויפצו-לייגען אויף וואָס עס איז נאָר מעגליך זיין נאַציאָנאַלען שטעמפעל, כדי מען זאָל עס חס ושלום ניט פערבייטען מיט פרעמדע, דער אַסימילאַטאָר סטאַרעט זיך אויסצוואָרצלען אַלע זיינע נאַציאָנאַלע סמנים לכבוד אַ פרעמדער נאַציאָנאַליטעט. אי דער אי יענער זענען שטאַרק פער'דאַגה'ט וועגען דעם גורל פון דער נאַציאָנאַלער פיזיאָנאָמיע, אי דער אי יענער ציעלען זיך צו ווירקען אויף דעם נאַציאָנאַלען קאָליר, אי דער אי יענער זענען אַריינגעטהון אין די נאַציאָנאַלע „עצם'ס", אין דעם נאַציאָנאַלען „גייסט". די תשובות, וועלכע זיי גיבען אויף די געשטעלטע פראַגען, זענען פערשידענע. די פראַגען גופא שטעלען זיי אויפ'ן זעלביגען שטייגער. זיי פיהרען אַ פערשידענע פאָליטיק, די אויסגאַנגס-פונקטען זענען ביי זיי אָבער די זעלביגע. ביי זיי זענען די זעלביגע חקירות, די זעלביגע אידעען, די זעלביגע מאָס אויף אָבצושאַצען די פאָליטישע און סאָציאַלע גיטער. דער תוכן פון דיזער מאָס איז: דער חילוק צווישען מיינע און יענעמס. אָט פאַר וואָס דער אַסימילאַטאָר בנוגע צו די אידען קען זיין אַ נאַציאָנאַליסט בנוגע צו רוסען.

די אַסימילאַציאָנס-שטרעמונג איז בעצם דער זעלביגער נאַציאָנאַליזם נאָר פון דער אַנדערער זייט. דער אַסימילאַטאָר איז

דער זעלבער נאַציאָנאַליסט נאָר מיט'ן „אונטערשלאַק אַרויף".

אין דובנאָוו'ס „בריעף וועגען דעם אַלטען און נייעם יודענ־טהום" לעזען מיר אַזאַ מין מאמר: „די חסידים און די עליניסטען (וואָס האָבען זיך געצויגען צו דער גריכישער קולטור) — מיט אַנדערע ווערטער, די נאַציאָנאַליסטען און די אַסימילאַטאָרען — אין דער צייט פון די מכבייער־מלחמות — זענען זיך פונאַנדערגעגאַנ־גען אין דעם, צוליעב וועלכען ציעל דאַרפען די אידען עקזיסטירען. די חסידים האָבען געהאַלטען, אַז דאָס יודענטהום, ניט וועלענדיג איינגעשלונגען ווערען דורך די אימות העולם, דאַרף עקזיסטירען ווי אַ שאַרף אָבגעזונדערטע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע איינהייט; די עליניסטען האָבען געגרעבענט, אַז דאָס אידישעם פאָלק דאַרף זיך צופּאַסען צו דער גריכישער קולטור — דעם אידעאַל פון דאַמאָלדיגער וועלט — הגם דאָס מעג זיין אַ היזק פאַר זייער אייגענטהימליכער גייסטיגער פיזיאָנאָמיע ... דאָס זענען געווען מחלוקות וועגען דעם, צו דאַרפען די אידען איבערהויפּט עקזיס־טירען אַלס אַ בעזונדערער נאַציאָן, צו ניט, — די שטענדיגע מחלוקות צווישען די אַסימילאַטאָרען און נאַציאָנאַליסטען" *).

איהר זעהט, אויף וואָס עס צובערעכען זיך די קעפּ די אַסימילאַטאָרען און די נאַציאָנאַליסטען, זיי אַמפּערען זיך: „צוליעב וועלכען ציעל דאַרפען די אידען עקזיסטירען", צוליעב דער פראַגע, אין וואָס בעשטעהען די אויפגאַבען פון דער אידישער נאַציאָן, אַלס אַ כלל. איהר זעהט די בורזשואַזע אידעאַלען זענען אַזוי פּער־טיעפט אין דעם נאַציאָנאַליזם, אַז ביי די בורזשואַזע אידעאָלאָגען קומט גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויף די פאָרשטעלונגען פון די הפּוכים אינעווייניג אין דער נאַציאָן גופא, פון אַ קאַמפף, וועלכער צורייסט איהר אויף צוויי פיינדליכע מחנות. „איבען־אָן" ווערט אַוועקגעשטעלט דער נאַציאָנאַלער אינטערעס, און לגבי איהם ווערט פערשוואונדען און פערטושט דער קלאַסען־אינטערעס. עס ווערט אַנשוויגען דער אויפרוף צום קלאַסען־קאַמפף, פערהילכט דורך די דרשות וועגען דער פעראייניגונג פון דעם גאַנצען כלל אונטער דער פאָהן פון די אויפגאַבען, וואָס זענען נוגע דעם גאַנצען פאָלק.

---

*) די ביכלעך פון „יואתכאד", 1901, XI, ז. 5.

„די אידעע פון דעם כלל־פאלק—זאגט גראדאווסקי—וועצט פאראויס די פאלקאמע סאלידאריטעט *) צווישען אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט פון די העכסטע ביז די נידעריגסטע“ **).

„די נאציאן איז די גרויסע סאלידאריטעט — זאגט רענאן — אלס א רעזולטאט פון די היילינגע געפיהלען צו די געבראכטע קרבנות און צו די, וועלכע עס וועלען נאך געבראכט ווערען אין דער צוקונפט... האבען א געמיינזאמען גרויסען שם אין דער פערגאנגענהייט, א געמיינזאמען רצון אין דער געגענווארט, אויספיהרען אין איינעם גרויסע טהאטען, ווינשען אויסצופיהרען זיי אויך להבא, — דאס איז די וויכטיגסטע בעדינגונג פון דער נאציאנאלער עקזיסטענץ“ ***).

אט דיזע הויכע און פוסטע מליצה בעווייזט קלאר, ווי דער טאג, דעם בורזשואזען כאראקטער פון דער ריכטונג, וועלכע זי נעהמט אונטער איהר שוץ. וואו עס לאזען זיך הערען דבורים פון ליעבע צום גאנצען כלל־פאלק און פון ברידערליכקייט, דארטען זענען געוויס פערבארגען די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע, וועלכע וויקעלט שטענדיג איין איהרע איינענע טובות אין א מאסקע פון כלומר׳שטדיגער טובת הכלל.

די דרשה וועגען דער סאלידאריטעט פון דעם כלל־פאלק— הייסט אבזאגען זיך פון קלאסען־קאמפף, הייסט דער שלום פון פראלעטאריאט מיט דער בורזשואזיע, הייסט די גייסטיגע און מאטעריעלע פערשקלאפונג פון פראלעטאריאט; אויך דא איז אונטער די אידעאליסטישע פוסטע דבורים פערשטעקט דער אינטערעס פון דער גיעריגער און פאלשער בורזשואזיע.

מיר האבען אנגעוויזען אויף די כמנים, וועלכע זענען כאראקטעריסטיש פאר די פאליטיק פון דער גאנצער בורזשואזיע, וועלכע ליגען גראד אזוי גוט ווי אין דער אסימילאציאנס־שטרעבונג אזוי אויך אין דעם נאציאנאליזם. דער גורל פון דער כלל־נאציאן— דערפאר דאגה׳נען זיי קודם כל. די אינטערעסען פון דער נאציאן — איז זייער לאזונג, די אויפגאבען פון דער נאציאן, אלס

*) אונטערגעשטריכעלט פון דעם מחבר.

**) גראדאווסקי־זאמעל־ווערק, באנד VI ז. 240, „די נאציאנאלע פראגע“.

***) רענאן „וואס איז אזוינס א נאציאן“.

אַ גאַנצען, אונטײלבאַרען סאָלידאַרישען כּלל בּעשטימען זײער
פּאָליטיק, זײ האָװען שטאַרק, אַז די נאַציאָנאַלע אײגענטהימליכ=
קײט זאָל האָבּען אַ קיום, אָדער פערקעהרט, אַז די נאַציאָן זאָל
פערלירען איהר פיזיאָגנאָמיע — דערינען ליגען זײערע אַלע שטרעבּונגען.

אָט דאָס איז די פּאָזיציע פון דער בורזשואַזיע אין דער
נאַציאָנאַלער פראַגע. אָט אַזױ זעהט אױס איהר אידעאָלאָגיע,
װעלכע דריקט זיך אױס אַמאָל אין איהר פאָלשטענדיגער און
רײנער פאָרם, אַמאָל מישט זי זיך צו טראָפּענװײז צו די אמת'ע
פּראָגרעסיװע אַנשױאונגען, פער'סמ'ענדיג זײ מיט איהר רעאַק=
ציאָנערען גיפט.

װי־זשע דאַרף זײן די פּאָזיציע פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע?
אױבּען האָבּען מיר שױן געזאָגט, אַז די אַלגעמײנע אידעען=
װעלט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גיט שױן ממילא אַנ'ענטפער־
דערױף, װי דאַרף זיך די סאָציאַלדעמאָקראַטיע בּעצם פערהאַלטען
צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַנ'ענטפער, װעלכער איז דער
אײנציג ריכטיגער און פּראָגרעסיװער. אין דער גאַנצער סיסטעם
פון איהרע אַנשױאונגען און פון איהר גאַנצער טהעטיגקײט, אי[ן]
איהר טעאָריע און איהר פּראַקטיק, געהט זי אַרױס פון אײן
גרונד=פּרינציפּ — פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען=קאַמפּף. דאָ[ס]
איז ניט נאָר דער הױפּט=יסוד פון אונזער גאַנצער אַרבּײט, דאָ[ס]
איז דער א י נ צ י ג ע ר יסוד, און דאָס, װאָס מיר האָבּען
נאָר אײן אײנציגען פונדאַמענט אונטער אונזער סאָציאַל=פּאָליטישען
בּנין, איז אײנע פון די װיכטיגסטע בּעדינגונגען, װעלכע פיהרען
די פּראָלעטאַרישע פּאַרטײ צום ערפאָלג. דער פּראָלעטאַרישער
קלאַסען=קאַמפּף, דער אינטערעס פון איהר בּרײטער ענטװיקלונג —
דאָס איז דער גרונד=מאַסשטאַב, מיט װעלכען עס װערען געמ=
מאָסטען אַלע ערשײנונגען פון סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבּען
אַלע אױפגאַבּען, װעלכע דיזער לעבּען שטעלט אַרױס, אַלע
אופנים, װעלכע ער לײגט פאָר אױף צו לײזען זײ. דיזען העכסטע[ן]
קריטעריום מעסטען מיר אָן אױף אַלע פראַגען, נאָך איהם שאַצע[ן]
מיר זײ אָב, טײלען זײ פאַנאַנדער, װײזען אָן יעדערען איהר
פּאַסענדען פּלאַץ אין דער אַלגעמײנער אײנהײטליכער מאַרקסיס=
טישער סיסטעם אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאָליטיק. מיט
דיזען העכסטען מאַסשטאַב געהען מיר צו אױך צו דער נאַציאָנאַלער

פראַגע, איהם מאַכען מיר אונטערטהעניג די נאַציאָנאַלע שאלה, פאַריינגעהמענדיג איהר אין די אַלגעמיינע קיים פון אונזער גאַנצער סיסטעם, ווי איין בעזונדערן רינג.

דער נאַציאָנאַליסט, זייענדיג פערקאָכט אין די אינטערעסען פון מאַרק, מאַכט פאַר אַ פּרינציפּ דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט אין זיינע אויגען אַנ'אַבסאָלוטען ווערטה. דער אַסימילאַטאָר, וועלכער קוקט אויס אויף די פרעמדע מערק, סטאַרעט זיך אָבצוּמעקען זיין נאַציאָנאַלע געשטאַלט. מיר וועלכע ווילען ניט וויסען פון קיין יאָגען זיך נאָך מערק, מיר ווערען ס'איז פרעמד דער שטרייט פון די בורזשואַזע גרופּען, וואָס רייסען זיך אין קאָנקורענץ־קאַמפּף איינע מיט די אַנדערע, מיר זענען ווייט פון דעם קאַמפּף פאַר דער „שליטה אויף פרעמדע מדינות", מיר בוקען זיך ניט פאַר'ן אָבגאָט פון נאַציאָנאַליזם. די נאַציאָנאַלע אייגענטהימליכקייט מאַכען מיר ניט פאַר אַ רעליגיאָן, מיר קניען זיך אָבער אויך ניט פאַר דער אַסימילאַציע. מיר ציעלען זיך ניט, ניט איינצוהאַלטען „ביד חזקה" די נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים און ניט אויסצוּוואָרצלען דעם נאַציאָנאַלען „גייסט". אונזערע אינטערעסען און אויפגאַבען ליגען אין אַ גאַנץ אַנדערען שטח; איבערן שטראָם פון די נאַציאָנאַליסטישע און אַסימילאַטאָרישע טענדענצען טאָרען מיר ניט — אויף וויפיעל מיר בלייבען טריי אונזערע אייגענע פּרינציפּען — בויען אַ בריק.

וועלכע זענען די אויפגאַבען און די ציעלען פון אַ נאַציאָן? אין וועלכער זייט דאַרף מען קירעווען די נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג? אַזוינע פראַגען עקזיסטירען פשוט ניט פאַר אונז, אַקוראַט ווי עס עקזיסטירען ניט יענע קלאַסען־אינטערעסען, וועלכע עס האָבען זיי אַרויסגעשטעלט. אונזערע אויפגאַבען ליגען אין אַ גאַנץ אַנדערען שטח: די פראַגען, וועלכע מיר פערענטפערען, ווערען געשטעלט גאַנץ אַנדערש.

לאָמיר אַ קאָרשט ריכטיג פערשטעהן דעם ענין: וואָס איז אַזוינס די נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס איז אַזוינס דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ, דער אָבגאָט פון דעם בורזשואַזען אידעאָלאָג? וואו ליגט פערבאָרגען דער מיסטישער נאַציאָנאַלער גייסט?

אַ נאַציאָנאַלע קולטור, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע זאַך, אַלס אַ פערשלאָסענער קרייז מיט אַנ'אייגענטהימליכען אינהאַלט, עקזיס־

מיט בכלל ניט. נאציאָנאל איז יענע אייגענטהימליכע פאָרמע,
אין וועלכער עס גיסט זיך אריין דער אלגעמיין-מענשליכער אינהאלט.
דער תוכן פון דעם קולטורעלען לעבען, וועלכער איז בכלל אומע-
טום דער אייגענער, נעהמט אָן פערשיעדענע קאָלירען, פערשיע-
דענע נאציאָנאלע פאָרמען, ווי באלד ער געהט אריין אין פערשיעדענע-
דענע גרופּען מיט פערשיעדענע געזעלשאפטליכע פערהעלטניסען;
אט דיזע פערהעלטניסען, ביי וועלכע עס ווערען געשטעלט און
פערענטפערט די געזעלשאפטליכע אויפגאבען, ביי וועלכע עס שפּי-
לען זיך אָב די געזעלשאפטליכע סכסוכים, און וועלכע עס פליסט
דאָס געזעלשאפטליכע לעבען, עס ווערען צייטיג די גייסטיגע
שטרעמונגען — אט זיי, דיזע פערהעלטניסען לייגען אַרויף אַ נאציאָ-
נאלען שטעמפּעל אויף דער קולטור. דער שטראהל פון געזעלאשפט-
ליכען לעבען, פון סאָציאלען קאמפּף, אריינטרעטענדיג אין אַ גרופּע
מיט אַ בעשטימטען נאציאָנאלען קאָליר, נעהמט אויך אָן אַ בעע-
שטימטע פאַרב.

עס ענטוויקעלט זיך דער לעבען, די פערהעלטניסען בייטען
זיך, עס שטויסען זיך צוזאמען פערשיעדענע אידעען, און אינעווייניג
אין דיזען פערפלאָנטערטען און פערוויקעלטען פּראָצעס ליגט פער-
באָרגען דער גוף פון דער געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג, ריכטיגער
געזאָגט, זיין הויפּט-פרושינע-דער קלאסען-קאמפּף.

מיר לייגען צו אונזערע קרעפטען צו דיזער פרושינע און
דרייהען איהר אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אונז; די פיינדליכע קרעפ-
טען שלעפּען איהר אין אַנ'אַנדער זייט. מיר ראַנגלען זיך; לויט
דעם הויפּט-יסוד פון דעם קאַמפּף גרופּירען זיך פון ביידע צדדים
אַלע יענע עלעמענטען, וועלכע שפּראָצען אַרויס פון דיזען פונ-
דאַמענט; עס ווערען בעשאפען געוויסע געזעצען, דינים, תקנות,
עס קומען אויף פערשיעדענע גייסטיגע שטרעמונגען, עס שניידט
זיך אויס דער אָדער יענער פּסיכאָלאָגישער טיפּ, בקיצור, עס וויקעלט
זיך פאנאנדער דאָס לעבען אין אַלע זיינע רייכע פערשיעדענע פאָר-
מען און געשטאלטען. מיר נעהמען דאָס לעבען, וועלכער האָט איינ-
געבליהט אין די גרענעצען פון אַ בעשטימטען נאציאָנאלען אָרגאַניזם,
פערגלייכען איהם מיט'ן בילד פון אנדערע נאציאָנאלע גרופּען. מיר
בעמערקען, אַז אין געוויסע פּרטים זענען זיי ענהליך, אין אַנדערע
איז דאָ צווישען זיי אַ חילוק; די שפּראַך איז ניט די אייגענע, די

פסיכאָלאָגיע איז אַנ'אַנדערע, עס זיינען פערשידען די פערהעלטניסען פון די געזעלשאַפטליכע קרעפטען, די רעכטען זיינע זיינען אַנדערע. דער גוף איז דער אייגענער, די אויבערשטע הויט איז אַנ'אַנדערע. וואָס־זשע פאַר אַ בעדייטונג האָט פאַר אונז די פערשידענהייט פון דער הויט? דאַרפען דען מיר זאָרגען דערפאַר, אַז דער חילוק זאָל האָבען אַ קיום, אַז דיזער אָדער יענער גוף זאָל זיין איינגעוויקעלט אין איינענטהימליכע פאָרמען? דאַרפען מיר דאגה'ן אַז דיזע פערשידענהייטען זאָלען זיך פערשטאַרקען און פערבלייבען אויף שטענדיג?

אַוודאַי ניט. — מיר זיינען ניט קיין נאַציאָנאַליסטען.

קוקען מיר מיט אַ קרומען אויג אויף דיזע פערשידענהייטען? דאַרפען מיר און צו איז'זוכטיג פאַר אונז, אַז די גופים זאָלען זיין איינגעוויקעלט אין דער זעלבער הויט? צו דאַגה'ן מיר דערפאַר, אַז די פערשידענע נאַציאָנאַלע געשטאַלטען זאָלען אָנ'נעהמען דיזעלבע פאָרם?

אַוודאַי ניט. — מיר זיינען ניט קיין אַסימילאַטאָרען.

מיר פיהרען דעם קלאַסען־קאַמפף, קעהרען די הויפט־פראַזשינע, גיבען אַ בעשטימטע ריכטונג דעם הויפט־שטראַהל. אָט דאָ ליגען אונזערע אויפגאַבען, אָט דאָ איז דאָס פעלד פון אונזערע ציעלען. מיר ראַטען אָב אַלץ, וואָס לאָזט אונז ניט קירעווען נאָך אונזער בעגעהר אונזער פראַזשינע; פון דיזען שטאַנדפונקט שאַצען מיר אָב אַלע ערשיינונגען.

אין זיין ענטוויקלונג נעהמט אָן דער קלאַסען־קאַמפף פערשידענע נאַציאָנאַלע פאָרמען, פערוויקעלט זיך אין אַנ'אייגענטהימליכען שלייער, דער שטראַהל פאַרבט זיך אָב אין דיזען אָדער יענעם נאַציאָנאַלען קאָליר. דאָס ליגט שוין מחוץ לתחום פון אונזערע ציעלען. דאָ זיינען די רעזולטאַטען פון אַ בלינדען פראָצעס, אויף וועלכען מיר האָבען קיין שליטה ניט.

דער טעות פון די נאַציאָנאַליסטען און אַסימילאַטאָרען בעשטעהט אין דעם, וואָס דיזע רעזולטאַטען נעהמען זיי אָן פאַר ציעלען.

זאָל זיין, אַז די געשיכטע האָט גוזר געווען, אַז די אידען דאַרפען זיך אַסימילירען צווישען אַנדערע פעלקער. מיר פון אונזער צד וועלען ניט לייגען קיין כחות ניט אויף אָבצוהאַלטען דיזען פראָצעס, ניט אויף אונטערצוהאַלטען איהם. מיר מישען זיך גיט אין

דעם; מיר זענען נייטראַל. אמת, מיר זענען געגען די אַסימילאַטאָ=
רען, וועלכע ציעלען זיך צו דיזער אַסימילאַציע; נאָר מיר קעהרען
זיך אָב פון זיי ניט דערפאַר, מחמת מיר האָבען מורא פאַר דער
אַסימילאַציע, נאָר דערפאַר, ווייל זי קען ניט געשטעלט ווערען אַלס
אַנ'אויפגאַבע, זי קען נאָר זיין דער רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפט=
ליכער ענטוויקלונג, מיר זענען ניט געגען אַ ס י מ י ל אַ צ י ע, מיר
זענען געגען אַסימילאַציאָנס=ש ט ר ע ב ו נ ג.

זאָל זיין, אַז דער געשיכטע געלוסט זיך, דאָס ביי די אידען
זאָל פאַנאַנדערבליהען אַנ'אייגענטהימליכע קולטור; מיר וועלען
זיך ניט סטאַרען אָבצוהאַלטען דיזען גאַנג, מיר וועלען אויך ניט
דאַגה'ן פאַר זיין ערפאָלג, מיר מישען זיך ניט דערינען; מיר
זענען נייטראַל. אמת, מיר זענען געגען די נאַציאָנאַליסטען, וועלכע
שטעלען זיך פאַר אַנ'אויפגאַבע ניט אַנדערס אַיינצוהאַלטען די
אידישע קולטור. נאָר געגען זיי זענען מיר ניט צוליעב דעם, וואָס
מיר ווילען ניט אַ נאַציאָנאַלען קאָליר פון דער קולטור, נאָר דער=
פאַר, ווייל מיר האַלטען ניט פאַר אַנ'אויפגאַבע אַיינצופלאַנצען
איהר. מיר זענען ניט געגען דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן כ אַ ר אַ ק=
ט ע ר פ ו ן ד ע ר ק ו ל ט ו ר, מיר זענען געגען דער נ אַ צ י אָ=
נ אַ ל י ס ט י ש ע ר פ אָ ל י ט י ק.

מיר פערהאַלטען זיך נייטראַל צו יענע פראַגען, וועלכע זענען
אין דעם אָדער יענעם געביעט כאַראַקטעריסטיש פאַר די בורזשואַזיע.
אין ד י ז ע ר פ אָ ר ם לייקענען מיר אָב די נאַציאָנאַלע פראַגע,
אין ד י ע ז ע ר ג ע ש ט אַ ל ט איז זי אונז ניט נונע.

נאָר אויף אַנ'אַנדער אופ'ן שטעלען מיר זי פון דאָס ניי. אין
אַנ'אַנדער זין זענען מיר ניט גלייכגילטיג, מיר מישען זיך אַריין אין
דעם גאַנג פון לעבען מיט דער גרעסטער ענערגיע און שטייפקייט.
און אָט אין וואָס פאַר אַ זינען עס עקזיסטירט פאַר אונז די נאַציאָ=
נאַלע פראַגע. וואָס פאַר אַ גאַנג די געשיכטע זאָל ניט אָננעהמען,
וועלכע האָפנונגען דער היסטאָרישער פראָצעס זאָל ניט געבען דער
נאַציאָן, צו איז איהר באַשערט אָנצוווערען אָדער צו פערשטאַרקען
איהר אייגענטהימליכע נאַציאָנאַלע געשטאַלט, דיזער פראָצעס מוז
על כל פנים אָבגעהן גלאַט און פריי. יעדער צוואַנג, יעדע
אונטערדריקונג, סיי דירעקט, סיי אונדירעקט, מוז בעזייטיגט ווערען,
נאָר די אינעווייניגסטע בעדערפניסען פון דעם פאָלקס=לעבען דאַר=

בּעֶן שפּילעֶן אַ ראָלעֶ אין דעם פּראָצעס פוּן אויסאַרבּייטעֶן קולטורעֶלעֶ
פאָרמעֶן, נאָר דיזעֶ אינעֶווייניגסטעֶ בּעֶדערפניסעֶן האָבּעֶן דאָס רעֶכט
אוים צו'טענה'ן זיך בּיים דין תורה צווישעֶן די „אייגעֶנעֶ" און „פרעֶמדעֶ"
פאָרמעֶן פון דעם נאַציאָנאַלעֶן לעֶבּעֶן; אָן שום מניעות מוז זיך עֶנטוויק-
לעֶן די מלחמה פאַר'ן לעֶבּעֶן פון די קולטורעֶלעֶ פאָרמעֶן, וואו די
ווייניגעֶר צוגעֶפּאַסטעֶ געֶהעֶן צום גרונד, אָבּטרעֶטעֶנדיג זייעֶר פּלאַץ
פאַר יענעֶ, וואָס טויגעֶן און פּאַסטעֶן בּעֶסעֶר פאַר די מעֶנשליכעֶ בּעֶ-
דערפניסעֶן. דעֶר פאָלקס-אָרגאַניזם, פריי פון יעֶרעֶרעֶן אויסעֶרעֶן דרוק,
דאַרף אַליין, דורך זיין אייגעֶנעֶר עֶנטוויקלונג, בּעֶשטימעֶן זיין גורל.

עֶס וואָלט געֶווען אַ גראָבּעֶר פעֶהלעֶר אַרויסצוטרייסלעֶן די קאָר
אין איינעֶם מיט די פּסולת, אָבּצולייקענעֶן אין גאַנצעֶן די נאַציאָנאַלעֶ
פראַגעֶ, מחמת וואָס? — וויל מיר קעֶנעֶן ניט מסכים זיין מיט
דעֶם, ווי די בּורזשואַזיעֶ שטעֶלט דיזעֶ פראַגעֶ. עֶס וואָלט
געֶווען אַ גראָבּעֶר פעֶהלעֶר, ווען די קריטיק פון די פיינדליכעֶ
שטרעֶמונגעֶן זאָל אונז אַזוי ווייט פערבּלעֶנדעֶן, אַז מיר זאָלעֶן היני-
טעֶר דיזעֶ פיינדליכעֶ שטרעֶמונגעֶן ניט בּעֶמעֶרקעֶן די מעֶגליכקייט
ריכטיג צו שטעֶלעֶן די נאַציאָנאַלעֶ פראַגעֶ פון אונזעֶר פראָלעֶטאַ-
רישעֶן קלאַסעֶן-שטאַנדפּונקט; עֶס וואָלט געֶווען אַ פעֶהלעֶר צו טעֶ-
נה'ן אין איין קול, אַז מיר מוזעֶן זיך פון איהר אָבּזאָגעֶן, אָנשטאָט
דעֶם צו פּרובּעֶן שטעֶלעֶן איהר אויף אַ ריכטיגעֶן יסוד. אין אַנ'אַנדעֶר
פאָרם, אין אַנ'אַנדעֶר שטח, אין אַנ'אַנדעֶר אופן, און צוליבּ אַנדעֶרעֶ
אויפגאַבּעֶן עֶקזיסטירט די נאַציאָנאַלעֶ פראַגעֶ אויך פאַר אונז.

דעֶר קאַמפּף פאַר נאַציאָנאַלעֶ פרייהייט הייסט נאָך ניט
נאַציאָנאַליזם — האָבּעֶן מיר אויבּעֶן געֶזאָגט. עֶר ווערט נאַציאָ-
נאַליסטיש נאָר פון יענעֶם מאָמעֶנט אָן, ווען אויף דעֶר נאַציאָנאַלעֶר
בּעֶוועֶגונג ווערט אַרויפגעֶלייגט יענעֶר אייגעֶנטהימליכעֶר בּורזשואַזעֶר
שטעֶמפּעֶל, וועֶלכעֶן מיר האָבּעֶן אויבּעֶן כאַראַקטעֶריזירט. נאָר דיזעֶר
קאַמפּף געֶגעֶן דעֶר נאַציאָנאַלעֶר אונטעֶרדריקונג קעֶן פריי זיין פון
יעֶרעֶן בּורזשואַזעֶן ריח, און דאַמאָלס וועט עֶס זיין אַ בּעֶפריאונגס-
קאַמפּף, אַנ'אמת-פּראָגרעֶסיוועֶ אַרבּייט. נאָר ניט נאָר וואָס זי קען,
זי ד אַ ר ף זיך פיהרעֶן אין דיזעֶן ריינעֶם געֶשטאַלט, פריי פון אַלעֶ
רעֶאַקציאָנעֶרעֶ עֶלעֶמעֶנטעֶן. דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט דאַרף איהם אַריינ-
שטעֶלעֶן אין די סיסטעֶם פון זיין בּעֶפריאונגס-קאַמפּף. עֶס איז ניט
גענוג פאַר'ן פּראָלעֶטאַריאַט בּלויז אָבּצוטרייסלעֶן זיך פון די

בּירזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבּונגען, ער מוז עס נעהמען אין זיינע הענד, פיהרען אויף זיין שטייגער, ווייל דאָס פאָדערט זיין קלאַסען־אינטערעס אין דער ריינער געשטאַלט.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז ניט געריכטעט דוקא ספּעציעל געגען דעם אַרבּייטער־קלאַס; זי איז געריכטעט געגען דער גאַנצער נאַציאָן. נאָר פאַלענדיג אויף איהרע פערמעגענדע און געבּילדעטע קלאַסען אויך, לייגט זי זיך מיט דער גאַנצער משא אויפ'ן אַרבּייטער־קלאַס, וועלכער פערנעהמט די אונטערשטע שטופע אויפ'ן געזעלשאַפטליכען לייטער און וועלכער פיהלט נאָך שטאַרקער אויף זיינע פּלייצעס די קלעפּ, וועלכע עס שטעהט אויס די גאַנצע נאַציאָן.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג שטיקט דעם קולטורעלען לעבּען. די מניעות, וועלכע די מוטער־שפּראַך און די ליטעראַטור בּעגעגענען, מוזען זיך אויפ'ן שעדליכסטען אופן אָבּרופען אויף די אונמיטעלבּאַרע אינטערעסען פון דעם אַרבּייטער. ער קען ניט קיין פרעמדע שפּראַך, ער לעזט ניט קיין פרעמדע צייטונגען. זיין אונטערדריקטע שפּראַך און ליטעראַטור — איז דאָס איינציגע פענסטער, דורך וועלכען ער קען זיך אַריינציהען אין קולטורעלען לעבּען, ענטוויקלען זיין בּעוואוסטזיין, פערבּרייטערען זיין השכלה. דיזעס פענסטער ווערט פאַר איהם צוגעמאַכט. דער פּראָלעטאַריער איז אָבּגעשניטען פון קולטורעלען לעבּען.

די אונטערדריקענדע מלוכה אַנערקענט ניט זיין מוטער־שפּראַך, זי גיט אַרויס געזעצען, דרוקט פעראָרדנונגען אין אַ שפּראַך, וועלכע איז אונבּעקאַנט דעם פּראָלעטאַריער; די משפטים ווערען אויך געפיהרט אויף אַן־אונבּעקאַנטער שפּראַך, דאָס זעלבּיגע איז מיט אַלע ענינים, וואָס טהוען זיך אָבּ אין די קאַנצעלאַריעס. דער אַרבּייטער איז אָבּגעשניטען פון דעם מלוכה־לעבּען, ער בּלייבּט שטעהען הינטער דעם בּירגערליכען און פּאָליטישען לעבּען, די מלוכה־מאַשין שטיקט איהם, און ווערגט איהם אָהן רחמנות, און ער איז ניט בּכח צו פערטהיידיגען זיך.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג בּעשאַפט אַ פעראַכטונג צו די אונטערדריקטע, זי מאַכט זיי שפל, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געהערען צו אַ נידעריגערען סאָרט מענש, פלאַנצט אין זיי איין די פּסיכאָלאָגיע פון אַ שקלאַף — אַ מורא'דיגער קלאַפּ פאַר די ענט־

ווִיקלונג פון דער אמת'ער קלאַסען־פּסיכאָלאָגיע פון דעם זעלבסט־בעוואוסטען פּראָלעטאַריאַט.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג — און דאָס איז איינער פון איהרע גרעסטע תּהרונות — שמיעדט צונויף אין איינעם אַלע טיילען פון דער אונטערדריקטער נאַציאָן. דער נאַטירליכער געפיהל פון ווידערשטאַנד איז מקרב איינע מיט די אַנדערע די פיינדליכע קלאַסען. זיי פעראייניגען זיך אין נאָמען פון דער זעלביגער שנאה צו דעם אונטערדריקער פון דער פרעמדער נאַציאָן, פון דער שנאה, וועלכע וואַקסט אויס אויפ'ן באָדען פון אונטערדריקונג. די פאַנאַטישע צוגעבונדענקייט צו אַלץ, וואָס איז „איינענע" איז אַזוי טייער, אַז מען פערגעסט דערביי די היימישע מחלוקות. דער „אויסערער" פיינד שטויסט אַרויס דעם „אינערען"; די נאַציאָנאַלע הפכים פערשטעלען די קלאַסען־געגענזאַצען, די דרשות וועגען נאַציאָנאַלער אחדות אין נאָמען פון אַנ'אַלגעמיינעם קאַמפּף געגען דעם אַלגעמיינעם פיינד פערהילכען דעם אויפרוף צום „בירגער־קריעג" פון דעם עקספּלואַטירטען קלאַס, וועלכער שטעהט אויף געגען דעם קלאַס עקספּלואַטאַטאָרס. די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע געפיהלען בליהען פאַנאַנדער שטאַרק און ברייט, פערגיפטענדיג די גייסטיגע לופט, אָנפיהלענדיג איהר מיט אַלערליי מינים רעאַקציאָנערע שטימונגען און אינסטינקטען. דער פּראָלעטאַריאַט שטיקט זיך אין דיזער פער'סמ'טער לופט: עס ווערען בעשאַפען די אונגינסטיגע בעדינגונגען פאַר די ענטוויקלונג פון זיין קלאַסען־בעוואוסטזיין. ווען מיר זאָלען זיך נאָר דערמאָנען אָן יענע שעדליכע ווירקונג, וועלכע די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ברייננגט אויך דער הערשענדער נאַציאָן, אַפילו איהרע פּראָלעטאַרישע שיכטען, וועלען מיר בעקומען אַ פאָלשטענדיגען בילד פון יענע אַלע צרות, וועלכע די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ברייננגט דעם אַרבייטער־קלאַס.

און ווי באַלד עס איז דאָ אַזאַ צרה, מוז מען געגען איהר קעמפּפען. ווי באַלד עס עקזיסטירט די אונטערדריקונג, דאַרפען מיר געפינען מיטלען אויף צו בעזייטיגען איהר. עס איז שוין לאַנג צייט אַרויסצופיהרען די נאַציאָנאַלע פראַגע פון יענער לאַגע, וועלכע זי פערנעהמט אין איינינע סאָציאַלדעמאָקראַטישע קרייזען: עס האָט ניט קיין טעם און קיין זינען, וואָס מען קוקט אויף

איהר אַזוי קרום, עס איז גאָר קיין שכל ניט, וואָס מען נעהמט זיך פאַר איהר מיט אַ אַ שוואַכען חשק. עס פערשטעהט זיך, מיר דאַרפען ניט געהן אויפ׳ן וועג פון אַלערליי מינים נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע פערלירען יעדען ברייטען היסטאָרישען בליק און וועלכע שטעלען די נאַציאָנאַלע פראַגע אין מיטעלפונקט פון זייער פראָגראַם, מיר דאַרפען געדיינקען, אַז דאָס איז ניט די עיקר־פראַגע, נאָר איינע פון די פיעלע פראַגען וועגען אונטערדריקונג בכלל, און דעריבער מוז זי פערנעהמען אַן אָרט נעבען די אַנדערע. איהר ראָלע אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראָגראַם דאַרף זיין ניט מעהר, איידער די ראָלע פון אַנדערע וויכטיגסטע פראַגען.

ניט מעהר, נאָר אויך ניט וועניגער! עס איז שעדליך, ווען מען בלאָזט עס צו שטאַרק פאַנאַנדער, עס איז אָבער אויך ניט וועניגער שעדליך, ווען מען שטרייכעלט איהר אויס, עס איז ניט וועניגער שעדליך, ווען מען לאָזט זי אויסען אין גאַנצען. הערט נאָר, וואָס עס זאָגען אונז איינינגע סאָציאַלדעמאָקראַטען, וועלכע האָבען נאָך אַ פּנים ניט געפונען פאַר נויטיג אָבצורייניגען זיך פון אַסימילאַטאָרישע געגנג:

„אין רוסלאַנד האָבען נאָך די סאָציאַל־דעמאָקראַטען ניט וואָס צו אײלען זיך מיט׳ן אויסאַרבייטען אַ דעטאַלע דעקלאַראַציע וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע און קענען זיך בענוגענען מיט דער פרינציפּיעלער ערקלערונג אין מאַניפעסט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, וועלכע אַנערקענט די זעלבסט־בעשטימונגס־רעכט פאַר אַלע נאַציאָנען. דיזע ערקלערונג דריקט אויס פאָלשטענדיג קלאָר און דייטליך דאָס אַלגעמיינע פערהאַלטען זיך צו אַלע נאַציאָנען פון רוסלאַנד, און דאָס איז דערוועיל פאָלשטענדיג גענוג*).

וואָס פערשטעהט דער מחבר אונטער דעם וואָרט „דעטאַלע״ דעקלאַראַציע זעהט מען דערפון, וואָס דאָ ווערט געפיהרט אַ פּאָלעמיק געגען דער רעזאָלוציע פון 4־טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד״, וועלכע האָט אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. דיזען אַלגעמיינעם פּרינציפּ האַלט דער מדקדק פון דער „ריינער״ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם פאַר אַ צופיעל

*) „זאריא" נומער 4 „וועגען דער אידישער ארבי טער-בעוועגונג אין רוסלאנד".

„דעטאַלען"; פאַר איום איז גענוג דער פונקט וועגען זעלבסט=
בעשטימונג. ער קען „רוהיג ווארטען". און וואָס בעדייט דיזער
פונקט וועגען זעלבסטבעשטימונג. וועלכער „איז פאָלשטענדיג
קלאָר און דייטליך"? וועגען דעם לעזען מיר אין „איסקראַ"
(נום. 33 „פון דער פּאַרטיי") פאָלגענדעם:

„די פאָדערונג אַנצוערקענען דאָס רעכט אויף זעלבסטבעשטי=
מונג פאַר יעדע נאַציאָן בעדייטעט נאָר דאָס, אַז מיר, די פּאַרטיי
פון פּראָלעטאַריאַט, דאַרפען זיין שטענדיג און אונבעדינגט געגען
יעדען פערזוך צו ווירקען פון אויסען מיט געוואַלד=מיט=
לען אָדער מיט אונגערעכטיגקייט אויף די זעלבסט=
בעשטימונג פון פאָלק.

גאַנץ פיין. אָט דאָס אַלזאָ איז די פּראָגראַם פון „איסקראַ"
בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע: מיר זענען שטענדיג קעגען
יעדען פערזוך צו ווירקען מיט געוואַלד=מיטלען אָדער אונגערעכ=
טיגקייט אויף די נאַציאָן. דאָס איז בלא ספק קלאָר און דייטליך,
מיר קענען נאָר בעדויערן, וואָס דיזע קלאָרע און דייטליכע פאָר=
מולירונג ווערט דערטרונקען אין אַ שטראָם פון אַסימילאַטאָרישע
געפיהלען. נאָר ניט דאָס זענען מיר אויסען. ניט שוין זשע איז
דער מאמר: מיר, די פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, דאַרפען ניט
דערלאָזען געוואַלדטהאַטען געגען אַ נאַציאָן — שוין אַ פונקט פון
פּראָגראַם? ניט שוין זשע איז דאָס אַן'ענטפער פון דער פּראָגראַם
אויף די פראַגע? צו איז ניט דייטליך, אַז אין דיזער פראַזע איז
נאָר ערשט גענעשטעלט געוואָרען די פראַגע, ד. ה. ס'איז
איבערגע'חזר'ט געוואָרען מיט אַנדערע ווערטער די פּאָראויסזעצונג
אויף צו לעזען איהר? די פּאָראויסזעצונג איז קלאָר און דייטליך;
די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג עקזיסטירט, מיר מוזען קעמפפען
געגען איהר. נאָר פון אַ פּראָגראַם פאָדערט מען דאָך ניט נאָר די בלויזע
פאָרמולירונג פון דער פראַגע — זי קען אין בעסטען פאַל פערנעהמען
אַ פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער הקדמה; פון די פּראָגראַם=פונקטען ער=
וואַרטען מיר אַן'ענטפער אויף די פראַגע, מיר פאָדערן, זי זאָל
איהר לעזען. אָבער אָנשטאָט אַן'ענטפער און אַ לעזונג איז מען
אונז מכבד מיט דער אייגענער פראַגע נאָך אַ מאָל, וועלכע איז נאָר
איבערגע'חזר'ט מיט אַנדערע ווערטער. מיר שטעלען דער פּראָג=
ראַם אַזאַ שאלה: וואָס דאַרף די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויפטהון,

כדי צו בעזײטיגען די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ? און מיר קריגען אַזאַ מין נעהויבענע תשובה : „מיר, די פּאַרטײַ" פון פּראָלעטאַריאַט, דאַרפען זײַן שטענדיג און אונבעדינגט"... געגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אַ שײנעם יאשר כח !

מיר וואָלטען אַ בעלן געווען צו וויסען , וואָס וואָלטען געזאָגט די זעלביגע חברים , ווען אין אַ וועלכער עס איז פּראָגראַם וואָלט אין די פּונקטען , וואו עס רעדט זיך וועגען ערבות געגען דער פּאָליטישער אונטערדריקונג , געשטאַנען אַזאַ מין שעהנע מליצה : מיר , די פּאַרטײַ פון פּראָלעטאַריאַט , זענען שטענדיג און אונבעדינגט געגען דער פּאָליטישער געוואַלד , און אָנשטאָט דער עקאָנאָמישער פּראָגראַם וואָלט געשטאַנען אַזאַ פּונקט : מיר, די פּאַרטײַ פון פּראָלעטאַריאַט , זענען שטענדיג און אונבעדינגט געגען דער עקאָנאָמישער אונטערדריקונג .

וואָלט מען אַזוינע חקירות אַרויסגעשטעלט בנוגע צו אַנדערע פראַגען , וואָלט מען אפשר אָנגעהויבען מספק צו ווערען, צו איז זײער מחבר בײם קלאָרען דעת : דאָ געהט אַלם גלאַט אַראָב און קײנער חדוש'ט זיך אפילו ניט .

אַ פּנים , אַז דער ענין איז ניט גאָר אַזוי גלאַט , אַז אַזעלכע „פאָדערונגען" דאַרפען ניט פערנעהמען קײן אָרט אין אַ פּראָגראַם , אַז אָדער מען דאַרף לגמרי אַרויסוואַרפען דיזען פּונקט גופא , אָדער דעם פּרוש, וואָס „איסקראַ" מאַכט אויף איהם, עס איז אויך קלאָר, אַז עס מוז נעהמען אַ כוף צו די אוננאָרמאַלע לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די נאַציאָנאַלע פראַגע .

די שאלה פאָדערט אַ תשובה , און ניט יאָגענדיג זיך נאָך די אײנצעלנע דעטאַלען דאַרפען מיר געבען אַנ'ענטפער אויף איהר בכלל אין דער זעלביגער צײט , ווען מען גיט אַנ'ענטפער אויף אַלע איבעריגע פּונקטען פון דער פּראָגראַם , ד. ה. טאַקע איצט גופא , ניט אָבלײגענדיג איהר ביז משיח וועט קומען .

די פראַגע, שטעהט אזוי : אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע אונטער־דריקונג רופט זיך אָב שעדליך אויף דער לאַגע פון פּראָלע־טאַריאַט , פערהאַלט זײַן ענטוויקלונג און איז אַ שטערונג פאַר זײַן קלאַסען־קאַמפּף , מוז מען — אויף וויפיעל דאָס איז איבער־הויפּט מעגליך בײַ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — פערהיטען יעדע נאַציאָן פון דיזער אונטערדריקונג . מען מוז בעשאַפען

גאַראַנטיעס, וועלכע פערזאָרגען פאַר יעדער נאַציאָן די פאָל-שטענדיגע פרייהייט פון קולטורעלער ענטוויקלונג, וועלכע בעזייטיגען אַלץ, וואָס עס דריקט און צוקאַליעטשעט איהר.

אין וואָס בעשטעהט דיזע בעוואָרענעס? וואָס פאַר גערעצען און איינריכטונגען דאַרפען מיר זעהען צו דערשלאָגען זיך? מיט אַנדערע ווערטער, וואָס פאָדערט אונזער פּראָגראַם בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פּראַגע?

---

## II.

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר זיך גענאַבאַרעט אויפצו-קלערען יענע פּרינציפּיעלע פאָראויסזעצונגען, אָהן וועלכע עס איז נאָך אונזער מיינונג לחלוטין אוממעגליך צו שטעלען ריכטיג די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַז זי זאָל שטימען מיט דער גאַנצער סאָצ. דעמ. פּראָגראַם.

איצט האָבען מיר בדעה איבערצוגעהען צו דער לעזונג פון אָט דער פראַגע און פערנעהמען זיך מיט דער קריטיק פון יענע אַלגעמיינע מיטלען, ריכטיגער געזאָגט, פון יענע דירעקטיוועז, וועלכע מען שטעלט אַרויס אַלס אַנ'ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

נור קודם כל מוזען מיר מאַכען אַ נויטיגע בעמערקונג. עס קומט אויס זעהר אָפט צו ריידען וועגען מיטלען, וועלכע זאָלען פער-וואָרענען פון אונטערדריקונג די קולטורעלע ענטוויקלונג פון אַ נאַ-ציאָן, וועגען ערבות געגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און אַז. וו. מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטשטעלען, אַז אַזוינע אויסדריקען ווי „ערבות“, „גאַראַנטיעס“ און כדומה דאַרף מען דאָ פערשטעהען אין אַ גאַנץ בעשטימטען זינן. מיר וויסען גאַנץ גוט, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג קענען ניט געמאָלט זיין וועלכע ס'איז אַבסאָליוטע ערבות, וואָס זאָלען לחלוטין פערוואָרענען די אָדער יענע קאַטעגאָריע בירגער פון דעם אָדער יענעם מין אונטערדריקונג. די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אונזער צייט, פונקט ווי אַלע אַנדערע פראַגען איז פערקניפּעלט און אָרגאַניש פערבונדען מיט די עצם יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט, און כל זמן עס וועט ניט בעזייטיגט ווערען די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ,

וועלכע רופט אר.ים כסדר נאַציאָנאַלע מחלוקת, כל זמן עס וועלען ניט בעזייטיגט ווערען די אַלע פּאָליטישע און גייסטיגע שטרעבונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועט קיין זאַך אין דער וועלט ניט קענען דיענען פאַר אַ „רפואה שלמה" פון די נאַציאָנאַלע סכסוכים און גוואַלד. אפילו די פאָלקאָמענסטע געזעצגעבונג איז אָהנמעכטיג געגען אַזעלכע פאָרמען פון נאַציאָנאַלע סיכסוכים, ווי צ. ב. דער געזעלשאַפטליכער באָיקאָט, וועלכער האָט די מעגליכקייט לויט נאָך זיין עצם כאַראַקטער דורכצושפּאַרען זיך דורך די נעצען פון די מלוכה-תקנות און געפינען זיך איין אָרט אין די געזעלשאַפטליכע און פערזענליכע בעציהונגען.

אַבסאָלוטע ערבות געגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג קענען מיר אין דער בורזשואַזער וועלט ניט האָבען, אַקוראַט ווי מיר קענען ניט האָבען איצט אַזעלכע ערבות געגען אַלע אַנדערע סאָציאַלע און פּאָליטישע צרות, וועלכע קענען בעזייטיגט ווערען ערשט דאַנן, ווען מיר וועלען פּטור ווערען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט; אָט צוליעב דעם טאַקי געהען-אַריין די פאָדערונגען, וועלכע זענען נוגע די נאַציאָנאַלע פראַגע, אין אונזער פּראָגראַם-מינימום, דאָס הייסט אין יענעם טייל פון אונזער פּראָגראַם, וועלכער אויסטייטשענדיג די פאָדערונגען, וואָס מיר שטעלען אַרויס דער בורזשואַזער וועלט, איז בעצם נור אַ צייטווייליגע סגולה, וועלכע זאָל אויף דערווייל פערגרינגערן די עקסיסטענץ פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין אָבריינגען איהם דעם וועג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אָט פאַר וואָס בעת מ'רעדט וועגען פערוואָרענען געגען נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, דאַרף מען פערשטעהען, אַז מען מיינט דערביי — הגם מען טייטשט עס ניט אויס בפּירוש — „אויף וויפיעל אַזוינע פערוואָרענעם זענען איבערהויפּט מעגליך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג". אָט פאַר וואָס מען טאָר לחלוטין ניט אָנגעבען אונזער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פאַר אַ „רפואת שלמה", פאַר אַ מין כשופ'דיגע סגולה, וועלכע האָט בכח אויסצוואָרצלען פון דער וועלט די נאַציאָנאַלע סכסוכים, כל זמן עס עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליזם, — קענען מיר נאָר בלויז גרינגער מאַכען דעם נאַציאָנאַלען קאַמפּף און דאָס האָט אַ מורא'דיגע בעדייטונג, וועלכע מען טאָר ניט שעצען צו נידעריג — מיר קענען איהם איינשרענקען, אַז זיין שליחה זאָל ניט געהען ווייטער פון יענע קרייזען, אויף וועלכע אונזער פּאָליטישע

אַרבייט קען קיין ווירקונג ניט האָבען, מיר קענען אָבשוואַכען זיין
קראַפט און בעדייטונג; מיר האָבען בכח — דאָס קען געמאָלט זיין
ביי בעזאָנדערס גינסטיגע בעדינגונגען — דאָ אָדער דאָרטען אויף
אַזוי פיעל אָבשוואַכען זיין שעדליכקייט ביז צום קלענסטען גראַד —
נאָר ע ר ב זיין, אַז מיר וועלען אויסוואָרצלען אין גאַנצען דעם נאַ=
ציאָנאַלען קאַמפף, דאָס וואָלט געווען פון אונזער צד אַזאַ פּאָליטי=
שער שווינדעל, אַ קוראַט ווי די הבטחות פון די סאָציאַל=רעפּאָרמאַטאָרס
צו ברייננגען דעם סאָציאַלען שלום, ניט אָבשאַפענדיג דעם
קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס=אופן.

דאָס מוז מען געדיינקען, נאָר ניט וועניגער וויכטיג איז אויס=
צומיידען אַנ'אַנדער טעות, וועלכער קען בריינגען נאָך צו געפעהר=
ליכע רעזולטאַטען. אַנדערע מיינען אַזוי: היות די נאַציאָנאַלע
פּראָגראַם איז ניט מעהר ווי אַ צייטווייליגע סגולה, דאַרפען מיר זיך
איבערהויפּט בענוגענען מיט אַ קלייניגקייט און אָבזאָגען זיך פון
אַרויסצושטעלען ברייטערע פאָדערונגען: סיי ווי סיי, הייסט עס, וועט
מען מיט אַ לעפעל ניט אויסשעפען דעם ים. עס איז גאָר איבעריג
צו זאָגען, ווי ווייט אַזאַ פּאָליטיק איז שעדליך. אונזער פּראַקטישע
פּראָגראַם איז מינימאַל אין פערגלייך מיט דער גאַנצער גרויס פון
דער סאָציאַלער איבערקעהרעניש, צו וועלכער די סאָצ. דעמאָק.
צילט זיך; זי איז מינימאַל אין פערגלייך מיט דער סאָציאַליסטישער
געזעלשאַפט; אָבער בנוגע צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפט
מוז זי זיין אָהן שום ספק מ אַ ק ס י מ אַ ל, זי מוז זיך סטאַרען
צו נעהמען ביי איהר אַלץ, וואָס זי האָט נאָר בכח צו געבען. ניט
בעשאַפענדיג קיין פּוסטע חלומות וועגען די גרויס פון די הנחות, וועלכע
די בורזשואַזע געזעלשאַפט קען אונז געבען, ניט זענעדיג געגאַרט אין
דעם, ווי ווייט אונזערע ערובערונגען קענען האָבען אַ פעסטען קיום
דאַרפען מיר דאָך פון דעסטוועגען ניט איינשרענקען זיך אַליין מיט'ן
גוטען ווילען, אַרויסשטעלען מיט עניוות קליינע פאָדערונגען, טרייס=
טענדיג זיך דערמיט, וואָס אונזערע פאָדערונגען וועלען סיי ווי סיי
אין גאַנצען ניט דערגרייכט ווערען. אָט טאַקי צוליב דעם, וואָס
די בורזשואַזע אָרדנונג וועט שוין אַליין זאָרגען דערפאַר, אַז מ'זאָל
אונז בעשרענקען, דאַרפען מיר זיין ווייט פון יעדער ז ע ל ב ס ט=
בעשרענקונג און סטאַרען זיך אַרויסצוריסען ביי דער קאַפּיטאַליס=

טישער אָרדנונג דעם העכסטען סכום, וועלכען מען קען ביי איהר צרויסקריגען.

נאָך דיזע אַלגעמיינע בעמערקונגען, געהען מיר איבער צום עצם ענין.

די נאַציאָנאַלע פראַגע שטעהט פאַר אונז אין 2 געשטאַלטען, און אַט דעם צווייזייטיגען כאַראַקטער איהרען, אין וועלכען מען פערגעסט זעהר אָפט, מוז מען קודם כל בעטראַכטען. די ערשטע פאָרמע איהרע איז — די פראַגע וועגען פאָליטישער אומאָבהענגיג־קייט, וועגען אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַלע מלוכה. אַ מלוכה־נאַ־ציאָן, וועלכע האָט פריהער עקזיסטירט אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער פאָליטישער אָרגאַניזם, ווערט אונטערטהעניג איין אַנדער מלוכה, אַ שטאַרקערער; אַזוי ווי זי ווערט בעהעפט ריין מעכאַניש דורך דעם צוואַנג פון דער פיזישער מאַכט, בעהאַלט זי דעריבער, אַפילו אין אַ ביסעל צוקאַליעטשעטער אונטערדריקטער פאָרמע, איהר אייגענעם סאָציאַל־פאָליטישען לעבען און זי שטרעבט אָבצורייסען זיך פון איהר אונטערדריקער־אויבערהאַר. עס פיהרט זיך אַ קאַמפף פאַר זעלבס־שטענדיגקייט. דער רעזולטאַט איז — ווען דער קאַמפף גיט זיך איין — די פאָליטישע קאַרטע ווערט רייכער מיט נאָך אַ זעלבסטשטענ־דיגער מלוכה. אַט דאָס איז זיין פאָרמע.

די צווייטע זעהט אויס גאַנץ אַנדערש. אין דעם זעלביגען החים פון אַ איין איינציגע־ מלוכה לעבט אַ געוויסע צאָהל נאַציאָנען, וועלכע האָבען פערלאָרען די לעצטע שפורען פון אַזעלבסטשטענדיגער מלוכה־עקזיסטענץ, נאַציאָנען, וועלכע זענען פערקניפּט איינע מיט די אַנדערע אין זייער עקאָנאָמישען און פאָליטישען לעבען, וועלכע זענען אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע אויף איין טעריטאָריע און וועלכע האָבען שוין: אַפילו אויפגעהערט צו קלערען וועגען פאָליטישער אומאַבהענגיגקייט. דאָס איז אַ נאַציאָנאַליטעטען־מלוכה. אַט דאָ שטעהט די פראַגע אַזוי: ווי זאָל מען דערגרייכען, אַז די פערשידענע נאַציאָנען זאָלען לעבען צווישען זיך בשלום אין דער זעלביגער מלוכה; ווי זאָל מען פערוואָרענען, אַז ס'זאָלען צווישען זיי ניט פאָרקומען קיין סכסוכים, אַז די שטאַרקע נאַציאָנען זאָלען ניט שטיקען די שוואַכערע.

בעצם בילרעט נאָר אַט די פראַגע — וועגען דער בעציהונג צווישען פערשיעדענע נאַציאָנען, וועלכע לעבען אין איין מלוכה —

די אמת'ע נאַציאָנאַלע פראַגע אין פאָלען זינען פון וואָרט. די פּאָליטישע אונאָבהענגיגקייט וואָלט געקענט געבען אַ פאָלש-ענדיגען ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע נאָר אין דעם פאַל, ווען די טעריטאָריע, וועלכע שטרעבט צו זעלבסטשטענדיגקייט, וואָלט געווען דורכאויס בעזעסען פון איין נאַציאָן. אָבער אַזוי ווי דאָס איז ניטאָ, און ביי די היינטיגע בעדינגונגען קען דאָס גאָר ניט געמאָלט זיין, ממילא קומט אויס, אַז ווען עס זאָל אַפילו דערגרייכט ווערען „נאַציאָנאַלע" אונאָבהענגיגקייט, וועט די ניי-אויפגעקומענע מלוכה אַליין בלייבען אַ נאַציאָנאַליטעטען-מלוכה, אין אַ קלענערען מאַס-שטאַב, און די פּאָליטיקער וועלען אַליין מוזען זוכען מיטלען אַקוראַט ווי פריהער אויף צו רעגולירען די בעציהונגען צווישען די פערשידענע נאַציאָנען וואָס בעוואָהנען די נייע מלוכה. די פּאָליטישע אונאָבהענגיגקייט ברייננט די נאַציאָנאַלע בעפרייאונג בלויז פאַר יענער נאַציאָן, וועלכע פערנעהמט דעם ערשטען אָרט אין דער בעפרייטער טעריטאָריע. פאַר די איבעריגע נאַציאָנען — ווערט בלויז פערביטען דער אַלטער אונטערדריקער דורך אַ נייעם.

נאָר מערקווירדיג. הגם דער פּאָליטישער סעפּאַראַטיזם איז די אונפאָלקאָמענסטע פאָרמע אויף צו לעזען די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַלס אַ נאַציאָנאַלע (דען אויף צו בעפרייען אַ אונטערדריקטע מלוכה וועט זי שטענדיג זיין דער פּאַסענדסטער מיטעל) פונ-דעסטוועגען איז זי שטאַרק אויסגענומען אין די רייהען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע פערגעסט צוליעב איהר די אַנדערע פאָרמע — די לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער מלוכה גופא, די פראַגע, ווי זאָל מען אָרגאַניזירען אַ נאַציאָנאַליטעטען-מלוכה. און אַזוי ווי די פראַגע אין איהר ערשטער פאָרמע — די פּאָליטישע אונאָבהענגיגקייט — איז פריהער אַרויסגעטראָטען אין דער געשיכטע צוליעב געוויסע טראַדיציעס פון דעם בורזשואַזען געדאַנק, וועלכע האָבען זיך פעסט צוגעקלעבט דאָרטען, וואו זיי האָבען אייגענטליך ניט געדאַרפט געפינען קיין פּלאַץ, — אַט צוליעב דעם פערבינדט מען מיט דעם בעגריף „נאַציאָנאַלע בעפרייאונג" קודם כל די פאָרשטעלונג וועגען פּאָליטישער אונאָבהענגיגקייט, און לויט דיזער פאָרשטעלונג בויט מען געוועהנליך אויף אַ קרומען אין לאָמען יסוד — די אַנזיכטען אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל.

אַט די צוויי פראַגען, וועלכע זיינען בעצם גאַנץ פערשידענ

אֵיינֶע פוּן דִי אַנדֶערֶע, ווערֶען צוּנויפגעֶפלאָנטעֶרט אִינאֵיינֶעם, אוּן דעֶרמִיט עֶרקלעֶרעֶן זִיךְ בִּיז צוּ אַ בּעֶדייַטעֶנדעֶם גראַד אַ סך פוּן יעֶנֶע פּעֶהלעֶרן, ווֶעלכֶע אוּנזעֶרֶע גֶעגנעֶר מאַכעֶן. מִיר ווֶעלֶען אגב בּעֶמעֶרקעֶן, אַז אפילוּ דאַן, וואוּ עֶס אִיז שווֶער אָנצוּנעֶהמעֶן, אַז מֶען מִישט צוּנויף מִיט אַ כּיון אָט דִי בּיידֶע פראַגעֶן, זעֶנֶען דאָךְ ניכּר געֶווִיסֶע געֶוואָהנהייַטעֶן פוּן דעֶם געֶדאַנק, ווֶעלכֶער עֶס האָט זִיךְ עֶרצויגעֶן אִין געֶהאָדעֶוועֶט אויף פאַלשֶׁע טראַדִיציעֶם. צוּם בּייַשפִּיעֶל דֶער מחבּר פוּן דעֶם אויבּעֶנציִטירטעֶן אַרטִיקעֶל אִין נוּמ׳ 4 „זאַריאַ“, ווֶעלעֶנדִיג בּעֶווייַזעֶן, אַז פאַר דִי אִידעֶן אִיז נִיט נויטִיג אוּן אוּנמֶעגלִיךְ נאַציאָנאַלֶע אַוטאָנאָמִיעֶ, בּריינגט אַ ראַיה צוּ זייַנֶע רייד, אגב דעֶרפוּן, וואָס בּייַ דִי אִידעֶן פעֶהלעֶן „טראַדִיציעֶס פוּן אַ זעֶלבּסט־שטעֶנדִיגעֶן מלוכה־רעֶכט“. דאָ שטעֶקט אַ פּשוּט׳עֶר, גראָבּעֶר טעוּת; טראַדִיציעֶס פוּן אַ זעֶלבּסטשטעֶנדִיגעֶן מלוכה־רעֶכט, אָדעֶר, אַנדעֶרס געֶרעֶדט, געֶווִיס אִיבּעֶרגעֶבּלִיבּעֶנֶע אָרגאַנעֶן פוּן אַ זעֶלבּסטשטעֶנדִיגעֶר פּאָלִיטִישעֶר עֶקסִיסטעֶנץ האָבּעֶן אַ בּעֶדייַטוּנג בּלויז דאַן, ווֶען עֶס רעֶדט זִיךְ ווֶעגעֶן פּאָלִיטִישעֶר אוּנאָבּהֶענגִיגקייַט, אָבּעֶר זיי שפִּילעֶן קייַן שוּם ראָלֶע נִיט בּעֵת דִי פראַגֶע בּעֶשטעֶהט דאַרִין, וואָס פאַר אַ סאָרט אָרדנוּנגעֶן עֶס זאָלעֶן אייַנגעֶפִיהרט ווערֶען אִין אֵיין אֵיינציִגעֶר, גאַנצעֶר מלוכה בּנוֹגע צוּ געֶווִיסֶע פוּנקציעֶס — אִין אוּנזעֶר פאַל, בּנוֹגע צוּ קוּלטוּרעֶלֶע ענינים — צוּ דאַרף מֶען צוּלִיבּ דִיזעֶם צוועֶק בּעֶשאַפעֶן ספּעֶציעֶלֶע נאַציאָנאַלֶע אִינסטִיטוּטעֶן, אָדעֶר זיי (דִי פוּנקציעֶס) ווֶעלעֶן בּלייַבּעֶן אִין דִי העֶנד פוּן דִי מלוכה־אִינסטִיטוּטעֶן. געֶגעֶן קוּלטוּרעֶלעֶר אַווטאָנאָמִיעֶ שטעֶלט מֶען אַרויס אַזעֶלכֶע אַרגוּמעֶנטעֶן, ווֶעלכֶע מ׳וואָלט בּשוּם אוֹפן נִיט געֶבּראַכט ווֶען מ׳וואָלט קלאָר אוּן דייַטלִיךְ אָבּגעֶגרעֶנצט דִי נאַציאָנאַלֶע פראַגֶע, וואָס ווערט געֶלייזט אִין ד עֶ ם ת ח וּ ם פוּן דעֶר מלוכה גוּפא, פוּן דעֶר פראַגֶע, וואָס לִיגט מ ח וּ ץ לתחום פוּן דעֶר מלוכה.

אָט פאַר וואָס מִיר שטרייַכעֶלן אוּנטעֶר אַז ס׳מוּזעֶן שאַרף אָבּגעֶטייַלט ווערֶען דִי בּיידֶע פראַגעֶן אֵיינֶע פוּן דִי אַנדעֶרֶע.

דעֶר קאַמפּף־פאַר פּאָלִיטִישֶׁע זעֶלבּסטשטעֶנדִיגקייַט — דאָס אִיז אַ קאַמפּף פאַר אִיבּעֶרצייכעֶנעֶן דִי פּאָלִיטִישֶׁע קאַרטֶע פוּן דִי מלוכות. עֶר טרעֶט ווייַט אַרִיבּעֶר דִי גרעֶנצעֶן פוּן דעֶם אִינעֶר־לִיכעֶן מלוכה־לעֶבּעֶן. זייַן עֶרפאָלג, אַפִילוּ זיין צוועֶקמעֶסִיגקייַט ווערט אָפּט אָבּהעֶנגִיג געֶמאַכט פוּן דעֶר לאַגֶע אִין דעֶם אִינטעֶרנאַציאָ־

נאַלען קאָנצערט, פון דער אָדער יענער פּאָליטישער קאָמבינאַציע, וועלכע איז אָפּט ריין צופעליג און וועלכע מען קען ניט זעהען פון פריהער, דער „לפי המקום און לפי הזמן" (לויט צייט אָרט) שפּיעלט דאָ אַ מורא'דיגע, אַמאָל זאָגאַר אַ ענטשיידענע ראָלע, מאַכען דיזע פאָדערונג פאַר אַ פּונקט פון פּראָגראַם — דאָס איז אַ ריזיקע־זאַך.

די פראַגע וועגען פּאָליטישער אונאָבהענגיגקייט מוז על פי טבע זיין אונבעשטימט, בעדינגט דורך אַ גאַנצע רייהע אורזאַכען, אַקוראַט ווי יעדער אַנדערע פראַגע, וועלכע איז נוגע די בעציהונגען צווישען די פערשידענע מלוכות, עס וואָלט אָבער געווען אַ גראָבער פעהלער איבערצוטראָגען אָט די אונבעשטימט־קייט און בעדינגמקייט אויף דער פראַגע וועגען רעגולירען די נאַציאָנאַלע בעציהונגען, אַ פראַגע, וועלכע איז נוגע די בעציהונגען אין דער מלוכה גופא. דאָס איז אַזאַ פראַגע, ווי יעדער אַנדער פראַגע פון אינערער פּאָליטיק, וועלכע אינטערעסירט שטאַרק די סאָצ.־דעמאָקראַטיע, און זי דערלאָזט און פאָדערט אַפילו פון דער פּראָגראַם אַ בעשטימטען, דייטליכען ענטפער אַקוראַט ווי יעדער אַנדער פראַגע, וועלכע געפינט די אָדער יענע לעזונג אין יעדער פּאַרטיי־פּראָגראַם.

אָבטיילענדיג אויף אַזאַ אופן די אייגענטליכע נאַציאָנאַלע פראַגע אין איהר ריינער געשטאַלט און וועלענדיג פאַרנאַנדער־קלייבען זיך אין איהר, בעגעגנען מיר שוין אויפ'ן ערשטען טריט אַ מיינונג, וועלכע איז וויינט פערשפּרייט צווישען די סאָצ.־דעמאָקראַטען. אַז אַייך האָט זיך שוין יע איינגעגעבען אַרויס־פיהרען דעם מענשען, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פון דעם געדאַנקענקרייז וועגען סעפּאַראַ־טיזם, נאַציאָנאַלער אונאָבהענגיגקייט, אַ בעזונדערער פּאָליטישער עקזיסטענץ און אַז. וו. און אַריינפיהרען איהם אין דעם תחום פון דעם אינערליכען פּאָליטישען לעבען פון אַ מלוכה, זייט איהר מיט איהם נאָך ניט פאַרטיג: ווי נאָר ער האָט געשטעלט אַ פוס אויפ'ן באָדען פון די „אינערליכע פּאָליטישע ענינים", בעהאַלט ער תיכף זיין גאַנצען פּאָליטישען אַרסענאַל, און אַנשטאָט אַלערליי קאַמפּפס־מיטלען געגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, שטעלט ער אַרויס איין איינציגע סגולה, וועלכע פערענטפערט, נאָך זיין

מײנונג, די גאַנצע נאַציאָנאַלע פראַגע: די בירגערליכע גלײַכבערעכטיגונג. פאַר די נאַציאָנאַלע בעציהונגען אין דעם תחום פון איין אײנציגער מלוכה איז די בירגערליכע גלײַכבערעכטיגונג — אַלץ, דאָס איז אַ קמיע, װעלכע איז, ערשטענס, גאַנץ גענוג אויף צו ליקווידירען די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, און צווייטענס, די אײנציגע, װעלכע עס קען אָנגענומען װערען פון ס.אָ.צ. דעמ׳ שטאַנדפּונקט אויף צו בעזײַטיגען דעם נאַציאָנאַלען קאַמפּף.

ערשטענס, עס איז גאַנץ גענוג. פאַר װאָס? ווײַל דער גאַנצער אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג — אַזוי זאָגט מען אונז — ליגט אין דעם, װאָס די פאָרשטעהער פון דער הערשענדער נאַציאָן, װעלכע האָבען די מאַכט אין זייער האַנד, בעגרענצען די בירגערליכע רעכטען פון דער אונטערװאָרפענער נאַציאָן, די רעכטען פון דער לעצטער װערען פערשמעלערט, איהרע מיטגלידער װערען בעטראַכט װי אַ פּשוטערער מין בירגער, װערען אונטערװאָרפען בעגרענצונגען און אַלערלײַ רדיפות. זײ זענען ניט גלײַכבערעכטיגט. גיט זײ גלײַכע רעכטען, כּיה־ט דורך אַזעלכע געזעצען, אין װעלכע עס זאָל ניט זײַן אַ הילוק צווישען אַ „גוי“ און אַ איד, כאַר װעלכע אַלע זאָלען זײַן גלײַכבערעכטיגטע סתם־בירגער, אונאָבהענגיג פון געשלעכט, שפּראַך, נאַציאָנאַליטעט און ראַסע — און איהר װעט מבטל זײַן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג.

צווייטענס, די אײנציגע, װעלכע עס קען אָנגענומען װערען אַלס אַ פּרינציפּיעלע פאָדערונג. און פון ערשטען אויגענבליק שײַנט עס צו זײַן דײַטליך, און פאַר׳ן „שכל הישר“ אַזוי ריכטיג, אַז מען קען עס דוכט זיך בשום אופן ניט אָבלײַקענען, װעלכע זענען די אויפגאַבען פון דער ס.אָ.צ. דעמ. בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע? צו איז זי אויסען צו ענטוויקלען אַ נאַציאָנאַלע קולטור, צו בעשאַפען אַ אינהאַלט פאַר׳ן נאַציאָנאַלען לעבען, צו שטעלט זי זיך פּאָזיטיװע אויפגאַבען? ניין, זי װיל בלויז מבטל זײַן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, און ממילא איז איהר אויפגאַבע אַ ריין־נעגאַטיװע. איהר זאַך איז — צו בעזײַטיגען די מניעות, אַראָבצוטראָגען די צוימען, מבטל זײַן אַלץ, װאָס עס שטעלט אין אַנ׳אונגינסטיגער רעכטליכער לאַגע איין בירגער לגבּי דעם

אַנדערען, איהר זאַך איז הײסט עס, צו קעמפפען געגען דער רעכטלאָזיגקײט, מבטל זײן זי, בעשאַפען װעלכע ניט איז ספּעציעלע אינסטיטוטען. פערנעהמען זיך אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט אַ װעלכער ניט איז שעפּפערישער אַרבײט — דאָס איז ניט איהר זאַך. דאָס איז אַ חטא געגען די סאָצ. דעמ. פּרינציפּען.

לאָמיר פריהער בעטראַכטען די צװײטע סברא. אמת, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז די אױפגאַבע פון דער סאָצ. דעמ. אַ נעגאַטיװע. זי איז נעגאַטיװ אין דעם זינן — און װעגען דעם האָבען מיר גערעדט באַריכות אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל — װאָס זי שטעלט זיך ניט קײנע אױפגאַבען בנוגע צו דעם שיקזאַל פון דער נאַציאָנאַלער אײגענטהימליכקײט און שטעלט זיך דעם אַ נעגאַטיװען ציעל צו פאַראַליזירען די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. דאָס איז אונבעדינגט ריכטיג. נור אָבער װײטער װאָס? װעלענדיג קעמפפען געגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, שטעלען מיר די פראַגע: װי זאָל מען דאָס טהאָן? װאָס פאַר אַ אומענדערונגען דאַרף מען צוליב דעם פאָרנעהמען אין דעם מלוכה-לעבען? װאָס דאַרפען מיר פערלאַנגען? און מיר ענטפערן: צוליב דעם צװעק דאַרפען מיר קעמפפען פאַר אַזױנע און אַזױנע פאָדערונגען, פאָרנעהמען אַזױנע און אַזױנע אומענדערונגען אין דער געזעצגעבונג, מאַכען אַזױנע און אַזױנע אָפּעראַציעס אין דער אָרדנונג פון דעם מלוכה-לעבען, דערשלאָגען זיך אַזױנע און אַזױנע קאָנסטיטוציאָנעלע פונקטען. אָט דאָ געהט שױן אַ גאַנץ בעשטימטע, אַגאַנץ פּאָזיטיװע פּאָליטישע אַרבײט, אָט דאָ עקזיסטירט פאַר אונז נאָר אײן פראַגע — װי אַזױ צװעקמעסיגער איבערצובױען די מלוכה-פערהעלטניסען. דאָ קעמפּפען מיר פאַר געזעצען און געגען געזעצען, מירקעמפפען פאַר בעזײטיגען געװיסע אײנריכטונגען, פאַר איבערמאַכען אַנדערע פאַר דער בעשאַפונג פון נײע. און עס קען קײן שום ספק ניט זײן, אַז אָט די אַלע מינים פון פּאָליטישער אַרבײט, װעלכע אונטערשײדען זיך אײנע פון די אַנדערע בלױז דורך זײערע יורידישע סמנים, זענען פּרינציפּעל בנוגע צום תוכן פון דער פראַגע אַלע גלײכװערטיג. ערפילענדיג אַ רײן-נעגאַטיװע — בנוגע צו דעם נאַציאָנאַלען אינהאַלט — אױפ-גאַבע פון קאַמפף געגען דער אונטערדריקונג, קענען מיר דערבײ

אָנווענדען די פערשידענסטע פּאָליטישע מיטלען, און ביים אויסקלייבען פון די מיטלען דאַרפען מיר זיך רעכענען מיט איין זאַך — צו דאָס לוינט פאַר אונז, צו דאָס איז צוועקמעסיג. יעדעס מיטעל, וועלכער וויזט אויס צו זיין דער בעסטער אויף צו בעזייטיגען די אונטערדריקונג, ווערט אַריינגעטראָגען אין אונזער אַרסענאַל. אָט אַזאַ מיטעל קען זיין די אָבשאַפונג פון דער „טשערטאַ" און די אַיינפיהרונג פון אַ נייעם געזעץ, וועלכער פראָקלאַמירט די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע בירגער, פאַר אַזאַ מיטעל קען דיענען די פערניכטונג פון די אַלטע אינסטיטוטען, צ. ב. פון די קאַזיאָנע ראַבינער, אָדער די אידישע מעשטשאַנסקע אופראַוועס, עס קען אויך זיין די בעשאַפונג פון נייע אינסטיטוטען, צ. ב. אידישע אַוטאָנאָמע סעימען, וועלכע פערוואַלטען איבער די ענינים פון פאָלקס־בילדונג. די אונטערדריקונג ווערט בעזייטיגט ניט נור דורך אָ ב ש אַ פ ו נ ג פון אונגערעכטיגע מלוכה־פאָרמען, נאָר אויך דורך ב ע ש אַ פ ו נ ג אויף זייער אָרט בעשטימטע גאַראַנטיעס אין דער פאָרמע פון געזעצען און ספּעציעלע אַיינריכטונגען. דאָס וועלען זיין פערשידענע פּאָזיטיווע פאָרמען, דורך וועלכע עס וועט ערפילט ווערען די אייגענע נעגאַטיווע אויפגאַבע — פון דעם קאַמפף געגען דער אונטערדריקונג.

אָט פאַר וואָס די סאָצ.־דעמאָקראַטיע, ניט עובר'זיינענדיג אויפ'ן פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, קען מיט אַ ריינעם געוויסען אַריבערשפּרייזען דעם החום פון דער פאָדערונג בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג און קען אַריינטרעטען אין דעם תחום פון ספּעציעלע תקנות, פון בעזונדערע אַיינריכטונגען.

אָבער ס'בלייבט נאָך די ערשטע פראַגע: צו דאַרף מען דאָס גלאַט? צו איז דאָס ניט אַנ'איבעריגער לוקסוס, אַ לוקסוס, צו וועלכען עס שטרעבט דער קרענקליך־אָנגעגריפענער געפיהל פון דעם נאַציאָנאַליסטישען אונצוטרוי צו די דעמאָקראַטישע פאָרמען?

אָט דאָ איז דער הויפּטפּונקט פון דער פראַגע. דאָ מוז מען זיך אַ ביסעל לענגער אויפהאַלטען.

ווען איינער שטעהט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון די ריינע קאָנזעקווענטע פּרינציפּען פון דעם ליבעראַליזם, איז קיין חידוש ניט, ווען ער בוקט זיך און גלויבט באמונה שלמה אין דער אַלמעכטיגער קראַפט פון דער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג אין

דער אלגעמיין דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע. דער עכטער און קאָנזעקווענטער ליבעראַל, אַרויסגעהענדיג פון גאַנץ בעשטימטע אינטערעסען פון דעם יונגען, שטאַרקען האַפנונגספאָלען קאַפּיטאַליזם, גלויבט, אַז אין דער מענשליכער געזעלשאַפט געהט אַלץ אַ יפ׳ן בעסטען אופן, גלויבט, אַז דאָרטען הערשט אַ פאָלשטענדיגע האַרמאָניע; דיזע האַרמאָניע דאַרף פערווירקליכט ווערען אין לעבען דורך די פרייע, די ניטגעצוואונגענע צוזאַמענשטויסונג פון די איינצעלנע יחידים, פון די איינצעלנע צעלען, פון וועלכע עס ווערט בעשאַפען דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם. דורך דער פרייער קאָנקורענץ פון די מענשליכע אינטערעסען, פון דעם פרייעם קאַמפף פון די געזעלשאַפטליכע אַטאָמען, וועלכע קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע, און אין דעם פראָצעס פון אָט דער קאָנקורענץ ווערט בעשאַפען על פי טבע אַ איינהייטליכער, פעסט, גוט און שעהן געבויטער אָרגאַניזם, שפּראָצט אַרויס דער וואָהלשטאַנד פון דעם כלל. אָט די איינצעלנע אַטאָמען דאַרף געגעבען ווערען פאָלשטענדיגע פרייהייט אין זייער טהעטיגקייט — און נאָר אין זייער טהעטיגקייט — ליגט די אַרבייט פון דעם פאָרשריט. די אויפגאַבע פון דער מלוכה איז — שפּילען די ראָלע פון אַ שומר, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַכטונג צו געבען, אַז דער קאַמפף פון די פּריוואַטע אינטערעסען זאָל זיך אָבשפּילען אין די געזעצליכע ראַהמען, אַ שומר, וועלכער איז מחויב צו בעשטראָפען יעדען יחיד, וואָס רייסט זיך אַריין אין דעם קרייז פון רעכטען און „פרייהייטען", וועלכער ס׳איז אָבגעצייכענט פאַר אַנ׳אַנדער יחיד, און צו פערוואָרענען אויף אַזאַ אופן פאַר יעדער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט יענעם סכום „אונבעריהרבאַרע רעכטען פון מענשען און בירגער", וועלכע בילדעט דעם גאַנצען אלף-בית פון דעם מענשליכען פּראָגרעס. פון דאַנען נעהמט זיך די פעסטע אמונה אין דער אַלוועלטליכער בעדייטונג פון דער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג (און נאַטירליך, אויך פון דער פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג). וועלכע פערוואָרענט יעדען בירגער דעם גרעסטען סכום פון ד. אינדיווידועלע רעכטען, פון דער גלייכבערעכטיגונג, וועלכע גיט די מעגליכקייט צו ענטוויקלען העכסטען אויפן גראַד זיינע קרעפטען אין פּריוואַטען און געזעלשאַפטליכען לעבען און צאיינצוהאַלטען אַנב אין זיינע הענד אַ געוויסען טייל אַט טאַקי פון יענער מלוכה-מאַכט,

וועלכע בעשיצט און פערהיט זיין אונאָבהענגיגע פערענליכקייט פון אַלע מניעות, וואָס קענען שטערען זיין זעלבסטהעטיגקייט אין פוגע זיין פרייהייט.

די איינצעלנע פּערזאָן און איהרע אינדיווידועלע רעכטען — דאָס איז דער מיטעלפונקט פון דער גאַנצער פּאָליטישער כיסטעם פון דעם ליבעראַליזם.

אַסך האָט זיך איבערגעביטען פון יענער צייט אָן, ווען ס'האָט נאָך געבליהט דער ליבעראַליזם. אויף איביג איז פערשוואונדען די גאָלדענע וואָך פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע; ס'האָבען זיך אויסגענומען איהרע שעפּפערישע פּאָליטישע קרעפטען, און דערמיט אין איינעם האָט פערלאָרען יעדען קרעדיט איהר גלענ־צענדסטער פּראָדוקט — דער מאַנטשעסטערשער ליבעראַליזם. אונטער די שטורמדיגע כוואַליעס פון דעם פּראָלעטאַרישען קאַמפּף און אונ־טער די נייע בעדערפניסען פון דער בורזשואַזיע גופא — אונטער דיזען דאָפּעלטען דרוק איז פערוועלקט און בלאַס געוואָרען די טעאָריע פון דער מלוכה־נייטראַליטעט. אַט די אייגענע בורזשואַזיע, וועלכע האָט ביי איהר אַרויסטרעטען אויף דער פּאָליטישער סצענע געקוקט אויף דער מלוכה מיט אַזאַ חשד — א חשד, וועלכער דער פּעדאַגאַליזם האָט אין איהר ערצויגען — אַט די אייגענע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין איהר יוגענדצייט געשריען מיט גדלות צו דער מלוכה: טרעט אָב, מאַך אַ וואַרע! איז איצט אַלט געוואָרען, האָט זיך צוגעוועהנט צו וואַרימען די אַלטע ביינער ביים פייערל פון דער מלוכה־מאַכט; זי האָט אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו דערעסען מיט איהרע שטענדיגע בקשות דער מלוכה, זי זאָל זיך אַריינמישען העלפען, בעשיצען. אין הינטער איהר, ריכטיגער געזאָגט געגען איהר האָט אָנגעהויבען אַרויסצוטרעטען דער אַרבייטערקלאַס, אַפּע־לירענדיג צו דער אייגענער מלוכה־מאַכט און פּאָדערענדיג פון איהר אַריינצומישען זיך אין דער פרייער אינטערעסען־קאָנקורענץ.

די טענדענץ, וועלכע האָט געוואָלט זעהען אין דער מלוכה בלויז אַ „שומר”, האָט געמוזט אַראָב פון דער סצענע. אויפ'ן ער־שטען פּלאַן טרעט אַרויס אַ נייע אויפגאַבע פון דער מלוכה — די ראָלע פון אַ איניציאַטיווער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, פון אַ אינגעהויע־רען קאָלעקטיווען קולטור טרעגער פאַר'ן גאַנצען לאַנד, — וואָס פאַר אַ סאָרט קולטור דאָס איז — אַנ'אַנדער פראַגע. ס'ווערט אויף איהר

ארויפגעלעגט די פפליכט ניט נאָר צו בעשיצען די „אונבעריהרבאַר־קייט פֿון די אינדיווידועלע רעכטען פון יעדער בירגער, נאָר אַלס דער הויכסטער פערטרעטער פון די כלל־אינטערעסען, איז זי מחויב צו דינען דיעם כלל — ווען אפילו צוליב דעם זאָל אויסקומען אריינצורייסען זיך אין דעם הייליגען תחום פון די אינדיווידועלע „אונבעריהרבאַרע" רעכטען פון דעם יחיד, מיט וועל־כע ס'איז אַרומגעצוימט יעדער צעלע פון דער מענשליכער געזעל־שאַפט. זי רייסט אַרוים פון די שוואכע הענד פון דעם יחיד און פערנעהמט צו זיך אין די ריזען־הענד אַ גאַנצע רייהע פונקציעס, וועלכע זענען אַריבער די כחות פון דעם איזאָלירטען בירגער און וועלכע קענען אויסגעפיהרט ווערען נאָר דורך יענעם קאָמפּליצירטען און מעכטיגען אַפּאַראַט, וועלכער ס'געפינט זיך אין די הענד פון דער רעגירונג. אָט דאָס איז די גאַנצע זאָ גענאַנטע סאָציאַלע פּאָ־ליטיק; די בעשיצונג פון דער אַרבייט, די פערזיכערונג פון די אַרבייטער, צדקה אַנשטאַלטען א. אַ. וו.; אָט דאָס איז די פאָלקס־בילדונג אין ענגעם זינען פון וואָרט און די מיטלען אויף אויפצו־הייבען די קולטורעלע אַרבייט.

אמת, אָט די גאַנצע „איניציאַטיווע אַרבייט" פון אַ מאָדערנער מלוכה ווערט געפיהרט אונטער דעם קאָנטראָל פון דער בורזשואַזיע, אונטער דעם דרוק פון די בורזשואַזיע און ווי ס'פּאַסט פאַר איהרע אינטערעסען — איב מ'זאָל ניט רעכענען יענע הנחות, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט רייסט אַרוים ביי איהר מיט גוואַ־ד. נאָר פאַר דעם ענין, וועגען וועלכען מיר ריידען דאָ, איז דאָס ניט וויכטיג. דאָ איז נאָר וויכטיג פעסטצושטעלען, אַז דאָס בילד פון אַ מאָדער־נער מלוכה איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי מ'וואָלט עס זיך קענען פאָר־שטעלען אויפ'ן יסוד פון דער ליבעראַלער לעהרע. דיזעס בילד זעהט אויס אַזוי.

מיר האָבען אַ געוויסע סומע בירגער, איינצעלנע יחידים, וועלכע בילדען אַלע אין איינעם די מענשליכע געזעלשאַפט מלוכה. יעדער בירגער בעוועגט זיך פריי אין דעם קרייז פון זיינע אינדיווידועלע בירגערליכע אינטערעסען. יעדער בירגער האַלט אין זיינע הענד אַ טייל פון דער מלוכה מאַכט, וועלכע פערוואָרענט זיין אונבעריהרבאַרקייט. אָט דאָס זענען בירגערליכע און פּאָליטישע רעכטען אין ליבעראַלען זין פון דיעם וואָרט. נאָר איבער זיי, איבער דער ספערע פון דער

פריַיער פּערזעֶנליכער טהעֶטיגקייט און פון דער פּריוואטער איניציאַ=
טיווע, שטעהט אַנ׳אויבערשטער גאָרן. דאָס איז די מלוכה, וועלכע
איז זיך מתעסק מיט די „געזעלשאַפטליכע פונקציעס". נעבען די
אינדיווידועלע רעכטען פון פּערזעֶנליכער פריַיהייט און אונבעריהר=
באַרקייט, נעבען דעם אינדיווידועלען רעכט אַנ׳אַנטייל צו נעהמען
אין דער געזעצגעבענדער אַרבייט, טרעט דאָ אויך אַרויס אַנ׳אַנדער
מין פון רעכטען: דאָס רעכט צו בענוצען זיך מיט אַ געוויסען טייל
אין דעם פּראָדוקט פון יענער „אַלגעמיין-נוצליכער" טהעטיגקייט, מיט
וועלכער ס׳בעשעפטיגט זיך די מלוכה. אויסער דעם וואָס ס׳ווערט
פּערוואָרענט די פריַיהייט פון פּערזעֶנליכער טהעטיגקייט, מוז נאָך
פּערוואָרענט ווערען די מעגליכקייט צו געניסען פון די פּירות,
וועלכע דער מלוכה-מעכאַניזם בריינגט. אַלס אַ ביַישפּיעל פון דעם
ערשטען מין רעכטען קען דינען — די פריַיהייט פון בילדונג:
דאָס רעכט פון יעדער בירגער צו לערנען זיַינע אייגענע און פרעמדע
קינדער; אַלס אַ ביַישפּיעל פון דעם צווייטען מין רעכטען —
די מעגליכקייט צו בעקומען בילדונג: די מעגליכקייט צו
בעקומען בילדונג אין די לעהראַנשטאַלטען, וועלכע ווערען געגרינ=
דעט פון דער מלוכה. דאָס ערשטע אַרט רעכט פּערוואָרענט דאָס
ניט אַריַינמישען זיך אין דעם פּריוואַטען לעבען פון דעם
בירגער, דער צווייטער אַרט רעכט גיט אַרויס ווי אַ מין וועקסעל
אויף אַ געוויסען חלק אין די פּראָדוקטען, וועלכע ס׳ווערען בעשאַפען
דורך דער טהעטיגקייט פון דער מלוכה. אין דעם ערשטען פאַל
איז גענוג, אַז די מלוכה מישט זיך ניט אַריין; אין צווייטען
פאַל — מוז זי עפּעס געבען.

אָט די אויספיהרליכע אונטערשיידונג צווישען די ביידע אַרטען
פון רעכטען איז נויטיג פאַר אונז, כדי מיר זאָלען קענען ריכטיג פער=
שטעהען דעם פאָלגענדען, זעהר וויכטיגען אומשטאַנד: די פאָדערונגען,
מיט וועלכע מיר ווענדען זיך צו דער מלוכה אויף צו דערגרייכען דעם
ערשטען מין רעכטען, און די פאָדערונגען, וועלכע דאַרפען פּערוואָ=
רענען דעם צווייטען מין פון רעכטען, זענען בעצם, לויט זייער
יורידישען כאַראַקטער, גאַנץ פערשיעדען איינע פון די אַנדערע.
ווען ס׳רעדט זיך וועגען דעם ערשטען אַרט, וועגען דער ערהאַבערונג
פון געוויסע אינדיווידועלע פריַיהייטען, יענכמאָלט פאָדערען מיר פון
דער מלוכה, אַז זי זאָל זיך ניט מישען. דאָס הייסט, אַז מיר

פאָדערען די אָבשאַפונג פון יענע געזעצען (און אַדמיניסטראַטיווע פעראָרדנונגען), וועלכע פערוועהרען צו טהאָן די אָדער יענע זאַך וואָס ס'ווערט בעטראַכט פאַר אַ פערברעכען, מיר מעקען אויס פון געזעץ־בוך געוויסע פערבאָטען, פערביטען זיי דורך געוויסע דינים, וועלכע בריינגען פון איין זייט אַ גאַנצע רייהע פריוואַטען און בעשטראָפען פון דער אַנדער זייט פאַר ניט דערלאָזען צו בענוצען זיך מיט זיי, און דערמיט איז פאַרטיג. דאָס איז אַ פשוטער וועג אויף אָבצושאַפען די דריקענדע תקנות.

גאַנץ אַנדערס שטעהט די פראַגע, ווען ס'רעדט זיך וועגען פערוואָרענען די רעכטען פון דעם צווייטען מין. דאָ איז נאָך ווייניג צו פראָקלאַמירען דאָס רעכט פין יעדען בירגער צו בענוצען זיך מיט די אָדער יענע פאָליטישע פריוויליגען; דיזעס רעכט ווערט בלייבען אַ הוילע פראַזע כל זמן ס'וועט ניט בעזאָרגט ווערען די פערווירקליכונג פון דיזע פריווילעגיען. וואָס פאַר אַ בעדייטונג וואָלט למשל געהאַט, ווען ס'זאָל אפילו טויזענד מאָל אויסגעטיילט זיין אין דער קאָנסטיטוציע דאָס רעכט אויף אַרבייטס־שוץ, ווען ס'זאָל ניט איינגעפיהרט זיין די פאַבריק־אינספעקציע. ס'איז קלאָר, אַז דער עיקר איז דאָ — ניט דאָס אַנערקענען פון דעם רעכט, נאָר די בעשאַפונג פון דער מעגליכקייט אויסצופיהרען עס ניט אין דער אָבשאַפונג פון געוויסע תקנות, נאָר אין דער צוועקמעסיגער אָרגאַניזאַציע פון געוויסע פונקציעס, ניט און מבטל זיין פערבאָטען, נאָר אין דער בעשאַפונג אָדער איבערבויען פון געוויסע איינריכטונגען, וועלכע דאַרפען זיך פערנעהמען מיט דעם דאָזיגען צווייג פון דער „אַלגעמיין־נוצליכער אַרבייט" און אָן וועלכע ס'ווענדט זיך די אמתע פערווירקליכונג פון דעם פאָזיטיווען רעכט.

די אינדיווידועלע רעכטען נויטיגען זיך נאָר אין איין זאַך — מ'זאָל זיי ניט אָנטרעטען. די ראָלע פון דער מלוכה איז אין דעם פאַל אַ פאַסיווע.

די קאָלעקטיווע פונקציעס פון דער מלוכה נויטיגען זיך אין אַן אַנדער זאַך — זיי דאַרפען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. די ראָלע פון דער מלוכה איז דאָ אַן אַקטיווע; און דאָרטען וואו איהר ראָלע איז אַזוי, ווענדט זיך די פערווירקליכונג פון די רעכטען אָן דעם ווי אַזוי די זאַך וועט איינגעאָרדנעט ווערען דורך וועלכע איינריכטונגען ס וועלען אויסגעפיהרט ווערען דיזע פונקציע, אויף וואָס פאַר

אַ יסודות זיי וועלען זיין געגרינדעט, מיט איין וואָרט, וואָס פאַר אַ מעכאַניזם ס׳ועט זיין, וועלכער בעשאַפט און צוטיילט די פונקציעס. דאָ איז נאָך וועניג די פּראָקלאַמירונג פון גלייכבערעכטיגונג. אָט דאָ ליגט דער שווערפּונקט אין די קאָלעקטיווע אָרגאַנען, וועלכע און נאָר וועלכע ס׳קענען פערווירקליכען אין לעבען דאָס רעכט. אָט אויף דיזע קאָלעקטיווע אָרגאַנען ווערט איבערגעטראָגען די פראַגע פון דעם איינצעלנעם יחיד מיט זיינע בעזונדערע אינדיווידועלע רעכטען.

אָט צו דער קאַטעגאָריע געהערט יענער קרייז ערשיינונגען פון דעם „נאַציאָנאַלען" לעבען, יענער קרייז פראַגען, — פראַגען, וועלכע ערוועקען דעם נאַציאָנאַלען קאַמפּף און די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג — וועלכע ווערען ניט פערענטפערט ווערען דורך דער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע.

דער קרייז פון אינדיווידועלע רעכטען בעזייטיגט נאָך ניט די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג; נאָך דער אָבשאַפונג פון די עלעמענ־טאַרע אונטערדריקונגס־פאָרמען, וועלכע ווערען בעזייטיגט דורך דיזע רעכטען, וועט נאָך בלייבען אַ ברייטער שטח, וועלכער נעהמט אַריין אין זיך די רעכטען פון דער אויבענדערמאָהנטער צווייטער קאַטעגאָריע. כדי דאָס צו בעווייזען, וועלען מיר נעהמען אַ קאָנ־קרעטען ביישפּיעל — די פּ אָ ל ק ס ־ ש ו ה ל ע ן. מיר נעהמען די־פראַגע וועגען די פאָלקס־שהלען ניט נאָר דערפאַר, וואָס דאָס גיט אונז אַ שאַרפען ביישפּיעל, נאָר אויך צוליעב דעם, ווייל אונזערע געגנער שטרייטען געגען דעם עצם פון אָט דער פראַגע.

מיר אַלע וועלען מודה זיין, אַז די פאָלקס־שוהלען קענען ניט צוגערעכענט ווערען צו די „פּריוואַט־זאַכען", ווי צ. ב. די רעליגיע, דאָס פאַמיליען־לעבען און אַז. וו., וועלכע געפינען זיך אין דאַרפען זיך געפינען אין די הענד פון די איינצעלנע יהודים, וועלכע ווענדען זיך אָן זייער פּריוואַטען ווילען און אָן זייער איניציאַטיווע. אין דער פּראָגראַם פון רוס. ס. ד. א. פּ. איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען — און אַזוי דאַרף טאַקי זיין — די פאָדערונג פון „אומזיסטער" און אָבליגאַטאָרישער אַלגעמיינער און פּראָפעסיאָנעלער בילדונג פאַר אַלע קינדער פון ביידע געשלעכטער ביז 16 יאָהר. ס׳איז קלאָר, אַז ווי באַלד די בילדונג דאַרף זיין אומזיסט און אָבליגאַטאָריש, קען מען זיך דערמיט ניט פערלאָזען אויף דעם פּרייען גוטען ווילען פון דעם יחיד צו דער צאָל פון גאַנצע חברה, וועלכע זאָלען זיך נעהמען

פאַר די אָרגאַניזירונג פון בילדונגס-שוהלען; זי מוז זיך געפינען אין די הענד פון אַ בעשטימטער מאַכט, וועלכע זאָל עס קענען דורכפיהרען מיט געוואַלד.

און אויב יע אַזוי, דאַרף מען זיך רעכענען מיט די רעזול-טאַטען, וועלכע מוזען אונפערמיידליך דערפון אַרויסקומען. מיר האָבען אַנ'עסק מיט רוסלאַנד, מיט אַ מלוכה פון פערשידענע נאַצי-יאָנען, וועלכע בילדען איין איינציגען מלוכה-אָרגאַניזם. די מלוכה מוז אָט די אַלע נאַציאָנען פערזאָרגען מיט לעהרשולען. זי דאַרף זיי פערזאָרגען אַזוי, אַז די מעהרהייט זאָל ניט האָבען מעהר פריווי-לעגיעס ווי די מינדערהייט, אַז איין נאַציאָן זאָל ניט אונטערדריקען די אַנדערע, אַז ס'זאָל ניט געפיהרט ווערען אַ פּאָליטיק פון צווינ-גענדער אָדער קינסטליך אַרויסגערופענער אַסימילאַציע, דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז די פאָלקס-בילדונג דאַרף אַזוי געשטעלט ווערען אַזוי, אַז זי זאָל זיין פערשידענאַרטיג פאַר די פערשידענע נאַציאָנען, אַז זי זאָל פערלירען איהר רוסישען כאַראַקטער. זי דאַרף אָננעהמען פערשידענע פאָרמען, לויט די פערשידענהייטען פון די נאַציאָנען, מיט וועלכע זי מוז זיך רעכענען, זי מוז זיך צופּאַסען צו די פערשידענע נאַציאָנען. וועלכע האָבען ניט פערלאָרען, ניט קוקענדיג אויף זייער פּאָליטישער שכנים מיט אַנדערע פעלקער, זייער שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, אייגענטהימליכע לעבענס-פאָרמען, מנהגים, די אייגענטהימליכע פּסיכאָלאָגיע — די גאַנצע קולטורעלע פיזיאָגנאָמיע, און וועלכע ס'דריקען אויס די פערשידענסטע פאָדערונגען, פערשידענע בעדערפניסען, וועלכע מוזען אונבעדינגט בעפרידיגט ווערען.

און מיר שטעלען זיך אַזאַ פראַגע: צי קען אַנ'איינהייטליכע, ניט צוטיילטע מלוכה-אָרגאַניזאַציע, אַפילו אין אַ פאָלקאָם פרייעם רוס-לאַנד אויספיהרען אָט די אַלע פונקציעס. צי קען זי אין דער זעלביגער צייט צופּאַסען די לעהרשולען צו די בעדערפניסען פון דעם רוסישען קולטורעלען לעבען, אי צו דעם קולטורעלען צושטאַנד פון די פּאָליאַ-קען, וועלכע לעבען איבער אַנ'אַנדער ענטוויקלונגס-מדרגה, וועלכע געהען מיט אַנ'אַנדער טעמפּ פאָרווערטס, צי קען זי אין דער איי-גענער צייט ווי געהעריג פערזאָרגען די אינטערעסען פון דער ליטווישער בעפעלקערונג, וועלכע נויטיגט זיך ווידער אין אַנ' אַנדער אַרט בילדונג, צי קען זי אין דער אייגענער צייט אָרגאַני-

ירען די לעהר=אַנשטאַלטען, וועלכע זאָלען טויגען פאַר די לעטען, אידען, גרוזינער, אַרמענער און נאָך אַנדערע. און ווען דאָס איז אונמעגליך אַפילו ביי אַזאַ רעגירונג, וועלכע זאָל ניט האָבען די מינדעסטע פּניה, איז אַפּשיטא שיין אַז דאָס קען ניט געמאָהלט זיין אין אַזאַ מלוכה, ווי רוסלאַנד, וואו די רוסישע בעפעלקערונג וועגט אויף אַסך אַריבער די בעפעלקערונג פון אַנדערע נאַציאָנען. ס'וואָלט געווען אונריכטיג און נאַאיוו פאָרצושטעלען זיך די סאָציאַלע פערהעלטניסען אין דעם צוקינפטיגען רוסלאַנד אַזוי, אַז ס'וועט זיך אָבשפּיגלען אַ ריינער, אָהן זייטיגע פּסלת, קלאַסען=קאַמפּף צווישען דער אַרמעע פּראָלעטאַריער פון פערשיעדענע נאַציאָנען אין רוסלאַנד פון איין זייט, און צווישען דער „אינטערנאַציאָנאַלער' אַרמעע פון דער גאַנצער רוסלענדער בורזשואַזיע פון דער צווייטער זייט. ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט אין זיך די טענדענץ און איז גענויטיגט לויט דעם תוכן פון זיין קלאַסען=כאַראַקטער צו אַזאַ אַרט באַהעפטונג אין פעראייניגונג, איז די בורזשואַזיע טאַקי אויך צוליב איהר אייגענטהימליכען קלאַסען=כאַראַקטער — פעהיג נאָר אין אויסנאַהמספאַלען, אונטער דעם דרוק פון אַ שווערער און שאַרפער נויט, צו פעראייניגען זיך אין אַן „אַלגעמיינ=נאַציאָנאַלען" בלאָק. ביי געוועהנליכע בעדינגונגען איז זי צושפּאָלטען אויף נאַציאָנאַלע פראַקציעס וועלכע רייסען זיך איינע מיט די אַנדערע, קריגען זיך צוליעב דער קאָנקורענץ איינע מיט די אַנדערע; די בורזשואַזיע איז שטענדיג צוריסען, ס'קומט פאָר אַ שטענדיגער קאַמפּף צווישען די בורזשואַזע נאַציאָנאַלע גרופּען. און יענע נאַציאָנאַלע גרופּע פון דער בורזשואַזיע, וועלכע געפינט זיך אין אַ גינסטיגערער לאַגע — אָדער מחמת דעם, וואָס זי וועגט אַריבער די איבעריגע אין צאָהל, אָדער צוליעב אַנדערע אורזאַכען — לעגט שטענדיג אַרויף איהר שווערע האַנד אויף דעם גאַנצען מלוכה=אָרגאַניזם. אַקוראַט ווי איצט וועט אויך אין דעם „פרייעם" רוסלאַנד די רוסישע בורזשואַזיע האָבען די גרעסטע דעה. זי וועט מעשה בעל=הבית אַרויפלייגען איהר שטעמפּעל אויף דער גאַנצער טהעטיגקייט פון דער מלוכה, די מלוכה=פיהרער און די אַלע אַדמיניסטראַטאָרען וועלען זיך רעקרוטירען הויפּטזעכליך פון דער רוסישער בורזשואַזיע, זי, די רוסישע בורזשואַזיע וועט אָנפיהרען די קולטורעלע אַרבייט פון דער מלוכה ווי ס'פּאַסט בעסער פאַר איהרע אינטערעסען. זי וועט זיך ציעלען — און מיט ערפאָלג

דערצו, אַז דער רעגירונגס־אַפּאַראַט זאָל זיך געפינען אונטער איהר שליטה און אויסצונוטצען אַלע מעלות פון איהר געהייבענערע־ לאַגע אויף צו אַסימילירען די „פיינדליכע" נאַציאָנאַלע קולטורען, אָבצומעקען זייערע אייגענטהימליכקייטען, אַז זיי זאָלען אַלע בעקומען איין געשטאַלט. אָט ווער ס'וועט פערווירקליכען דאָס „רעכט" פון די פעלקער אויף נאַציאָנאַלע שוהלען. אָט ווער ס'וועט זיין בעל־הבית איבער דעם „בילדונגס"־אַפּאַראַט.

פראָקלאַמירען דאָס רעכט פון די קליינע נאַציאָנען אויף נאַציאָנאַלע בילדונג און איבערלאָזען אין די הענד פון דער הערשענדער בורזשואַזיע, אַז זי זאָל דאָס פערווירקליכען אין לעבען, הייסט צוזאָגען גילדערנע בערג און ניט געבען וואָס אַ האָר איז ווערט.

אָט דעם חסרון האָט אין זיך דער בעריהמטער § 8 אין דער פראָגראַם פון דער רוס. ס. ד. אַ. פּ., וועלכע ענטהאַלט אין זיך, זועדליג אַנדערע ווילען האָבען, דעם גאַנצען אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אָט דיזער פּאַראַגראַף זאָל פערוואָרענען „דאָס רעכט פון דער בעפעלקערונג צו בעקומען בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך, דאָס רעכט וועלכער איז גאַראַנטירט דורך דער בעשאַפונג אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה און די אָרגאַנען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג די לעהר־שולען, וועלכע זענען דערצו נויטיג". אַ'ן אויסגעצייכענטער ווּנש*); דאָס איז אַ גרויסער טריט פאָרווערטס אין פערגלייך דערמיט, וואָס אין דעם פריהערדיגען פראָגראַם־פּראָיעקט האָט אַזאַ פונקט גאָר אין גאַנצען געפעהלט — ניט אומזיסט האָבען די פערטרעטער פון „בונד" זיך אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט פאַר איהם אויפ'ן 2־טען צוזאַמענפאָהר פון דער פּאַרטיי,— אָבער באמת איז דאָס דאָך ניט מעהר ווי אַ האַלבער טריט. וואָס איז די פעולה, וואָס די פּראָגראַם פאָדערט ס'זאָלען בעשאַפען ווערען שוהלען, אין וועלכע מ'זאָל לערנען אויף דער מוטערשפּראַך, ווען די בילדונגס־ענינים לאָזט זי איבער ביי יענע אין די הענד, פון וועלכע מ'קען בשום אופן ניט ערוואַרטען די פערווירקליכונג פון די „נויטיגע" שוהלען. וואָס איז די פעולה פון דעם „פרומען ווּנש", ווען ס'בלייבט יענע אָרדנונג, ביי וועלכער אָט דער ווּנש מוז בלייבען אַ הוילע פראַזע. גלאַט ריידען וועגען דעם

*) תגם א צו קארגער, מים דער שפראך אליין קען מען נים יוצא זיין. (מבדעם)

„רעכט" פון דער בעפעלקערונג אויף דער בעפריעדיגונג פון זײַן געזעצליכער בעדערפניס — בילדונג אויף דער מוטער-שפּראַך — דאָס איז זעהר און זעהר קנאַפּ; ס'מוז עקזיסטירען אַ אָרגאַניזאַציע פון די פּאַסענדע אײַנריכטונגען, בײַ וועלכע פון אָט דעם „רעכט" זאָל ווערען אַ רעאַלער פאַקט.

ס'איז זעהר כדאַי צו פערגלײַכען אָט דעם פּראָגראַם-פּונקט מיט דעם פאָלגענדען פּאַראַגראַף, וועלכער איז שטאַרק ענליך אויף איהם אַפילו אין די אויסדריקען: „אין די געגענדען וואו ס'וואָהנען עטליכע נאַציאָנען, מוזען די עפענטליכע לעהרשולען זײַן אַזוי אײַנגעריכטעט, אַז יעדערע פון דיזע נאַציאָנען, ניט זענענדיג געצוואונגען צו לערנען אַ צווייטע שפּראַך, זאָל האָבען די נויטיגע מיטלען אויף צו בעקומען בילדונג אין דער אייגענער שפּראַך".

אָט די ציטאַטע איז איינע פון די פּאַראַגראַפען פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכע זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 21-טען דעצעמבער 1867 און וועלכע עקזיסטירט נאָך עד היום אין עסטרײַך, אין דעם אייגענעם עסטרײַך וואו ס'קומט פאָר, ניט קוקענדיג אויף די שעהנע פּרינציפּיעלע הבטחות, אַ האַרטנעקיגער נאַציאָנאַלער קאַמפּף און אַ אונבאַרמהערציגע אונטערדריקונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור און בילדונג. און בכלל, ווען מ'זאָל פון אויבען-אויף אַ קוק טהאָן אויף דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, זעהט מען גלײַך, אַז שטענדיג, ווי נאָר אָט די פראַגע איז ווי ניט ווי אַרויפגעשוואומען, האָבען די בורזשואַזע פּאָליטיקער שטענדיג יוצא געווען דערמיט, וואָס זיי האָבען הייליג אַנערקענט די גלײַכבערעכטיגונג פון אַלע נאַציאָנען, דאָס אונבעריהרבאַרע רעכט פון יעדער נאַציאָן אויף איהר מוטער-שפּראַך, אויף נאַציאָנאַלע שוהלען און כדומה, און שטענדיג זענען אָט די הייליגע הבטחות געבליבען הייליגע דיבורים: פּראָקלאַמירענדיג די רעכטען פון די נאַציאָנען, האָבען אָט די שעהן-בעפּוצטע פּאַראַגראַפען ניט בעשאַפען יענע יורידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע און נאָר וועלכע ס'וואָלטען געקענט פערווירקליכען אָט די רעכטען.

אין דאָס וואָס איצט האָט זיך געענדערט די לאַגע אין פּאַרלאַמענט, וואָס איצט זענען די אַרבייטער-פּאַרטייען אַרויסגעטראָטען אויף דער היסטאָרישער סצענע — האָט אין דעם פּרט גאָר נישט אומגעביטען. די ענטשידענסטע האַרטנעקיגקייט פון דער סאָצ.-דעמ.

קען ניט העלפען אויף הורבצ-פיהרען אין לעבען דעם פרומען וואונש, ווען די מלוכה האט ניט די נויטיגע ארגאנען אויף צו פערווירקליכען איהם; דער ביטערסטער קאמפף פון דער ארבייטער-פארטיי פאר דער ערפילונג פון דעם 8 § פון דער פראגראם קען ניט פעהיג מאכען די מלוכה-מאכט פון דער בורזשואזער געזעלשאפט צו שטעלען זיך איבער דעם נאציאנאלען קאמפף.

ביז איצט האבען מיר אלץ גערעדט וועגען דער פאלקס-בילדונג, האבענדיג אין זינען די צענטראלע ארגאנען פון דער רעגירונגס מאכט אדער, גערעדט אויפ'ן אפיציעלען לשון, דאס בילדונגס-מיניסטעריום; מיר האבען אלץ נעהאט אין זינען די הויפשטאדט. לאמיר איבערגעהען צו דער פראווינץ. מיר ווילען זיך פארשטעלען די גינסטיגסטע לאגע: אויס מיט דעם ביוראקראטיזם, א ברייטע ארטיגע און טעריטאריאלע זעלבסט פערוואלטונג (ווי ס'פאדערט דער 3-טער § פון דער פראגראם פון דער רוס. פארטיי), דער גרעסטער טייל פון די ענינים, וואס האבען א שייכות צו דער בילדונג, געהט איבער צו דער זעלבסט-פערוואלטונג. וואס זשע וועט יענסמאל אויסקומען? אט טאקע די אייגענע זאך, וועלכע מיר האבען שוין בעגעגענט, בעטראכטענדיג די „קולטור-רעלע" ארבייט פון די צענטראלע איינריכטונגען, נאר אין א ביסעל א קלענערען מאסשטאב. אזוי ווי יענע רוסלאנדער געגענדען, וועלכע געהערען ניט צו צענטראל-רוסלאנד, בילדען ניט א א טעריטאריע, וועלכע זאל זיין בעזעסען פון איין איינארטיגער נאציאנאלער בעפעלקערונג, וועלען מיר ווידער האבען צו טהאן מיט א סך פראווינצען, אין וועלכע, ס'וואהנען צוזאמענגעמישט (און וואס ווייטער מישען זיי זיך נאך מעהר אויס) 2 אדער 3 פערשידענע נאציאנען. א וועלכע ניט איז ווילנער אדער באק'ער זעלבסטפערוואלטונג וואלט זיך געפינען אין דער אייגענער לאגע, ווי דאס פעטערבורגער מיניסטעריום; אויך די ערשטע וואלטע גענויטיגט זיין צוצופאסען זיך צו די בעדערפניסען פון פערשידענע מאסען, וועלכע געהערען צו פערשידענע פעלקער. דארטען, ביי די צענטראל-איינריכטונגען, וואלט די הערשענדע נאציאן מאיאריזירען די איבעריגע נאציאנען, נאר, ביי די פראווינציעלע זעלבסטפערוואלטונג, וואלט מאיאריזירען יענע נאציאן, וועלכע בילדעט די מעהרהייט אין דער אדער יענער פראווינץ.

דאָרטען אַזוי ווי דאָ וואָלט „דאָס רעכט צו בעקומען בילדונג אויף דער מוטערשפּראַך" געבליבען בלויז אַ פּאַפּירענער עטיקעט.

דאָס איז גאַנץ קלאָר, אַקוראַט ווי ס'איז קלאָר, אַז קיין סאָציאַל. דעמאָקראַטיע קען ניט בעזייטיגען די אונטערדריקונג פון דער מינדערהייט דורך דער מעהרהייט (די בורזשואַזע מעהרהייט!), ניט בעזוויטינענדיג פריהער יענע מלוכה-פאָרמען, וועלכע פראָוואָ-צירען איינפאַך אָט די אונטערדריקונג. אין אַזאַ אַרט מלוכה-פאָרם בילדען, אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע" קולטורעלע איינריכטונגען, וועלכע געפינען זיך אויפ'ן פּאַפּיר אין די הענד פון דער גאַנצער בעפעל-קערונג, „אָהן אונטערשייד פון נאַציאָן", וועלכע ליגען אָבער באמת'ן אין די הענד פון דער הערשענדער נאַציאָן.

צו דאָס וועלען זיין צענטראַלע איינריכטונגען, אָדער אָרטיגע, נאָר אַזוי ווי זיי נעהמען אַרום פערשידענע פעלקער און אַזוי ווי זיי האָבען צו זאָגען גראָד איבער יענע ענינים אין וועלכע ס'דריקט זיך אויס אויפ'ן ריינסטען און שאַרפסטען אופן דער נאַציאָנאַלער יסוד, וועט זיך דאָרטען שטענדיג אָבשפּיעלען דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף, וועט שטענדיג געפינען פּלאַץ די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. אָט די איינריכטונגען וועלען דיענען אַלס די בעסטע „ערבות" דערפאַר, אַז דאָס צוגעזאָגטע „רעכט" פון דער שוואַכער נאַציאָן וועט כסדר געטראָטען ווערען, און דאָס קולטורעלע לעבען פון יענעם פאָלק, וועלכער שפּיעלט ניט די ערשטע פידעל אין דער מלוכה אָדער אַפילו אין אַ וועלכער ניט איז היסטאָרישער טעריטאָריע, וועט זיך געפינען אונטער'ן דרוק פון אַ פרעמדער קולטור, וואָס אַסימילירט די „פרעמדע" עלעמענטען ניט דערפאַר, ווייל זי שטעהט העכער, נאָר מחמת דעם, וואָס זי געפינט זיך אין אַ בעסערער פּאָליטישער לאַגע. אָט דער אומשטאַנד אַליין האָט געדאַרפט ערוועקען די סאָצ. דעמאָ-קראַטיע—די סאָצ. דעם. וועלכע דערלאָזט נאָר די פרייע קאָנקורענץ פון די קולטורען און וועלכע זעהט אַ מורא'דיגען שאָדען אין דער פּאָליטיק, וועלכע וויל מיט געוואַלד ברענגען די אַסימילאַציע פון דער מינדערהייט דורך דער מעהרהייט — אַז זי זאָל זיך אַרום-זאָגען דערפאַר, דאָס די קולטורעלע פונקציעס דאַרפען איבערגעהען פון די „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע" צו די נאַציאָנאַלע איינריכטונגען, וועלכע יעדע נאַציאָן קלייבט בעזונדער אויס.

נאָר מיר האָבען נאָך אַ כך אַ וויכטיגערען מאָטיוו. מיר האָבען

שוין געזאָגט, אַז די „אַלגעמיינ-נאַציאָנאַלע" איינריכטונגען, כּסַי די צענטראַלע, סַי די אָרטיגע, סַי די איינריכטונגען פון גאַנצע געגענדען, מוזען לויט זייער עצם כאַראַקטער נאָך אַרויסרופען נאַציאָנאַלע סכסוכים. און אָט די אונפערמיידליכקייט פון די נאַציאָנאַלע סכסוכים — שוין ניט רעדענדיג וועגען די אונטערדריקונג, צו וועלכער זיי מוזען ברענגען — דאַרף דינען פאַר אַנ'ערנסטען גרונד פאַר דער אָבשאַפונג פון יענע איינריכטונגען, וועלכע האַלטען אונטער און ערנעהרען דורך זייער בלויזער עקזיסטענץ אַנ'עלעמענט פון דער רעאַקציע, וועלכער איז געפעהרליך פאַר דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג. אין דעם דאָזיגען פאַל זענען מיר מחויב אָבצושאַפען אָט די איינריכטונגען: דאָס פאָדערן פון אונז אונזערע פּרינציפּיעלע אַנזיכטען בכלל, און אונזער אַנזיכט אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע בפרט.

די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַקוראַט ווי יעדער אַנדערע פראַגע, וועלכע געפינט אַ פּלאַץ אין דער כאָצ. דעמ. פּראָגראַם-מינימום אינטערעסירט אונז ניט בלויז ווי ס'אינטערעסירט אונז די בעזייטיגונג פון יעדער אַנדער לאַסט, וועלכע ליגט אויף די פּלייצעס פון דעם פּראָלעטאַריאַט. דער סאָצ. דעמ. שטאַנדפּונקט צווינגט אונז שטענדיג צו בעטראַכטען יעדער פראַגע נאָך פון אַנ'אַנדער זייט, וועלכער פערנעהמט לויט איהר וויכטיגקייט דעם ערשטען אָרט. מיר מיינען די בעשאַפונג פון גינסטיגערע בעדינגונגען פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם קלאַסענקאַמפּף, פון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסענבעוואוסטזיין. און ווען מ'זאָל פון דיזען שטאַנדפּונקט בעטראַכטען די בעדינגונגען, אונטער וועלכע דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליטעט-מלוכה קומט אוים צו פיהרען איהרע ענינים, מוז די נאַציאָנאַלע פראַגע נעלעזט ווערען אַזוי, ווי מיר האָבען אָנגעוויזען, שוין ניט רעדענדיג פון די אַנדערע טעמים, וועלכע מיר האָבען אויבען געבראַכט.

מיר זענען איצט געקומען צו דער פראַגע וועגען דער בעדייטונג, וועלכע דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף וועט האָבען אין דעם קומענדען קאָנסטיטוציאָנעלען רוסלאַנד. ווען אין איצטיגען רוסלאַנד איז דער הויפּט-מקור פון דער נאַציאָנאַליסטישער העצעריי דער איצטיגער רעזשים, וועלכער דערלאָזט און רייצט אויף די נאַציאָנאַלע שנאָה נאָר אויף אַזוי פיעל, ווי פיעל דאָס איז נויטיג פאַר איהם.

װעלכער בינט הענד און פיס בײדע פײַנדליכע צדדים און שטויסט זײ בײדען דערמיט — געגען דעם אײגענעם װילען — אין אײן לאַגער פון די קעמפּפער געגען דעם דעספּאָטישען רעזשים, — װעט אין דעם פרײַעם רוסלאַנד דאָס בילד זיך ענדערן. אין אָט דער צוקונפטיגער דעמאָקראַטיע, װאָס װעט דיענען פאַר אַ פרוכטבאַרען באָדען, פאַר דער פאַנאַנדערבליהונג פון אַלע טענדענצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — די פינסטערע אין אײנעם מיט די ליכטיגע — אַבריטער, באָדען אויף װעלכער ס'װעלען קעמפּפען פרײַ די פערשידענע גרופּען פון די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענטען — אָט דאָ װעט זיך ערשט פאַנאַנדערפלאַקערן מיט דער גרעסטער האַסט דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף, דער בעגלײטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטװיקלונג. נאָר גראָד צוליב דעם, װאָס דאָס װעט זײן אַ נאַציאָנאַלער קאַמפּף, װעלכער ענטװיקעלט זיך אין די ראַהמען פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער דעמאָקראַטישער מלוכה, װעט ער זיך בעצם אונטערשײדען פון די נאַציאָנאַלע סכסוכים, װעלכע קימען יעצט אַרױס אין דעם איצטיגען פערשקלאַװטען רוסלאַנד. די עלעמענטאַרע פאָרמען פון אונטערדריקונג, װעלכע בילדען דעם שורש פון דער איצטיגער נאַציאָנאַלער פראַגע — בעגרענצונגען אין רעכטען, אַדמיניסטראַטיװע פערבאָטען, אױסנאַהמס געזעצען און אַז. װ. — זײ אַלע װעלען יענסמאָל ניט עקזיסטירען. אָבער גראָד זײ דיענען דער מלוכה, װעלכע פאָלגט דעם רצון פון דער הערשענדער בורזשואַזיע, פאַר דעם אײנציגען מיטעל צו דריקען די „פרעמדע" נאַציאָנען בנוגע צו די פּאָליטיש=סאָציאַלע פערהעלטניסען, װעלכע ליגען מחוץ לתחום פון די אײגענטליכע נאַציאָנאַלע „אינטערעסען". אין יענע לעבענס=געביטען װאו דער איד טרעט אַרױס ניט אַלס איד — ד. ה. ניט אַלס אַ מיטגליד פון אַ געװיסער קולטורעלער גרופּע — נאָר אַלס פּראָדוצענט אָדער קונה, אַלס בירגער, װעלכער פערנעהמט זיך מיט אַ געװיסער פּראָפעסיע און אַז. װ., האָט די דעמאָקראַטישע מלוכה — אויף װי פיעל זי בלײַבט דעמאָקראַטיש — ניט בכח צו שטעלען איהם אין אַ אויסשליסליכער לאַגע. אײנפיהרען פאַר איהם געװיסע בעגרענצונגען, אויסנאַהמס=געזעצען — דאָס קען זי ניט צוליעב איהר דעמאָקראַטיזם; קעמפּפען געגען איהם אויפ'ן לעגאַלען װעג דורך געזעצען דאָס קען ניט דערגרײכען דעם ציעל, װײַל אויף װי פיעל די געזעצען

בעריהרען געוויסע פּראָפעסיעס, קלאַסען, ניט אָבער בעשטימטע פאָרמען פון נאַציאָנאַלען לעבען, אויף אַזוי פיעל וועלען איהרע קלעפּ פאַלען ניט נאָר אויף די פּלייצעס פון דער אונטערדריקטער נאַציאָן, נאָר זיי וועלען טרעפען אויך אַנדערע שיכטען. פערפאָלגען אַ אידען אַ פּראָצענטניק, וואָלט הייסען פערפאָלגען — אַלע פּראָצענט=ניקעס בכלל; בעגרענצען די רעכטען פאַר אידען=פערמיטלער, וואָלט הייסען מאַכען אויסנאַהמסגעזעצען פאַר פערמיטלער בכלל; און דורך דעם וואָלט דער קאַמפף איבערגעטראָגען ווערען פון דעם נאַציאָנאַלען באָדען אויף'ן קלאַסען=באָדען.

נאָר אין יענע כפרען פון דעם פּאָליטישען לעבען וועט מען קענען צודריקען דעם אידען, וואו ער וועט אַרויסטרעטען אַלס איד: דאָס הייסט דאָרטען, וואו ס'וועט זיך האַנדלען וועגען קולטורעלע פראַגען. דאָ ווערען די בעדערפניסען פון דער אידישער בעפעל=קערונג בעשטימט ניט נאָר דורך דעם, וואָס זי וואוהנט אין אַ גע=וויסען געגענד, פערנעהמט זיך מיט געוויסע עסקים, וואָס זי געהערט צו אַ בעשטימטען קלאַס — זיי ווערען אויך בעשטימט דורך דעם, וואָס אָט די בעפעלקערונג געהערט צו אַ בעשטימטער נאַציאָן. אָט דאָ קען מען צודריקען דעם אידען, ניט עובר=זענענדיג דערביי אויף דעם דעמאָקראַטישען שולחן=ערוך און ניט בעריהרענדיג די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע געהערט צו אַן'אַנדער נאַציאָן; אָט דאָ — און איך אין דער ספערע פון געזעלשאַפטליכען באָיקאָט, וועלכער האַלט אונטער ניט-אָפיציעל דאָס, פון וואָס די מלוכה האָט זיך געמוזט אָפיציעל אָבזאָגען.

אָט דאָ, אין דיזען געביעט פון די קולטורעלע ענינים — פון דער פאָלקס=שולע אי אויך פון אַנדערע בילדונגס=אַנשטאַלטען, וועלכע פיהרען אָן ווי ענינים פון שפּראַך, וויסענשאַפט און קונסט — אָט דאָ וועט זיך צונויפקלייבען די גאַנצע ענערגיע פון דעם חוצפה=דיגען נאַציאָנאַליזם; דיזער געביעט וועט ווערען דער הויפּטפּלאַץ פון די נאַציאָנאַלע סכסוכים. אָט דאָ וועט אויסגעגאָסען ווערען דער נאַנצער האַס געגען דער „פרעמדער" נאַציאָן — דער האַס, וועלכען די רעאַקציאָנערע קרעפטען האָבען ערצויגען — וועלכער קען זיך ניט אויס=דריקען אין אַנדערע צווייגען פון דעם מלוכה=לעבען, און וועלכער קאָנ=צענטרירט זיך דעריבער דאָרט, וואו די „נאַציאָנאַלע" סיכסוכים דריקען זיך הויפּטזעכליך אויף'ן אָט דאָ וועט ליגען דער קאַנאַל וואוהין ס'וועלען

זיך ציהען די אסימיליאטארישע טענדענצען, יענע געוועהר, מיט וועלכען מ'וועט דורכפיהרען אין לעבען די שאוויניסטישע פלענער אויף צו דערשטיקען דורך דער מעהרהייט די „פרעמדע „נאציאנאלע גרופען.

און ווי באלד אז איין צד וועט אנפאלען, וועט זיך אויפהויבען דער צווייטער צד אויף צו פערטהיידיגען זיך, ס'וועט זיך אנהויבען א מין מאביליזאציע פון נאציאנאלען זעלבבכטשוץ. וואס זשע וועט זיין דער פועל־יוצא דערפון ? די „אלגעמיינע נאציאנאלע" ביל־דונגסאנשטאלטען וועלען דינען פאר א קאמפס פלאץ, וואו ס'וועלען זיך אבשפילען די הארטנעקיגסטע נאציאנאלע מלחמות. יעדער פראגע, וועלכע וועט געשטעלט ווערען אין דער טאגעסארדנונג פון די אנשטאלטען, יעדער נייע לעהרשולע, יעדער נייע וואקאנטע שטעלע, יעדע אומענדערונג אין דעם סיסטעם פון די לימודים אדער יענע נייע הוצאה אין דעם בודזשעט מוזען פיהרען צו א סיכסוך, צושפאלטענדיג יעדער בעראטהונג, וואס וועט זיך פערנעהמען מיט אזוינע פראגען, אויף 2 אדער מעהר פיינדליבע—מחנות, צו טיילענדיג די פערטרעטער פון די פערשידענע נאציאנען לויט זייער נאציאנאלער אבשטאמונג.

די סאציאל־דעמאקראטיע וועט זיין אהנמעכטיג צו טהאן עפעס נעגען אט דער שטענדיגער מלחמה פון די פערטרעטער פון די פערשידענע נאציאנען. נאך מעהר, הגם דיזער קאמפף שטאמט פון דער בורזשואזיע, הגם ער ווערט געפיהרט דורך די בורזשואזע גרופען פון די פערשידענע נאציאנען, פונדעסטוועגען קען די סאצ.־דעמ. ניט שטעהן פון וויטען, דער פראלעטאריאט קען ניט איבערלאזען דער בורזשואזיע, אז זי זאל פערטהיידיגען זיינע לעהר־שולען, ווייל זיינע ברענענדיגע אינטערעסען, זיינע קולטורעלע בעדערפניסען טרייבען איהם אונפערמיידליך איינצושטעלען זיך פאר די מיטלען, וואס זענען נויטיג פאר דער קולטורעלער ענט־וויקלונג, איינצושטעלען זיך און קעמפפען געגען די פיינדליכע רעאקציאנערע קרעפטען, וועלכע ווילען אונטער דעם שלייער פון אסימיליאציע פערצוימען איהם דעם וועג צו בילדונג. ער וועט מוזען אריינמישען זיך אין דעם קאמפף געגען דער בורזשואזיע פון די „פרעמדע" נאציאנען, און כסדר ראנגלען זיך געגען איהר. איהם וועט אויסקומען ניט ווילענדיג צו געהן האנד ביי האנד מיט דער בורזשואזיע פון זיין אייגענער נאציאן, כדי צו פערטהיידיגען זיך געגען די אנפאלען פון דער בורזשואזיע, וועלכע געהערט צו אנ־

אַנדערער נאַציאָן. ער וועט געצוואונגען זיין איינצושטעלען זיך פאַר
זיין שפּראַך, פאַר זיין לעהר=שולע, פאַר זיין קולטור, כדי צו
בעשיצען זיי פון דעם פרעמדען שונא. אָט דיזער קאַמפּף וועט
בעשאַפען אַ באָדען פאַר נאַציאָנאַלען פאַנאַטיזם, נאַציאָנאַלע אָבגע=
זונדערטקייט; אויף אָט דעם באָדען קען אויסוואַקסען דער נאַציאָ=
נאַלער האַס צו אַלץ, וואָס ס'איז ניט איינענע, וואָס געהערט צו
אַ פרעמדער נאַציאָן; פון דער אַנדער זייט וועט דיזער קאַמפּף
טרייבען די אַרבייטער צו באַהעפטען זיך מיט דער „אייגענער"
בורזשואַזיע — זייער נאַטירליכען בונדעס=חבר אין קאַמפּף געגען די
„פרעמדע"; זי וועט מיטברייינגען די פעסטע פערבינדונג פון די
פערשידענע קלאַסען אין איין נאַציאָנאַלען „בלאָק". ער וועט צו=
שפּאַלטען דעם בעוואוסטזיין אין דעם קאַמפּף פון דעם אַרבייטער,
אַרויסרוקענדיג נעבען דעם קלאַסען=געגענזאַץ די נאַציאָנאַלע שנאה
און פערבייטענדיג דעם קאַמפּף געגען די עקספּלואַטאַטאָרם דורך
דעם קאַמפּף געגען דעם „פרעמדען" יאָך. אָט דער שטענדיגער נאַ=
ציאָנאַלער סיכסוך, וועלכע וועט כסדר אַוועקשטעלען דעם בורזשואַ
און דעם אַרבייטער איינעם נעבען דעם אַנדערן, אונטער איין נאַ=
ציאָנאַלען לאָזונג געגען דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלען פיינד, וועט
על פי טבע בעשאַפען אַ געוויסע פּסיכאָלאָגישע פערבינדונג צווישען
די צוויי בעצם פיינדליכע קלאַסען, וועט פערטושען דעם קלאַסען=
אינסטינקט, אונטערהעצען די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, און
הגם ער וועט ניט האָבען בכח אויסצוואָרצלען דאָס בעוואוסטזיין
פון דעם קלאַסען-אינטערעס, וועט ער דאָך זיין אַ מורא'דיגע מניעה,
וועלכע וועט שטערען צו פערשטעהן דיזען אינטערעס קלאָר און
דייטליך, אין זיין ריינער געשטאַלט, אָהן זייטיגע פּלאָנטערניסען.

צו דאַרף מען נאָך געבען צו פערשטעהן, ווי שעדליך ס'איז
פאַר דער סאָצ.=דעמאָקראַטיע אַזאַ לאַגע, וואָס פאַר אַ פערפעסטעטע
לופט ס'ווערט בעשאַפען אַרום די בעוואוסטזיניגע פּראָלעטאַריער,
וועלכע זענען געצוואונגען יעדע מינוט צו אַמפּערן זיך געגען די
שאָוויניסטישע שטימונגען, כסדר צו קעמפּפען געגען דעם נסיון פון
נאַציאָנאַליסטישער פערדאָרבענהייט, מיט וועלכער זיי וועלען זיך
שטענדיג בעגעגענען אין זייער פּראַקטישער פּאָליטישער אַרבייט. וואָס
פאַר אַן ערנסטער פאַקטאָר ס'זאָל ניט זיין דאָס בעוואוסטזיין פון דער
פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, דאַרף מען אָבער ניט פערגעסען,

אַז דיזעם בעוואוסטזיין איז ניט געגעבען געוואָרען ווי אַ פערטיגע זאַך, וועלכע איז אייביג און בייט זיך קיין מאָל ניט; דערינען גופא בעשטעהט טאַקי אנזער אויפגאַבע, אַז מיר זאָלען פער־שטאַרקען און ענטוויקלען אָט דיזעם בעוואוסטזיין, און דיזער אויפגאַבע אונזערער שטעלט זיך אין וועג די מורא׳דיגע מניעה, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט.

צו איז ניט קלאָר, אַז גראָד פון יענעם סאָץ. דעמאָקראַטישען שטאַנד פונקט, וועלכער פאָדערט אַ ענטשלאָסענעם און כסדר׳דיגען קאַמפף פאַר אַזוינע פאָליטישע פאָרמען, וועלכע זאָלען ביי דער איצטיגער אָרדנונג פערקלענערן די מניעות, וואָס שטערען אויסצו־אַרבייטען אַ קלאָרען, אָהן שום פסולת, פראָלעטאַרישען בעוואוסטזיין —, אַז פון דיזעם שטאַנד פונקט וואָלט געווען אַ גרויסע זינד צו מאַכען זיך כלא ידע פון דער אָנגעוויזענער מניעה, ניט פרובירענדיג אַפילו צו בעזייטיגען איהר פון אונזער וועג.

די הויפט־צרה פון די „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע" קולטורע׳לע איינריכטונגען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי ערנעהרען די נאַציאָ־נאַליסטישע אויפגע־עגטקייט.

די נאַציאָנאַליסטישע אויפגערעגטקייט קען נאַטירליך ניט געהיילט ווערען דורכדעם, וואָס מ׳וועט כסדר רייצען דעם קראַנקען גליד דיזער גליד דאַרף אָדער געהיילט אָדער בעזייטיגט ווערען. ער טאָר ניט בלייבען אַלס אַ מקור פון ווייטערדיגע קראַנקהייטען. ווייטער לאָזען אַזאַ לאַגע טאָר מען ניט.

ניט די מלוכה, ניט די אָרגאַנען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, בכלל ניט די אַלע איינריכטונגען, וועלכע בעשטעהען פון פער־טרעטער פון פערשידענע נאַציאָנען, דאַרפען זיך ניט פערנעהמען מיט אָט די „קראַנקע" פונקציעס. אָט דיזער צווייג פון געזעלשאַפט־ליכען לעבען דאַרף אַרויסגענומען ווערען פון זייערע הענד, אַזוי ווי מ׳קען זיך אָבער מיט אָט די פונקציעס ניט פערלאָזען אויף דער פריוואַטער איניציאַטיווע, מוזען זיי איבער־געגעבען ווערען אין די הענד פון די נאַציאָנען. אויף אַזאַ אופן צוימען זיך אָב די נאַציאָנען איינער פון די אַנדערע. יעדערע פון זיי פיהרט אָן זעלבסשטענדיג אָהן דעם אַנטייל פון אַנדערע נאַציאָנען, איהרע קולטורעלע ענינים. ס׳ווערט בעזייטיגט יעדע מעגליכקייט פון קאַמפף אין געגענזייטיגע סכסוכים. ס׳עפענט זיך

אַ בריִיטער פּלאַץ פאַר אַ ריינעם קלאַסענקאַמפּף אין די ראַהמען פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, אַ קאַמפּף, וועלכער ווערט ניט פערדונקעלט און פערוויקעלט דורך דער נויטיגקייט איינצושטעלען זיך אין דעם פּראָצעס פון די נאַציאָנאַלע סיכסוכים פאַר די אינטערעסען פון דער איינענער נאַציאָן: דער קלאַסענקאַמפּף ווערט אָבגערייניגט און פעראיינפאַכט. אויף אָנצופיהרען איהרע קולטורעלע ענינים — און נאָר צוליב דעם צוועק — בילדעט יעדע נאַציאָן אַ יורידישע קאָלעקטיווע איינהייט. די אָרגאַנען, וועלכע זענען נויטיג דערצו, אַז די „יורידישע פּערזאָן" זאָל קענען פונקציאָנירען, ווערען אויסגעקליבען אויף דעמאָקראַטישע יסודות דורך אַלגעמיינע וואַהלען. אָט די אָרגאַנען נעהמען איבער בײַ דער מלוכה איהר שליטה אויף די קולטורעלע ענינים פון דער אָדער יענער נאַציאָן. אויף וויפיל ס'עקזיסטירען אַזוינע קולטורעלע בעדערפניסען, וועלכע זענען אַלגעמיין פאַר'ן גאַנצען לאַנד, און וועלכע זענען ניט נאָך די קרעפטען פון דער איינצעלנער נאַציאָן, ווערען זיי בעפרידיגט דורך אַ פעדעראַטיווען בונד פון נאַציאָנאַלע סיימען. דיזער בונד בעשאַפט צו גלייכער צייט אַ פונדאַמענט, אויף וועלכען די פּראָלעטאַריער פון פערשידענע נאַציאָנען קענען פעראייניגען זייערע קרעפטען אַפילו אין דעם תחום פון יענע פראַגען, בנוגע צו וועלכע די נאַציאָנען זענען „אָבגעצוימט' איינע פון די אַנדערע.

דערינען ליגט דער תוכן פון דער קולטור=נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין איהר ריינערער געשטאַלט. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז, מיט אַנדערע ווערטער אויסגעדריקט — די נאַציאָנאַלע זעלבסטפערוואַלטונג. דעריבײַ איז די נאַציאָן דער איינציגער בעל=דעה בלויז אין דעם געביעט פון יענע פראַגען, אין וועלכע ס'דריקט זיך אויס דאָס נאַציאָנאַלע לעבען אַלס אַזעלכער, דאָס הייסט, אין דעם געביעט פון די קולטורעלע פראַגען. דערמיט איז בעשרענקט איהר קאָמפּעטענץ, כאַ־ די איבעריגע ענינים און פונקציעס הערט אויף דער „נאַציאָנאַלער פעראיין" צו עקזיסטירען. זיינע מיטגליעדער טרעטען דאָ אַרויס ניט אַלס פערטרעטער פון דער נאַציאָן, נאָר ווי איינפאַכע איינוואָהנער פון דער אָדער יענער אַדמיניסטראַטיווער איינהייט, אַלס וועהלער אין די אָדער יענע איינריכטונגען פון דער טעריטאָריאַלער זעלבסטפערוואַלטונג. אָט די פונקציעס געהען אַריבער

צו דער פערוואַלטונג פון די אַלגעמיינע אײנריכטונגען, בעת די ערשטע געהט אַריבער אין די הענד פון די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אײנריכטונגען.

מיר געפינען ניט פאַר מעגליך צו געהען איצט ווײטער אויף דער יענע אַלגעמיינע דירעקטיוועון בנוגע צו דער דאָזיגער פראַגע, די אויסאַרבײטונג פון די פרטים געהערט יענער צוקונפט, ווען אויפ'ן גרונד פון אונזערע פראָגראַם-פונקטען וועלען אויסגעאַרבײט ווערען די קאָנקרעטע געזעץ-פראָיעקטען. דער פרינציפיעלער אינהאַלט, אין וועלכען ס'איז וויכטיג קלאָר צו ווערען שוין איצט, ווערט אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער: נאַציאָנאַלע זעלבסטפערוואַלטונג.

מיר שטעהען דערפאַר, ערשטענס, ווי פאַר דעם פרינציפ פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, וועלענדיג דערמיט אונטערשטריכען, אַז די אינדיווידועלע פרײהײט, די פרײהײט פון יחיד, איז נאָך צו ווענינ, אַז דאָס בלויזע פראָקלאַמירען די רעכטען פערוואָרענען נאָך ניט די פרײהײט; ס'מוזען בעשאַפען ווערען די נויטיגע קאָלעקטיווע אָרגאַנען, וועלכע אַך נאָר וועלכע ס'קענען דיענען אין אַ גרעסערען אָדער קלענערען גראַד פאַר אַ גאַראַנטיע פון דערווירקליכער גלײכבערעכטיגונג.

צווײטענס, איז די נאַציאָנאַלע זעלבסטפערוואַלטונג וויכטיג פאַר אונז גראַדע אַלס נאַציאָנאַלע: דערמיט ווילען מיר אונטערשטריכען, אַז יענע קאָלעקטיווע אײנהײט, אין וועלכער מיר זעהען די ערבות פון אַ פרידליכער לעזונג פון דער פראַגע, דאַרף זײן ניט די טעריטאָריאַלע, נאָר די נאַציאָנאַלע; אין איהר בעטײליגען זיך ניט די אײנוואָהנער פון דער אָדער יענער געגענד, נאָר די מיטגליעדער פון אַ בעשטימטער נאַציאָן, אויף וואָסער טעריטאָריע זיי זאָלען ניט וואָהנען.

מיר טרעטען ניט אַרויס אַלס געגנער פון דער טעריטאָריאַלער זעלבסט-פערוואַלטונג. אין אַזאַ מורא'דיג גרויסען לאַנד ווי רוסלאַנד, מוז די אינערליכע פערשידענהײט פון די אָרטיגע בעדינגונגען נאַטירליך אַרויסרופען אַ געוויסע דעצענטראַליזאַציע, וועלכע איז נויטיג און נוצליך. מיר זאָגען בלויז, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט ניט געלעזט דורך דער טעריטאָריאַלער זעלבסט-פערוואַלטונג, זי ווערט ניט געלעזט צוליעב דער אײנפאַכער

אורזאַכע, וואָס די בעגריפען „נאַציאָן" און די „בעפעלקערונג פון אַ געוויסער טעריטאָריע" פאַלען ניט צוזאַמען. מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, אַז די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע קען אין בעסטען פאַל בעפרייען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג יענע נאַציאָן, וועלכע שפּיעלט די הערשענדע ראָלע אין דער דאָזיגער פּראָווינץ, פאַר די איבעריגע נאַציאָנען, וואָס געפינען זיך דאָרטען, פערענטפערט זי ניט די נאַציאָנאַלע פראַגע. מיר וועלען נאָך צוגעבען, אַז אפילו די מיטגליעדער פון דער הערשענדער נאַציאָן זענען פריי, נאָר כל זמן זיי בלייבען אין דעם תחום פון „זייער" פּראָווינץ. אַריבערשפּרייזענדיג דיזען תחום, זענען זיי שוין מעהר ניט פריי און בעקומען איבער זיך אַן'אויבערהאַר אין דער געשטאַלט פון דער נאַציאָן, וועלכע איז פון איהר זייט דער בעל־דעה איבער „איהר" טעריטאָריע.

ליידער אָבער, איז די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, אַלס אַן'ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ביז איצט געווען אַ פּאָפּולערער לאָזונג, איידער די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. די פאַלשע טראַדיציעס פון דעם טעריטאָריאַליזם, וועלכע מ'האָט אַריבערגעטראָגען אין דעם געביעט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָבען געבראַכט צו דיזער פאָרשטעלונג. פון דיזע טראַדיציעס מוז מען זיך אָבזאָגען. וואָס פאַר אַ פּאָזיציע מ'זאָל ניט פערנעהמען אין דעם טעאָרעטישען ויכוח וועגען דעם, צי קען אַ בעשטימטע גרופּע מענשען רעכענען זיך פאַר אַ נאַציאָן אָהן אַ טעריטאָריע, אָדער ניט, אין דער רעאַלער פּאָליטיק מוז מען אונבעדינגט זיך רעכענען מיט דעם אונצווייפעלהאַפטען פאַקט, אַז קיין נאַציאָן, וואָס (יעדענפאַלס פון די אונטערדריקטע נאַציאָנען) פאַר אַ מעהרהייט פון איהר ס'זאָל ניט בעזיצען אַ בעשטימטע טעריטאָריע, פערנעהמט ניט דורכאויס די גאַנצע טעריטאָריע, ניט איבערלאָזענדיג קיין פּלאַץ פאַר אַנדערע.

דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון די נאַציאָנען, און מיט דיזער היסטאָרישער טענדענץ מוז זיך רעכענען אין זיין פּאָליטיק יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט. אויב דער קאַפּיטאַליזם ברייננגט ניט אין דער אמת'ן צו דער צושטויבונג און צערשטרייאונג פון די נאַציאָנען איבער דעם גאַנצען שטח פון דער מלוכה (ווי דאָס דוכט זיך דעם אָדער יענעם „מאַרקסיסט")

מאַכט ער אָבער בלי ספק אַ סוף צו די אָבגעשלאָסענע, אָבגעזונדערטע געגענדען מיט אַנ'איינהייטליכער נאַציאָנאַלער בעפעלקערונג. ער מאָביליזירט די בעפעלקערונג, מאַכט זי בעוועגליך, טרייבט מאַסען מענשען פון איין שטאָדט אין די אַנדערע, צורייסט די פערבינדונג צווישען דער בעפעלקערונג און דער ערד, און אין יעדער מעהר אָדער וועניגער בעדייטענדער טעריטאָריע ווערט אויף איינציג פערשוואונדען דער איינהייטליכער נאַציאָנאַלער קאָליר. אָט צוליעב דיזער טענדענץ געהען זיך אַלץ ווייטער פאַנאַנדער די טעריטאָריאַלע פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער — די צוויי פראַגען, וועלכע זענען ענג פערבונדען צוזאַמען אין דעם פאַל, ווען מיר האָבען צו טהאָן מיט אַ טעריטאָריע, וועלכע איז געפאַרבט אין אַנ'איינהייטליכען נאַציאָנאַלען קאָליר. די טערריטאָריאַלע זעלבסט־פערוואַלטונג — זי האָט זיך איהר אייגענע בעדייטונג און ווערט, און גיט אַנ'ענטפער אויף אַ גאַנצע רייהע בעדערפניסען, וועלכע טראָגען אַ טערי־טאָריאַלען כאַראַקטער. די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אָבער דערצו קיין שום שייכות ניט און זי פאָדערט אַ בעזונדערע לעזונג. כדי די אַלגעמיינע פאָרמול „זעלבסט־פערוואַלטונג" זאָל קענען געבען אַנ'ענטפער אויך אויף דיזע אויפגאַבע, מוז מען פערבייטען דעם פערעלטערטען און אונברויכבאַרען בעגריף טעריטאָריע, דורך אַנ'אַנדערען, רעכנענדיג זיך דערביי מיט די היסטאָרישע טענדענצען פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אָט דיזער אַנדערער בעגריף איז די נאַציאָן, אַלס אַ סומע פון אַלע יחידים, וועלכע געהערען צו אַ בעשטימטער היסטאָריש־קולטורעלער גרופּע, אונאָבהענגיג דערפון, וואָס זיי וואָהנען אויף פערשידענע טעריטאָריעס.

אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע גיט אַ גענייען ענטפער בלויז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

דיזע פאָדערונג צוזאַמען מיט די איבריגע אונזערע פאָדערונגען אין דיזעם געביעט — בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פאַר די אידען און די פאָלבערעכטיגונג פון דער אידישער שפּראַך — בילדען אונזער פּראָגראַם בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

## די רעזאָלוציע וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן 6-טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד" וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז די נאַציאָנאַלע אונטערדרי-קונג אין אַלע איהרע פאָרמען, פערדונקעלענדיג דאָס בעוואוסטזיין פון דעם פראָלעטאַריאַט, רופט זיך אָב אויף דעם שעדליכסטען אופן אויף די אינטערעסען פון בעפרייאונגס-קאַמפף פון דעם גאַנצען פראָלעטאַריאַט פון דער מלוכה און פאַלט מיט איהר גאַנצער משא אויף דעם אַרבייטער-קלאַס פון דער אונטערדריקטער נאַציאָן מיט דעם, וואָס זי פערהאַלט די ענטוויקלונג פון זיינע קרעפטען אין אַלע געביעטען פון זיין לעבען און פיהרט אַראָב זיין קלאַסענקאַמפף פון ריכטיגען וועג — איז דער חוב פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע צו קעמפפען געגען יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, סיי דירעק-טע, סיי אונדירעקטע.

אַנערקענענדיג, אַז נאָר דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט אויסוואָרצלען אַלע פאָרמען פון קלאַסענהערשאַפט, וועט אויך בריינ-גען די פאָלקאָמענע בעפרייאונג פון יעדער נאַציאָנאַלער אונטער-דריקונג, מוז די סאָצ.-דעמאָקראַטיע אין די גרענעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג שטרעבען צו ערקעמפפען יענעם מאַק-סימום פערזיכערונג געגען נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, וועלכע איז מעגליך צו דערגרייכען אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

נעהמענדיג ווייטער אין אַנבעטראַכט, אַז אַלס אַזאַ פערזיכערונג קענען דיענען — אויסער דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה-אָרדנונג און די געוועהנליכע גאַראַנטיעס פון דער בירגערליכער און פאָ-ליטישער גלייכבערעכטיגונג ווי אויך דער גלייכבערעכטיגונג פון דער שפראַך — נאָר די בעשאַפונג פון אַזעלכע מלוכה-רעכטליכע איינריכ-טונגען, וועלכע מאַכען מעגליך פאַר יעדע נאַציאָן אַ פרייע קולטורעלע ענטוויקלונג, אַז צוליעב דעם, וואָס רוסלאַנד איז בעוואָהנט פון פערשיעדענע פעלקער, וועלכע ווערען אַלץ מעהר און מעהר צונויפ-געמישט ביי דער ענטוויקלונג פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, איז אונמעגליך זיי טעריטאָריאַליש פאָנאַנדערצוגרענעצען קענען די אויבענדערמאָהנטע מלוכה-רעכטליכע איינריכטונגען זיך אויסגיסען נאָר אין אַ אויסער-טעריטאָריאַלער פאָרם, אין אַ פאָרם פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע; נעהמענדיג דאָס אַלץ איז-

בעטראַכט, פאָרמולירט דער 6 טער=צוזאַמענפאָהר פון „בונד", זיי=ענדיג בכלל איינשטימיג מיט דער פּאָזיציע, אויף וועלכער דער פערטער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געשטעלט מיט דער רעזאָלוציע וועגען דיעזער פראַגע, די פראָגראַם פון „בונד" אין דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פאָלגענדע פונקטען:

1) פאָלע בירגערליכע און פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג פאַר אידען.

2) אַ מעגליכקייט פאַר דער אידישער בעפעלקערונג, גאַראַנ=טירט דורכ'ן געזעץ, צו בענוצען די אייגענע שפּראַך און די אויפ=טראַגען מיט דעם געריכט און מיט די איינריכטונגען, ווי פון דער מלוכה אַזוי אויך אָרטיגער און טעריטאָריאַלער זעלבסטפערוואַלטונג.

3) נאַציאָנאַל=קולטורעלע אויטאָנאָמיע: אויסשליסען פון דעם רשות פון דער מלוכה, אַזוי אויך פון דער אָרטיגער און טעריטאָרי=אַלער זעלבסטפערוואַלטונג די פונקציעס, וועלכע זענען פערבונדען מיט קולטור=פראַגען (פאָלקס=בילדונג און אַנד.) און איבערגעבען זיי דער נאַציאָן זעלבסט אין דער געשטאַלט פון בעזונדערע איינ=ריכטונגען, ווי אָרטיגע, אַזוי אויך צענטראַלע, געוועהלט פון אַלע מיטגליעדער אויפ'ן גרונד פון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אָבשטימונג.

4) אַנמערקונג: די נאַציאָנאַל=קולטורעלע אויטאָנאָמיע נעהמט ניט אָב פון דער צענטראַלער געזעצגעבענדער מאַכט דאָס רעכט איינצושטעלען געוויסע נאָרמען, וועלכע אַלע זענען מחויב אָנצונעהמען, און פראַגען, וואָס האָבען אַ'אַלגעמיינע בעדייטונג פאַר אַלע נאַציאָנען פון רוסלאַנד וו. צ. ב., אַז אַלע מוזען בעקומען אָנפאַנגס=בילדונג, אַז די למדים מוזען טראָגען אַ ריין וועלטליכען כאַראַקטער און אַז. וו. און דאָס רעכט צו קאָנטראָלירען, אַז די אַלע נאָרמען זאָלען אָבגעהיט ווערען.

PROGRESSIVE EDUCATIONAL SOCIETY Organized May 9, 1907 TREN

פערלאג די „פראלעטארישע וועלט״.

פיליפ קראנץ.

# קלארע דבורים

## צו אידען בכלל און ארבייטער בפרט.

ווילנא — 1907.

דרוקעריי פון וויטווע און געברידער ראם.

Открытое Слово къ еврейскому рабочему.

Вильна. Типографія „Вдова и братья Роммъ", Уголъ Духовскаго
и Глухого пер. соб. домъ № 1/2

# אַ שטיקעל הקדמה.

וואָס עס האָט געזאָלט זיין אַ פאָרטראַג אויף אַ פערזאַמלונג פון דער אידישע־ סעקציאָן פון דער פ. פ. ס. ד. אין לעמבעּ־ג, זאָל יעצט זיין אַ ביכעל.

איך האָב ניט געמיינט און האָב גאָר ניט ברעה אויסצואַרבייטען עפּעס אַ „נייע פּראָגראַם" אָדער אויסצופּשט'לען עפּעס אַ „נייע טהעאָריע" ספּעציעל פאַר דעם „אויסגערוועהלטען פאָלק", זאָנדערן פּשוט אויסצודריקען די מיינונג פון אַן'אַלטען אידיש־שפּרעכענדען סאָציאַל־דעמאָקראַט איבער די, זאָ צו זאָגען, ברענענדע טאַגעספראַגען אין געוויסע „חדרים" פון דער אידישער גאַס, ווי ווייט איך האָב זיי קענען געלערנט דורך מיין בעקאַנשאַפט מיט די פאָרשטעהער און מיט דער ליטעראַטור פון די פערשידענע אידישע פּאַרטייען.

פּראָגראַמען פעהלען בה"ש ניט ביי אונז אידען. מיר האָבען זיי ביז איבער'ן קאָפּ. זיי „פּרובפּערן" זיך קיין עין הרעה גאַנץ שנעל און מאַכען זיכער מעהר געטומעל אין די קליינע און גרויסע גהעטאָס, ווי זיי פערדינען עס. אַלע ווענדען זיך צום אַרבייטער, אַפּעלירען צו איהם און מאַקע נאָר צו איהם, אַרויסשטעלענדיג איהם פאַר אַ רעטער פון גאַנצען יודענטהום. דער אַרבייטער, דער בעל־מלאכה, מיט וועלכען מען האָט זיך גאָר ניט לאַנג צוריק געשעמט אין דער אידישער משפחה, איז יעצט אַריין אין דער מאָדע. ער איז דער העלד, דער נייער דור וואָס וועט מיט אַ שטיינדעל דערהרג'ענען דעם אַנטיסעמיטישען גלית און וועט ברינגען משיח'ס ציטען אין ארץ ישראל גופא, אָדער ערגעץ כתם אין אַ טעריטאָריע.

ער האָט זיך וועגען דיזען אונגליקליכסטען פון אַלע אונגליקליכע ישראליקס געקימערט נאָך אפילו מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, אויסער אַ קליינע צאָהל אינטעליגענטען, און גראַדע אַ סימילירטע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען נאָך ניט פערגעסען דעם מאַמע-לשון און וועלכע האָבען איהם געוואָלט אויפקלערען אַביסעל און אַריינשלעפּען אין די רייהען פון דעם קלאַסענבעוואוסטען פּראָלעטאַריאַט, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע? אָבער יעצט האָט ער געקראָגען אַזוי פּיעל נייע „פריינד"!... די אמת'ע בלוי-ווייסע ציוניסטען, די רויטליכע ציוניסטען, די סאָציאַליסטישע פּועלי-ציון, די טעריטאָריאַליסטען, די סיימיסטען און ווער ווייס ווי דיזע אַלע קליינבירגערליכע „אירעאָלאָגען" רופען זיך היינט — זיי אַלע רייסען דעם אַרבייטער פאַר די פּאָלעס און שלעפּען איהם צו זיך אין קלייזעל. „קום צו אונז, גוטער ברודער, טייערער שניידער, זיסער שוסטער, קום אין אונזער קלייזעל, דאָרט וועסטו געהאָלפען ווערען פון אַלע דיינע צרות, דאָרט וועסטו ווערן אַ מענש צוזאַמען מיט כל ישראל. דאָ אין גלות איז גאָר קיין רעטונג פאַר דיר ניטאָ. מיר וועלען דיך פיהרען, ניין! דו, ברודער, מיט דיין שטאַרקער האַנד וועסטו אונז פיהרען אין אַ אייגענע לאַנד, וואו מיר וועלען אַלע גענעזעלט ווערן".

און ער, דער נייער משיח? ער לעבט נעבעך אין געהאַקטע צרות, ווי געוועהנליך, נאָר יעצט ווערט נאָך זיין קאָפּ צוטומעלט פון דער נייער תורה, פון אַ נייעם סאָרט אתה-בחרתנ'וניזמוס מיט „פּראָלעטאַריזאַציעס", „העכערע און ניעדעריגע פּראָלעטאַריער", מיט „היסטאָרישע נאָטווענדיגקייטען פון אַ טעריטאָריע", מיט מאַרקסיזמוס אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין לש:ה הבא בירושלים און מיט אַ גאַנצען אַרסענאַל פון האָרשפּאַלטענדע חקירות, פון וועלכע אפילו אַן'אינטעליגענט קען קריגען אַ קאָפּ-ווייטאָג. ער, דער צוקינפטיגער העלד פון דעם נייעם אתה בחרתנו-ניזמוס, ער זוכט נאַטירליך אַן'אויסוועג פון זיינע היינטיגע צרות, ער וויל געוויס פערבעסערן זיין לאַגע; אָבער ביי דעם ערשטען שריט שטויסט מען איהם צו פערקירעווען זיך אויף זייטיגע וועגען, צו פערקריכען אין אַ וועלט פון חלומות, פון בורזשואַזע פּלוידערייען.

זיינע שוואַכע קרעפטען דען נאָך אַלעמען איז דער ניי-געבאַ-

רענער אידישער פראָלעטאַריאַט אַ גאַנץ קליינער טהייל פון דער אידישער בעפעלקערונג—ווערן אַזוי נאָר צוברעקעלט און צופיצעלט. אָט דאָ אין גאַליציען קריעגט דער אידישער אַרבייטער אַזאַ קלעגליכען לוין, אַז עס איז איינפאַך אַ וואונדער, וויא אַזוי ער קען דערהאַלטען דיא נשמה אין גוף. עס איז ניט אַ לעבען, נאָר אַ לאַנגזאַמע אויסהונגערונג. און דאָך, אַנשטאָט צו פעראייניגען זייערע שוואַכע קרעפטע, אַנשטאָט צו קעמפּפען אַלע צוזאַמען צו פערבעסערן זייער לאַגע, זיינען זיי צוטהיילט און צוגליעדערט. דאָ געהערט אַ פאַך-פעראיין צו דיא פועלי-ציון, דאָרט צו דיא סעפּאַראַטיסטען, אין אַנ'אַנדער אָרט צו דיא פּ. פּ. ס. ד. ווען דיא סעפּאַראַטיסטען רופען אַ פערזאַמלונג פון אַרבייטער, קומען דיא פועלי-ציוניסטען איהר צו שטערען, און פערקעהרט. ווען אַ פאַך, וואָס איז אונטער דער לייטונג פון איין קלייזעל, סטרייקט, דאַן זיינען דיא אַנדערע קלייזלאַך גאַנץ גלייכגילטיג דערצו, עפּעס אַזוי וויא דאָס וואָלט גאָר געווען אַ זייטיגע זאַך פאַר אַרבייטער. און דאָס איז נאָך גוט, דען עס טרעפט אויך, אַז איין פאַך האָט צוויי פערשיעדענע פעראיינען, וועלכע בעקעמפּפען איינע דיא אַנדערע אפילו אין דער צייט פון אַ סטרייק!...

מיר איז אויסגעקומען ביי צו-וואָהנען אין לעמבערג אַ גרויסע פערזאַמלונג פון האַנדעלס אָנגעשטעלטע, פון פּריקאַזטשיקעס, וועלכע געהערען צו דער פּ. פּ. ס. ד., און דאָרט האָב איך געזעהען איינע פון אַזעלכע ברידער-מערדערליכע אַטאַקעס: מיטגליעדער פון דעם פעראיין פון האַנדעלס-אַנגעשטעלטע, וועלכע געהערען צו דיא פועלי-ציון, זיינען געקומען איינפאַך צו צושטערן דיזע פערזאַמלונג, וויא זיי האָבען עס פריהער געטאָן אין קראַקאָוו, נאָר דיזעס מאָל איז געלונגען זיי שנעל אַרויסצושליידערן פון זאַאַל.

קורץ, איך האָב אויסגעפונען, אַז עס הערשט יעצט אַ זעלבסט-פערניכטענדע צוברעקלונג, אַ געפעהרליכער פלאָנטער אין דיא רייהען פון דיא אידישע אַרבייטער, און דאָס האָט מיך בעוואָגען צו זאָגען דיא „קלאָרע דיבורים", וועלכע איך האָב איבערגעגעבען מיינע געזינונגס-גענאָסען צום דרוק מיט דער האָפנונג, אַז דיזע דיבורים וועלען ניט בלייבען וויא אַ קול אין דער מדבר.

נאל ציען, סעפּטעמבער 1906. פּ. קראַנץ.

# קְלָאָרֶע דִיבּוּרִים

## צוּ אִידֶען בִּכְלַל אוּן אִידִישֶׁע אַרְבַּייטֶער בִּפְרַט.

---

אִיךְ ווֶעל דאָ לאָזֶען אָן אַ זַייט דִי פראַגֶע, אוֹיבּ אִידֶען זַיינֶען אַ נאַציאָן אִין פוּלֶען זִינֶען פוּן דִיזֶען ווָאָרט, מִיט אַלֶע פּרטים, מִיט אַלֶע פִּישְׁצֶעווּקֶעם; אָדֶער זַיי זַיינֶען אַ נאַציאָן מִיט אֵיינִיגֶע אוֹיסנאַהמֶען מִיט אַ מִין „אתה־בחרתנוּ־נִיזמוּס", וואָס זאָל שטאַמֶען נאָךְ פוּן עֶר־שטֶען חוּרבּן אָן אָדֶער פוּן לאַנגֶען גלוּת; אָדֶער אפשר זַיינֶען זַיי גאָר קֵיין נאַציאָן נִיט, נאָר אַ רֶעלִיגִיעֶזֶע סֶעקטֶע....

אִיךְ ווֶעל אוֹיךְ לאָזֶען אָן אַ זַייט דִי נַיי־גֶעבּאַקֶענֶע טהֶעאָריֶעם פוּן דִי אַלֶערלַיי פּוֹעלי־צִיוֹן אוּן טֶערִיטאָריאַלִיכטֶען, ווֶעלכֶע האָבֶּען צוּגֶעטשֶׁעפֶּעט צוּ דֶעם אַלטֶען קלאָגֶעדִיגֶען „לשנה הבאה בירושלים" בִּיצלֶעךְ פוּן דֶעם הִיסטאָרִישֶׁען מאַטֶערִיאַלִיזמוּס אוּן ווֶעלכֶע בֶּעצִירֶען אַלץ מֶעהר אוּנזֶער גרוֹיסֶען צָלוועֶלטלִיכֶען לֶעהרֶער קאַרל מאַרקס מִיט אַ לאַנגֶער קאַפּאָטֶע, מִיט פּיאוֹת'ן אוּן אפילוּ מִיט אַ שטְרַיימֶעל..

אִיךְ ווֶעל ווַייטֶער נאָר אַבּיסֶעל בֶּערִיהרֶען דִי נאַציאָנאַל־קוּל־טוּרֶעלֶע פֶערדרֵייהֶענִיסֶען פוּן דֶעם „בּוּנד", ווֶעלכֶער האָט לֵיידֶער דִי לֶעצטֶע יאָהרֶען צְרוּמגִיטאַנצט צווִישֶׁען צוויי שטוּהלֶען אוּן ווֶעל־כֶער ווֶעט יֶעצט, נאָךְ דֶעם לאָגִישֶׁען בֶּעשלוּס פוּן דֶעם לֶעצטֶען צוּ־זאַמֶענפאָהר פוּן דִיזֶען טהֵייל פוּן אִידִישֶׁען פּראָלֶעטאַריאַט, האָפֶענט־לִיךְ אַרוֹיסטרֶעטֶען אוֹיף דֶעם רֵיינֶעם סאָציאַל־דֶעמאָקראַטִישֶׁען ווֶעג אָהן שׁוּם עֵרב־רב ...

אוּם דאָס אַלֶעם גרִינדלִיךְ פאַנאַנדֶער צוּ גלִיעֶדֶערן אוּן צוּ עֶרקלֶערֶן, דאַרף מֶען אָנשרַייבֶּען אַ גאַנצֶען בּוּךְ אָדֶער ווֶינִיגסטֶענס עֶטלִיכֶע לאַנגֶע אַרטִיקלֶען אִין אַ מאָנאַטלִיכֶען זשוּרנאַל. אִיךְ ווֶעל עֶס טאָן, האָפֶענטלִיךְ, אִין אַ קוּרצֶער צַייט אַרוּם, ווַיילֶע עֶס אִיז זֶעהר נוֹיטִיג אַרַיינצוּבּרֵיינגֶען קלאָרהַייט אִין דִי מוֹחוֹת פוּן דִי נאָךְ אֵייגֶענט־לִיךְ גאַנץ ווֶינִיג אוֹיפגִיקלֶעהרטֶע אִידִישֶׁע אַרבּייטֶער, ווֶעלכֶע לאָזֶען

זיך פערשלעפּען אין דער ציוניסטישער חלום־וועלט אַזש ביז אַ טעריטאָריע חאָטש אויף דער לבנה ... דערווײַלע וועל איך מיך ניט פערנעהמען מיט פּאָלעמיקעס און אפילו ניט מיט טהעאָריעס און וועל אײַנפאַך וואַרפען אַ קלאָרען און פּראַקטישען בליק אויף דעם, וואָס עס טהוט זיך אין דער ווירקליכקייט אַרום אונז, אום דערפון צו שליסען, ווי אַזוי מיר דאַרפען זיך פיהרען, ווי אַזוי מיר דאַרפען האַנדלען אין דער ווירקליכקייט.

* * *

אַלזאָ, וואָס זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט, ווען מיר ווילען ניט אָנטאָן ציוניסטישע אָדער טעריטאָריאַליסטישע שפּאַקולען און ווען מיר סטאַרען זיך צו בעטראַכטען די גרויסע אַרומיגע וועלט מיט אָפענע אויגען?

צוערשט זעהען מיר, אַז מיר לעבען טאַקע אין גלות; אָבער יעדערער אין אַבעזונדערן גלות. אידען זײַנען טאַקע צושפּרייט איבער דער גאַנצער ערד, אָבער כמעט אין יעדען לאַנד האָבען זיי בּיסלעכווייז אָנגענומען אַבעזונדערע פיזיאָנאָמיע. די ציוניסטען און אין אַלגעמיינען אידישע נאַציאָנאַליסטען טענה'ן אַלץ וועגען אידען בכלל. אויס דעם, וואָס אויף זייערע קאָנגרעסען האָבען זיי געהאַט פערטרעטער פון פערשיעדענע לענדער, האָבען זיי געשלאָסען, אַז אַלע אידען האָבען איין פּנים, און מעסטען זיי אַללעמען מיט איין מאָס. אָבער אין דער אמת'ן איז עס גאָר ניט אַזוי. ווען מען רעדט וועגען אידען, טאָ מוז מען פרעגען: וועלכע אידען מיינט מען? מיינט מען עס די קאַווקאַזער אידען, וועלכע זעהען אויס ווי טשערקעסען? מיינט מען עס די אַזיאַטישע אידען, פון וועלכע איניגע האַלטען נאָך אַלץ ניט פון דעם חרם דרבנו גרשון און האָבען זיך עטליכע ווײַבער גאָר ניט להבדל ווי די טערקען? מיינט מען עס די מאַראָקער אידען, וועלכע זײַנען פערווילדעט געוואָרען צווישען די מאַהאָמעדאַנער זייט גלות שפּאַניען? מיינט מען עס די דײַטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע, פּוילישע, רומענישע, רוסישע אידען, אָדער אפשר גאָר די אידען אין ירושלים אונטער דער הערשאַפט פון איהר מאַיעסטעט די בריסקער רבי'צען?

פּרובירט נאָר צוזאַמענצושטעלען אַ „יודען־שטאַדט“ ניט אין

דער פֿאַנטאַזיע, נאָר טאַקע אין דער ווירקליכקייט, וועט איהר זעהען, ווי וויַיט דיזע אידען וועלען ניט שטימען אין זייערע פּיהרונגען, שטרעבונגען, מיינונגען און אידעאַלען; וועט איהר זעהען, ווי הימעלוויַיט עס איז, צום ביישפּיעל, אַן עכט-פראַנצויזישער איד פון אַן עכט-טערקישען. אַלץ העסט אידען! פון זיי אַלעמען וויל מען עס מאַכען איין קאַשע, אַ ציוניסטישע געריכט, וואָס זאָל אַלעמען שמעקען, וואָס זאָל פאַר אַלעמען האָבען איין טעם! זיי אַלעמען וויל מען צוזאַמענשמעלצען אין איין נאַציאָן, ווען זיי קענען זיך אפילו ניט צוזאַמענרעדען אין איין שפּראַך! וואָס פאַר אַ קינדער-שפּיעל, וואָס פאַר אַ חלום, וואָס פאַר אַן אונזין! נעהמט צוועק ביי דיזע אַלע טיפּען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט דורך אַ פערשיעדענעם לעבען, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען אין אַ פערשיעדענעם גלות-לאַנד — נעהמט ביי זיי אַוועק די רעליגיאָן, צוליעב וועלכע זיי טראָגען נאָך אַלע דעם נאָמען אידען (די קאַראַימער, צום ביישפּיעל, ווערען דאָך ניט גע-רעכענט פאַר אידען, אָבגלייך זיי שטאַמען נאָך אפשר מעהר פון די בני ישראל, ווי מיר), וואָס וועט פון זיי בלייבען אין אַ נאַציאָ-נאַלען זינען? וועט דען דער פראַנצויזישער איד ניט ווערן גלייך אַ פראַנצויז פון פראַנצויזען-לאַנד, דער טערקישער איד — פון טער-קען-לאַנד, דער פּוילישער איד — פון פּוילען-לאַנד א. ז. וו.?

קורץ, ווען מען רעדט וועגען אידען, דאַרף מען ניט נאַכ-טאַנצען דיא אַנטיסעמיטען, וועלכע קריכען פון הויט אַיינצורייַדען דעם עולם, אַז אַלע אידען זיינען איין נאַציאָן אָדער בילדען עפּעס אַ מין חברה כל ישראל חברים; זאָנדערן מען דאַרף זיי ספּעציפיצירען, בעזאָנדערס ווען מען האָט אין אויג פראַקטישע צוועקען, ניט סתם חלומות, ניט סתם בויך-סברות וועגען אַ „יודענשטאַאַט" אין דער וועלט אַריין.

און דאַן, ווען מיר קוקען נאָר אַזוי, דאַן זעהען מיר, צוויי-טענס, אַז יעדער איד איז מעהר אָדער ווייניגער צוגעבונדען צו דעם לאַנד, אין וועלכען ער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרן, אין וועלכען ער לעבט און קעמפּפט. דאַן זעהען מיר וויַיטער, אַז וואָס העכער עס שטעהט דיא קולטור פון אַ לאַנד, אַלץ שנעלער און טיעפער אַסימילירט זיך דאָרט דער יוד. דאָס זיינען פאַקטען, וועלכע מען קען ניט אָפּשטרייַטען, סיידען מען וויל

צומאַכעֶן דיִא אויגעֶן און שרײַעֶן, אַז עֶס איִז פיִנסטעֶר. מיִט קײַנעֶ פּראַזעֶן װעֶגעֶן אַ „גליִקליִכעֶ צוקונפט" איִן אַן „אײגעֶן־לאַנד" װעֶט מעֶן ניִט אַרױסרײַסעֶן פון האַרצעֶן דיִזעֶן נאַטיִרליִכעֶן געֶפיִהל צו דעֶם געֶבורטס־לאַנד, װאו עֶס זאָל זיִך ניִט געֶפיִנעֶן; מיִט קײַנעֶ „טהעֶאָריעֶס" װעֶגעֶן „דיִא נױטװעֶנדיִגקײַט פון אַ טעֶריִטאָריעֶ פיִר איִדעֶן" װעֶט מעֶן ניִט אָבשטעֶלעֶן דיִא ראָד, װעֶלכעֶ קײַקעֶלט זיִך שטעֶנדיִג אויף דעֶם װעֶג פון אַסיִמיִלאַציאָן.

יאָ, אויף דעֶם װעֶג פון אַסיִמיִלאַציאָן, װײניִגסטעֶנס פון עֶקאָנאָמיִשעֶ און פּאָליִטיִשעֶ אַסיִמיִלאַציאָן! בײַ דיִא ציוניִסטעֶן איִז עֶס אַזױ װיִא תורת משה בײַ פרומעֶ איִדעֶן, דאָס דיִא אַסיִמיִלאַציאָן איִז דורכגעֶפאַלעֶן, דאָס זיִ האָט ניִט נאָר ניִט געֶלעֶזט דיִא איִדיִשעֶ פראַגעֶ, זאָנדעֶרן זיִא װעֶט עֶס קײַן מאָל ניִט קעֶנעֶן לעֶזעֶן, אונטעֶר קײַנעֶ אומשטעֶנדעֶן. דאָס איִז אָבעֶר בלויז אַ פראַזעֶ, װעֶלכעֶ קעֶן נאָר האָבעֶן אַ זיִנעֶן איִן דעֶם פאַל, װעֶן איִנטעֶר דעֶם װאָרט אַסיִמיִלאַציאָן פעֶרשטעֶהט מעֶן ניִט אַנדעֶרס, װיִא פאָלשטעֶנדיִגעֶ צוזאַמעֶנמיִשונג און צוזאַמעֶנשמעֶלצונג מיִט דיִא אַרומיִגעֶ פעֶלקעֶר, פּראָסט געֶרעֶט, אַן אַלגעֶמײַנעֶן שמד. צו אַזאַ אַסיִמיִלאַציאָן האָבעֶן אפשר געֶשטרעֶבט דיִ עֶרשטעֶ משכילים נאָך מעֶנדעֶלסזאָהן׳ס טויט, װאָס עֶס האָט זיִך אויסגעֶדריִקט איִן דיִא בעֶריִהמטעֶ „בעֶרליִנעֶר טויפונגעֶן"; אָבעֶר נאַכהעֶר איִז דיִא אַסיִמיִלאַציאָן אַװעֶק אויף איִהר נאַטיִרליִכעֶן קולטורעֶלעֶן װעֶג, נעֶמליִך: אויף אַ צופּאַסונג פון איִדעֶן צו דיִא נײַעֶ אַרומיִגעֶ לעֶבעֶנסבעֶדיִנגונגעֶן. מיִר מוזעֶן גלײַך עֶרקלעֶרעֶן, דאָס װעֶן מיִר רײדעֶן װעֶגעֶן אַסיִמיִלאַציאָן, פעֶרשטעֶהעֶן מיִר עֶס אָט איִן דיִזעֶן לעֶצטעֶן זיִנעֶן.

װאָס דיִא יעֶצטיִגעֶ איִדיִשעֶ נאַציאָנאַליִסטעֶן זאָלעֶן ניִט מענה׳ן, װאָס פאַר נײַעֶ טהעֶאָריעֶס זיִי זאָלעֶן ניִט בּאַקעֶן און נאָך מעֶהר פעֶרפּלאָנטעֶרן דיִא זעֶהעֶר פעֶרפּלאָנטעֶרטעֶ נאַציאָנאַלעֶ פראַגעֶן; אָבעֶר לײקעֶנעֶן, אַז דיִא אַסיִמיִלאַציאָן האָט געֶװיִרקט און העֶרט ניִט אויף צו װיִרקעֶן אויף איִדעֶן איִן אַלעֶ קולטור־לעֶנדעֶר, הײסט אײנפאַך לײקעֶנעֶן פאַקטעֶן. דיִא זעֶלבעֶ ציוניִסטעֶן, װאָס בײַ זײ ליִגט זיִך אַזױ לײַכט און אײנפאַך אויפ׳ן שכל, דאָס עֶס איִז מעֶגליִך און אַ פעֶרהעֶלטניִסמעֶסיִג נאָהעֶנטעֶר צוקונפט אויפצובויעֶן אַ „יודעֶנ־שטאַאַט", װיִלעֶן גאָר ניִט נעֶהמעֶן איִן אַנבּעֶטראַכט, אַז מנהגים און געֶװאָהנהײטעֶן פעֶרשװינדעֶן זעֶהר לאַנגזאַם, אַז יעֶדעֶ אַסיִמיִלאַציאָן

*מוזאָנגײַן לאַנגזאַם*, וויא איבערהויפּט יעדע געזעלשאַפט= ליכע ענדערונג; אַז דיא אידען פון דיא גהעטאָם האָבען ניט געקענט באַלד ווערן „דײַטשען".

אין דיא פאָרטגעשריטענערע לענדער איז דער אַסימילאַציאָנס= פּראָצעס אָנגעגאַנגען שנעלער, וויא אין דיא הינטערשטעליגע לענדער, וואָס עס איז וויעדער נאַטירליך. גראַדע דאָרט, וואו אידען האָבען מעהר פרייהייט, גראַדע דאָרט אַסימילירען זײַ זיך שנעלער, לײַכטער און גרינדליכער. ווען עס וואָלט געווען פערקעהרט, אָדער ווען עס וואָלט פּאָרגעקומען, אַז דיא אידען וואָלטען זיך איבעראַל גלײַך אַסימילירט, דאָס הײַסט ווען דיא ספּעציעלע קולטור און דיא ספּע= ציעלע געשיכטע פון יעדען לאַנד וואָלטען ניט געווירקט אויף זײַ ספּעציעל, וואָלטען ניט אַרויפגעלײַגט אויף זײַ אַ באַזונדערן שטעמפּעל — ערשט דאַן וואָלטען דיא יעצטיגע נאַציאָנאַליסטען, אונזערע מאָדערנע אתה=בחרתנו׳ניקעס, געקענט מיט רעכט בעהויפּטען, אַז „דיא אַסימילאַציאָן האָט בעוויזען, דאָס זיא קען ניט גרינדליך ענדערן דעם שטאַנד און דיא לאַגע פון אידישען פאָלק".

זיא האָט אָבער ניט נאָר בעוויזען, אַז זײַט מענדעלסאָהן׳ס צײַט, ספּעציעל זײַט דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, האָט זיך אַ גרויסער טהײל פון אידען אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַסימילירט; זאָנדערן אַז דער זעלבער נאַטירליכער פּראָצעס דרינגט אַרײַן אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקלעך, אין דיא עלטעסטע און אָבגעזונדערטסטע פון דיא אַמאָליגע גהעטאָס. דיא צאָהל פון דיא אידען אין דיא ווירקליכע גלות=קלײדער — איך מײן דיא „נאַציאָ= נאַלע" לאַנגע קאַפּאָטעס מיט דיא גאַרטלען, ספּאָדקעס, שטרײַמלעך א. ז. וו. — מיט דער ווירקליכער גלות=שפּראַך — איך מײן אונזער אָרימען דײַטשען זשאַרגאָן — דיא צאָהל פון אַזעלכע אידען ווערט אַלץ קלענער אפילו אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקלעך פון גאַליציען, אין דיא שטאַרקסטע פעסטונגען פון דעם חסידיזמוס, וועלכער איז געווען און בלײַבט נאָך דער שטאַרקסטער מויער געגען אַסימילאַציאָן.

דער חסידיזמוס שטאַרבט אָב און מוז אָבשטאַרבען, וויעדער מײַסטענס צוליעב *עקאָנאָמישע* אורזאַכען, ווי יעדערער, וואָס איז פיעל=ווייניג בעקאַנט מיט די גאַליציאַנער אומשטענדען, ווייס עס. נאָר, נאַטירליך, עס וועט נאָך דויערן אַ לאַנגע צײַט ביז ד' לעצטע שטרײַמעל וועט אויך פערשווינדען אין אַלע שטעטלעך פון גאַ=

ליציען; אָבער מיר מעגען זיכער זיין, אַז מיט יעדען נייען דור וועט מען אַלץ זעלטענער זעהען אַ אידען מיט אַ שטריימעל.

דאָס לעבען איז שטאַרקער פון אַלע הקירות, פון אַלע ציוּ־ניסטישע קאָנגרעסען, פון אַלע אידעאָלאָגישע שטרעבונגען. ניט אירגענד וועלכע „איזמוסען״, ניט אירגענד וועלכע מהעאָריעס האָבען געצוואונגען, צווינגען און וועלען צווינגען די אידען אַרויס־צורייסען זיך פון די ענגע און פינסטערע געטאָס אין דער גרויסער און ברייטער וועלט אַריין, זאָנדערן איינפאַך דאָס לעבען, דער קאַמפף אומס דאזיין. די אַסימילאַציאָן איז ניט בלויז דער רעזולטאַט פון השכלה, פון דער גייסטיגער בעוועגונג, פון דער נאַטירליכער שטרעבונג צו אייראָפעאישע בילדונג, זאָנדערן אויך, און מאַקע הויפּטזעכליך, דער רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע אורזאַכען. די אידען וואָלטען איינפאַך ניט געהאַט מיט וואָס צו לעבען, ווען זיי וואָלטען זיך ניט צוגעפּאַסט צו די נייע אומ־שטענדען, צו די נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן האָט אַרויסגערופען. דיזע עקאָ־נאָמיש־געצוואונגענע צופּאַסונג צו די לעבענס־בעדינגונגען פון די פעלקער, צווישען וועלכע די אידען וואָהנען — דאָס איז אייגענ־טליך די אַסימילאַציאָן. זי איז אַלזאָ אַ היסטאָריש מאַטעריאַ־ליסטישע און דערום אויך אַ געזעלשאַפטליך נויטווענדיגע.

דערמיט מיין איך אָבער אויף קיין פאַל ניט צו זאָגען, אַז איך בין אַן אַסימילאַטאָר, אָדער אַז די קלאַסענבעוואוסטע אידי־שע אַרבייטער, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אָהן זייטיגע פערדרייהע־ניסען, אָהן שום אתה־בחרתנו׳ניזמוס, צו וועלכע איך געהער, דאַרפען זיין אַסימילאַטאָרען; אַז מיר זאָלען, זאָ צו זאָגען, טרייבע די אידען אין שמד אַריין.

ניין, מיר זיינען ניט אַסימילאַטאָרען און מיר שטרעבען אויך ניט דווקא צו אַסימילאַציאָן. מיר זיינען איינפאַך נייטראַל צו דער פראַגע. מיר שטרעבען צו גאַנץ עטוואָס אַנדערעס, מיר האָ־בען פאַר זיך פיעל וויכטיגערע פראַגען, פיעל העכערע אויפגאַבען און מיט זיי בעשעפטיגען מיר זיך. מיר זיינען נאָר זיכער, אַז די אַסי־מילאַציאָן וועט ממילא געהן אויף איהר נאַטירליכען און אונפער־מיידליכען וועג; מיר פערשטעהען, אַז קעמפפען געגען דעם הייסט קעמפפען מיט ווינט־מיהלען, ווי אַ דאָן־קיכאָט.

אונזער ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע איז צו אָרגאַני=
זירען די אידישע אַרבייטער צום עקאָנאָמישען
און פּאָליטישען קאַמפּף צוזאַמען מיט זייערע
ברידער פון אַלע לענדער, פון אַלע נאַציאָנען.
מיר שטעהען אויסשליסליך אויף דעם פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט
און אונזער ציעל איז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. מיר קימערן
זיך יעצט ניט, אויב דאָס וועט שליסליך פיהרען צו ווייטערע
אַסימילאַציאָן אָדער אפשר גאָר, ווי אונזערע ניי=מאָדנע נאַציאָנאַ=
ליסטישע טהעאָרעטיקער פּלפּול'ן, צו נאַציאָנאַליזמוס. אויפריכטיג
גערעדט, דענק איך, אַז דער רעזולטאַט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן,
פון אַ ריינעם פּראָלעטאַרישען קלאַסענקאַמפּף, פון אַ ריין סאָציאַ=
ליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וועט זיין אַן אַלץ ענגערע
אַסימילאַציאָן, נאָר אויב ניט, זאָל זיין ווי עס וועט זיין. מיר וועלען
ניט אַרויסטרעטען געגען אַ „יודענשטאַאַט" אין ארץ ישראל אָדער
ערגעץ אין אַ טעריטאָריע, ווי באַלד נאָר מיר וועלען זעהען, אַז
עס גיעבט עפּעס אַ פּראַקטישע מעגליכקייט דאָס דורכ=
צופיהרען. דערווייל זעהען מיר נאָר, אַז דאָס איז אַ חלום אין
אַן אַנטיסעמיטישער נאַכט. דערווייל זעהען מיר, אַז דער פּאָלי=
טישער ציוניזמוס האָט שוין באַנקראָטירט אפילו אין דער טהעאָריע,
און וואָס אָנבעלאַנגט צו די נייע מיני „טהעאָריעס", אויף וועלכע
די טעריטאָריאַליסטען פּאָהרען אַרוים, זאָ מוז יעדער אונפּאַרטייאי=
שער מענש צוגעבען, אַז זיי האָבען ניט און קענען קיין מאָל ניט
האָבען די אַנציהונגס־קראַפט, וואָס דער ציוניזמוס האָט געהאַט
אין דר' הרצל'ס צייטען. דאָס הייסט, פּראָסט גערעדט, אַז דער
דער טעריטאָריאַליזמוס וועט קיין מאָל ניט דערגרייכען צו דער
שטופע פון אַזאַ אויפגעבלאָזענע פאָלקס=בעוועגונג, ווי דער ציוניז=
מוס איז עס פריהער געוועזען.

נאָר דאָס איז אַ נעבען=זאַך פאַר אונז. ווירקליך, וואָס מאַכט
עס אונז אויס דער ציוניזמוס אָדער דער טעריטאָריאַליזמוס, ווען
ביידע זיינען פּוסטע פאַנטאַזיעס?

יעדענפאַלס, דאָס וואָס מיר ווייסען זיכער און פון וואָס מיר
דאַרפען אפילו אַ האָר ניט אָפּטרעטען, ניט אַכטענדיג אויף די
היסטערישע געפילדערס פון ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען, סיימים=
טען און ווי זיי רופען זיך דאָרטען — די צאָהל פון אַזעלכע פּאַר=

טײַען װאַקסט יעצט אין רוסלאַנד ברוך השם װי שװעמלעך נאָך אַ רעגען — דאָס איז, אַז אידען טאָרען זיך ניט אָפּזונדערן פון די פעלקער, צװישען װעלכע עס קומט זײ אױס צו לעבען, און אַז זײ דאַרפען און מוזען זיך װאָס ענגער פערבינדען מיט דיזע פעלקער, אײנפאַך אַל״ס בירגער, אין נאָמען פון זײערע געמײנשאַפטליכע עקאָנאָמישע און פאָליטישע אינטערעסען.

געװיס, װעט דאָ יעדערער זאָגען, װאָס פאַר אַ נײַעם ענטדעקט איהר דאָ אונז? װער לײקענט עס דען, אַז אידען דאַרפען זײַן בירגער און נאָך דערצו פאָלשטענדיג גלײַכבערעכטיגטע בירגער אין יעדען לאַנד, װאו זײ לעבען? מיר װעלען ענטפערן, אַז מיר מײנען גאָר ניט עפּעס נײַעס צו זאָגען. מיר װילען ניט ענטדעקען נײַע אַמעריקעס, נײַע „טהעאָריעס", אָבער אָפטמאָל שאַדעט עס איבערהױפּט ניט איבערצו־חזר'ן אַלטע װאַהרהײַטען, און יעצט איז עס אײנפאַך נײטיג, װײַל עס הערשט אַ געפעהרליכע פּלאָנטער אין די מוח׳ת פון אידישע קלײנבירגער און אַרבײַטער װעגען די געװעהנליכסטע פראַגען; מען רײַסט זיך אַרום װעגען קלײניגקײַטען, װעגען פראַזען, װעגען פאַנטאַזיעס און חלומ׳ת, עפּעס אַזױ װי די גאַנצע „אידישקײַט" װאָלט דערפון אָבהענגיג געװעזען; מען קען זאָגען עס איז אַ דור הפלגה אפילו אין אַזעלכע אידישע רײהען, װעלכע האַלטען זיך אַלע אָן די פּאָלעס פון רבינו קאַרל מאַרקס. אונזערע גמרא־קעפּלעך זוכען האָאָר־שפּאַלטענדע פּלפּולים אפילו אין די קלאָרסטע טהײלען פון זײַן לעהרע.

אַלזאָ, איך װידערהאָל אַזאַ אַלטע װאַהרהײַט, װי דיזע, אַז אידען מוזען שטרעבען צו זײַן פאָלשטענדיגע בירגער פון יעדען לאַנד, װאו עס קומט זײ אױס צו פערברײנגען זײער לעבען. און איך װידערהאָל עס, װײַל דערבײַ קען מען זיך ניט בענוגענען בלױז מיט װערטער, זאָנדערן מען דאַרף אױך עפּעס טאָן, זעהען צו ערפילען אַלע פּפליכטען פון בירגער. עס איז װיעדער דאָ אַן אַלטער כלל, װעלכער לױטעט: קײנע רעכטע אָהן פּפליכטען, קײנע פּפליכטען אָהן רעכטע. װי קען אָבער אײנער ערפילען ריכ־טיג און עהרליך זײנע בירגער־פּפליכטען, װען ער שטרעבט גאָר אַריבערצופּעקלען זיך אין אַנ׳אַנדער לאַנד, װען ער האַלט זיך עפּעס װי אַ פרעמדער, װי אַ גאַסט אין דעם לאַנד, װאו ער װאָהנט? זיצען און קלאָגען אױפ׳ן גלות, זיצען און טרױמען װעגען אַ „יורנ־

שטאַאַט", זינגען „לשנה הבאה בירושלים" — דאָס זונדערט יעֶדעֶנ־
פאַלס אָב פון דעֶם פאָלק אין דעֶם גלות־לאַנד, דאָס רופט אַרויס
אַ געֶפיהל פון פרעֶמדקייט אויף בּײדעֶ זייטעֶן. דעֶר ציוניסט, וואָס
האַלט שטעֶנדיג אָנגעֶגרייט איין פוס, אום אַרויסצושפּרינגעֶן פון אַ
גלות־לאַנד אין פּאַלעֶסטינעֶ, קעֶן זיך ניט בּעֶקלאָגעֶן, וואָס אין
דיזעֶן גלות־לאַנד קיקט מעֶן אויף איהם ווי אויף אַ פרעֶמדעֶן, ווען
עֶר אַליין בּעֶטראַכטעֶט זיך דאָרטעֶן אַלס אַ פרעֶמדעֶר.

איך האָבּ פריהעֶר געֶזאָגט: „וואו די אידעֶן קומט אוים צו
פערבּרײנגעֶן זײער לעֶבּעֶן". דערמיט האָבּ איך געֶמיינט, אַז ווען
די אידעֶן קומט אוים צו וואַנדערן אין אַן אַנדעֶר לאַנד, וואו זיי
ווילעֶן ווערן בּירגעֶר, מוזעֶן זיי זיך דאָרט פון דאָס נייעֶ אַסימילירעֶן.
אַנדערס קען עֶס גאָר ניט זיין. לאָמיר זאָגעֶן, אַז איהר עֶמיגריט
נאָך די פעֶראייניגטעֶ שטאַאַטעֶן, אַרגעֶנטינעֶ, אויסטראַליעֶן אָדעֶר
זיד־אַפריקאָ. ווען איהר דעֶן דאָרטעֶן קעֶנעֶן אָפּלעֶבּעֶן אַייעֶרעֶ
יאָהרעֶן, ניט צופּאַסעֶנדיג זיך צו די סאָציאַל־פּאָליטישעֶ אומשטענ־
דען פון דיזעֶ לענדעֶר, ניט אויסלערנענדיג פּיעֶל ווינציג די דאָר־
טעֶן הערשענדעֶ שפּראַך, ניט אָפּזאָגעֶנדיג זיך פון געֶוויסעֶ פריהעֶרעֶ
פיהרונגעֶן און געֶוואָהנהייטעֶן און ניט אָננעֶהמעֶנדיג געֶוויסעֶ נייעֶ
פיהרונגעֶן און געֶוואָהנהייטעֶן?

עֶס איז גאָר איבּעֶריג צו שטעֶלעֶן אַזעֶלכעֶ פראַגעֶן, עֶס קען
קיין אַנדעֶר אַנטוואָרט ניט געֶבּעֶן ווי יאָ. ווער עֶס וויל נאָר
מאַכעֶן אַ רייזעֶ, צום בּײשפּיעֶל, נאָך אַמעֶריקאַ, קען זיך לייכט
איבּעֶרצײגעֶן אין דעֶם פאַקטיש, און עֶס וואָלט, חלעֶבּעֶן, גאָר ניט
געֶשאַט אונזערעֶ נאַציאָנאַליסטישעֶ טהעֶאָרעֶטיקער זיך אַבּיסעֶל נעֶהעֶנ־
טעֶר צוקוקעֶן צו דער דאָרטיגעֶר גאָר ניט נאַציאָנאַליסטישער פּראַקטיקעֶ.

*

* *

לאָמיר טאַקעֶ יעֶצט דערלאַנגעֶן אַ נעֶהעֶנטערן בּליק אויף דיא
נייעֶ וועֶלט. דיא מאַסעֶן־עֶמיגראַציאָן פון אידעֶן נאָך דיא פעֶראײ־
ניגטעֶ שטאַאַטעֶן האָט זיך אָנגעֶפאַנגעֶן סך הכל מיט 25 יאָהר צוריק,
נאָך דיא פּאָגראָמעֶן אין דיא אַכציגעֶר יאָהרעֶן פון לעֶצטעֶן יאָהר־
הונדערט, און וואָס זעֶהעֶן מיר? מיר זעֶהעֶן, אַז דעֶר נייעֶר דור איז
דאָרט פאָלשטעֶנדיג אַסימילירט. מיר זעֶהעֶן איבּעֶרהויפּט, אַז דיא
אַסימילאַציאָן געֶהט דאָרט מיט אַ שנעֶלקייט, פון וועֶלכעֶר דיא אַלטעֶ
אייראָפּאַ ווייס ניט. דיא אידעֶן פון אַ גאַנץ יאָהר", דיא פראַם־עֶסטעֶ

און פרומסטע אידעֶן, „גרינעֶן" זיך דאָרטעֶן אויס אין עֶטליכעֶ יאָהר. אין ווען מיר פרעֶגעֶן זיך, ווארום דאָס איז אַזוי, קעֶנעֶן מיר קיין אַנדעֶר אַנטוואָרט ניט געֶפינעֶן, וויא דיזעֶ, אַז דער עֶמיגראַנט האָט דאָרטעֶן דיא פולסטעֶ פרייהייט צו פיהרעֶן זיך וויא ער וויל, אַז עֶס עֶקזיסטירט דאָרטעֶן קיין אויסעֶרעֶר צוואַנג צו אַסימי־לירעֶן, צו אַמעֶריקאַניזירעֶן. קיינער צווינגט ניט דעֶם איינגעֶוואַנ־דעֶרטעֶן איד צו לערנעֶן דיא עֶנגלישעֶ שפּראַך, צו קליידעֶן זיך נאָך דעֶם אַמעֶריקאַנעֶר שניט, צו אַרבּייטעֶן, צו האַנדלעֶן און צו פיהרעֶן זיך אויף דעֶם אַמעֶריקאַנעֶר שטייגער; אָבער אַזוי קומט עֶס אויס אין דער ווירקליכקייט, אַזוי איז עֶס.

אין דיא אידעֶן זיינעֶן קיין אויסנאַהמעֶ. גראַדעֶ דאָס זעֶלבעֶ פּאַסירט מיט די איינוואַנדערעֶר פון אַלעֶ אַנדעֶרעֶ פעֶלקער — זיי ווערן אַלעֶ מערקווירדיג שנעֶל אַמעֶריקאַניזירט. דיא אַמעֶריקאַנעֶר רעֶפּובּליק איז עֶפּעֶס וויא לאַבּאָראַטאָריעֶ, אין וועֶלכעֶר אַלעֶ נאַצי־אָנאַלעֶ פּעֶרשידענהייטעֶן ווערן איבּעֶרגעֶאַרבּייט אין אַ נייעֶם שטאָף אין איבּעֶרגעֶשמאָלצעֶן אין איין נייעֶם פאָרם. אָט זעֶהט איהר, צום בּיישפּיעל, אַ דייטש ערגעֶץ אין אַמעֶריקאַ. ער איז ערשט מיט עֶטליכעֶ יאָהר צוריק געֶקומעֶן, לאָמיר זאָגעֶן, פון בּעֶרלין. איהר דעֶרקעֶנט איהם גלייך פאַר אַ דייטש, און ער איז עֶס אויך; ער לייעֶנט דייטשעֶ צייטונגעֶן, טרינקט בּיער גראַדעֶ וויא אין בּעֶרלין; אָבער בּעֶטראַכט איהם נעֶהעֶנטער, קוקט אַריין אין זיין נשמה, וועט איהר זעֶהעֶן, אַז ער איז דאָך ניט דער זעֶלבּער, וויא ער איז געֶוועֶן אין בּערלין; אַז דאָס אַמעֶריקאַנעֶר לעֶבּעֶן האָט שוין געֶווירקט אויף איהם און געֶלייגט אויף איהם זיין שטעֶמפּעֶל. און וואָס אָנבּעֶלאַנגט צו זיינעֶ קינדער, זאָ קעֶנעֶן זיי שוין מייסטעֶנס אפילו ניט ריידעֶן דייטש און ווילעֶן אויך ניט ריידעֶן דייטש.

ניו־יאָרק איז דיא גרעֶסטעֶ דייטשעֶ שטאָט נאָך בּעֶרלין, און דאָך עֶקזיסטירט דאָרט קיין ש"ם דייטש־נאַציאָנאַלעֶ בּעֶוועֶגונג. דיא דייטשעֶן בּילדעֶן אפילו דאָרט ניט אַ בּעֶזונדערעֶ פּאַרטיי. אין פּעֶנ־סילוואַניא־שטאַאַט האָבּעֶן זיך אַמאָל בּעֶזעֶצט אַזוי פיעל דייטשעֶן, אַז עֶס האָט זיך געֶבּילדעֶט דאָרט אַ בּעֶזונדערעֶר זשאַרגאָן — דער זאָ־גענאַנטער „פּעֶנסילוואַניער דייטש", אַ געֶמישעֶכץ פון עֶנגליש מיט דייטש — און דאָך קיינעֶם פון זיי חלום'ט זיך אפילו ניט פון אירגעֶנד וועֶלכעֶ דייטש־נאַציאָנאַלעֶ שטרעֶבּונגעֶן. נור איין נאַציאָן, קעֶן

מען זאָגען, אַסימילירט זיך ניט אין אַמעריקאַ, און דאָס זיינען דיא בינעזער...

וואָס איז שייך דיא אידישע אַרבייטער, האָבען זיי נאָך מעהר וויא אַלע אַנדערע קלאַססען אידען אַן אינטערעס זיך צו אַסימילירען וואָס שנעלער און ענגער מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג. נאָר אין אַ געוויסער צאָהל קליינע און הינטערשטעליגע פלעצער קענען זיי לעבען בעזונדער, אַרבייטען אָבגעזונדערט פון דיא קריסטען — געוועהנליך זיינען עס שטעטלעך אין ליטע, פוילען און גאַליציען — זאָנסט קומט זיי אויס אָדער צו אַרבייטען צוזאַמען מיט קריסטען אין פאַבריקען און ווערקשטאַטען, אָדער ווייניגסטענס, צו קומען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט דיא קריסטליכע פאַך־אַרבייטער צוליעב זייערע אייגפאַכסטע עקאָנאָמישע אינטערעסען, צוליעב דיא פראָפעסיאָנעלע פעראיינען, ענגליש גערעט, דיא טרייד־יוניאָנס. זאָגאַר אין אַזעלכע מלאָכות, וואָס זיינען געוואָרן ספּעציעל אידישע אין געוויסע ערטער, וויא שניידעריי, מוזען זיך דיא אידישע אַרבייטער פערבינדען מיט זייערע קריסטליכע ברידער, זאָנסט קענען זיי גאַנץ ווייניג פערבעסערן זייער לאַגע אפילו דורך אָפטע סטרייקס. נאָר געוועהנליך זיינען זיי דאָך דיא מינדערהייט, אָפט אַ גאַנץ אונבעדייטענטער טהייל אין אַ פאַך — וויא אַזוי קענען זיי גאָר דענקען צו פערבעסערן זייער לאַגע וויא אַזוי קענען זיי גאָר האָפען צו קריעגען העכערע לוינען און קירצערע אַרבייטס שטונדען, ווען זיי זאָלען ניט שטרעבען צו געהן האַנד אין האַנד מיט אַלע אַנדערע אַרבייטער, ווען זיי זאָלען ניט אַריינטרעטען צלם מיטגליעדער אין דיא אַלגעמיינע פאַך־פעראיינען?

הגם דאָס איז ווידער אַן אויגענשיינליכע וואַהרהייט, איינס פאַך פון ריינעם פּראָפעסיאָנעלען שטאַנדפּונקט, שוין גאָר ניט רעדענדיג פון סאָציאַליזמוס, פון די גרונד פאָדערונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאָך האַלט איך עס פיר נויטיג דאָס נאָך ווייטער צו ערקלערן דורך אַ ביישפּיעל. דאָס וועט אויך, חלעבען, ניט שאַדען צו וויסען אונזערע גרויסע טהעאָרעטיקער פון דעם ניי־געבאַקענעם פּראָלעטאַרישען אהה־בחרתנו'ניזמוס...

אַלס ביישפּיעל וועל איך נאָך אַמאָל נעהמען די גרויסע אַמעריקאַנישע רעפּובליק, ווייל דאָרטען זעהט מען אַם קלאָרסטען דעם נאַטירליכען פּראָצעס פון אַסימילירונג אונטער די פרייעסטע בעדינגונגען.

דיזֶע „גָאלדֶענֶע לַאנד" אִיז אִין אמת'ן אַ לַאנד, וואוּ מֶען מוּז זֶעהר שווֶער האָרעֶוועֶן, אוּם צוּ מַאכֶען אַ חיונה. ווען דֶער אִידִישֶׁער עֶמִיגרַאנט קוּמט אַהִין זוּכֶען „גלִיק" — וואָס זאָל עֶר טאָן, צוּ וואָס זאָל עֶר זִיךְ נעֶהמעֶן? זאָל עֶר זִיךְ אַ לאָז טאָן אִין אַ גרוֹיסעֶ פַאבּרִיק, אוּם צוּ ווֶערן אַ „הֶעבְּרֶעאִישֶׁער פּראָלֶעטַארִיעֶר" נאָךְ דִי משונה'דִיגֶע טהעֶאָריעֶם פוּן דִי אַלֶערלֵיי פוֹעלי צִיוֹנִיסטֶען? אָבֶּער, ווען עֶר זאָל שוֹין אַפִילוּ ווֶעלֶען צוּלִיעֶבּ טאָן דִיזֶע קַארל מַארקס'ֶען פוּן דֶער אִידִישֶׁער גַאס, וועֶט עֶר געֶווֶעהנלִיךְ מוּזֶען אַוועֶקפאָהרֶען עֶרגֶעץ אִין אַ דאָרף אָדֶער אִין אַ קלֵיין־שטֶעדטעֶל, ווייל דִי גרעֶסטעֶ פַאבּרִיקֶען געֶפִינֶען זִיךְ מֵייסטעֶנס נִיט אִין דִי גרוֹיסעֶ שטֶעט, אוּן ווייטֶער וועֶט עֶר זִיךְ מוּזֶען בּעֶגנוּגעֶנעֶן מִיט אַ גַאנץ קליינעֶם לוֹין, ווען עֶר זאָל שוֹין אִיבֶּערהוֹיפּט טוֹיגֶען דאָרטעֶן צוּ דֶער אַרבֵּייט, ווייל אוֹיף אַזעֶלכעֶ גרוֹיסעֶ פַאבּרִיקֶען ווֶערן געֶווֶעהנלִיךְ פֶערשקלַאפט פרוֹיעֶן אוּן קִינדֶער.

אוּנזֶער עֶמִיגרַאנט האָט אָבֶּער אַ אִידִישעֶ קעֶפּעֶל אוֹיף זִיךְ, אוּן דִיזֶע קעֶפּעֶל זאָגט אִיהם בַּאלד, אַז עֶר דַארף זִיךְ נעֶהמעֶן צוּ אַזעֶלכעֶ בּעֶשֶׁעֶפטִיגוּנגֶען, צוּ ווֶעלכעֶ עֶר טוֹיג זִיךְ בּעֶסעֶר, צוּ ווֶעלכעֶ עֶר אִיז מֶעהר געֶווֹינט, מֶעהר צוּ געֶפַאסט, אָדֶער יֶעדֶענפַאלס צוּ אַזעֶלכעֶ, בַּיי ווֶעלכעֶ עֶר קֶען גִיכֶּער אוּן לֵייכטֶער פֶערדִינֶען אַ דאָלַאר.

אוּן צוּ ווֶעלכעֶ בּעֶשֶׁעֶפטִיגוּנגֶען אִיז דֶער אִיד מֶעהר צוּגעֶפַאסט, צוּ וואָס קֶען עֶר זִיךְ גִיכֶּער אוּן לֵייכטֶער נעֶהמעֶן? עֶס פֶערשטֶעהט זִיךְ צוּ וואָס — צוּ האַנדֶעל אוּן אִינדוּסטרִיעֶ אָדֶער, אִין אַלגעֶמֵיינֶען, צוּ שטאָטִישעֶ בּעֶשֶׁעֶפטִיגוּנגֶען. עֶר אִיז אַ שטאָט־מֶענש, אוּן דאָרטעֶן אִיז דֶער קרֵייז פוּן זֵיין טהעֶטִיגקֵייט, דאָרטעֶן געֶפִינט עֶר זֵיין רִיכטִיגֶען אָרט.

דִי אִידִישעֶ עֶמִיגרַאנטעֶן האָבֶּען זִיךְ טַאקעֶ דַארוּם בּעֶזֶעצט אִין דִי גרעֶסֶערעֶ שטֶעט, ספּעֶציעֶל אִין נִיוּ־יאָרק אוּן אוּמגעֶגֶענד, וואוּ זֵיי געֶפִינֶען, נאָךְ אַלֶעמֶען, לֵייכטֶער אַ בּעֶשֶׁעֶפטִיגוּנג. צווִישֶׁען דִי אִידֶען אִין אַמֶערִיקַא קֶען מֶען אָפט הֶערֶען אַ מֵיינוּנג, אַז דֶער וואָס קֶען זִיךְ נִיט דֶערשלאָגֶען צוּ עֶפּעֶס אִין נִיוּ־יאָרק, ווֶעט שוֹין אַנדֶערסוואוּ אִין אַמֶערִיקַא געֶוויס קֵיין עֶרפאָלג נִיט האָבֶּען. דֶערִיבֶּער געֶפִינט זִיךְ טַאקעֶ אַ דרִיטעֶל פוּן דֶער אִידִישׁ־אַמֶערִיקַאנֶער בּעֶפעֶלקֶערוּנג אִין נִיוּ־יאָרק מִיט דִי נעֶהעֶנטֶערעֶ שטֶעדט אַרוּם. דִי אִידִישעֶ פִילַאנטראָפּעֶן פוּן אַמֶערִיקַא האָבֶּען אֵיינגעֶרִיכטעֶט אִין

ניויאָרק אַביוראָ, אום פאַנאַנדערצושיקען די נייע עמיגראנטען אין די וועסטליכע און זידליכע שטאאטען, בעזאָנדערס אין קליינע שטעט; אָבער די רעוולטאטען זיינען זעהר קלעגליכע.

נון, די בעשעפטיגונגען אין אַ שטאָדט זיינען מייסטענס קליין בירגערליכע און קליין־אינדוסטריעלע. ספּיציעל איז עס אַזוי אין פּאָרטאָווע שטעדט, אין גרויסע האַנדעל־צענטערס.

ביי אַזעלכע בעשעפטיגונגען פערדיענט מען געוויס ניט ווייניגער, ווי אַפילו אין די בעסטע "גרעסטע פאַבריקען, און דערצו נאָך האָט מען אָפט אַ געלעגענהייט אַרויפצוקלעטערן העכער אויף דעם קאַפּיטאַליסטישען לייטער. דאָס איז אַלץ צוגעמאָסטען צו די אַלטע געוואָהנהייטען, צו דעם גוף און צו דער נשמה פון אידען; און מיר געפינען דארום, דאָס אַ סך פון זיי, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען זייער קאַריערע אין דער נייער וועלט אַלס הויזירערס אָדער, ווי מען רופט עס דאָרטען, "פעדלערס", זיינען געוואָרען גרויסע הענדלער, און אַז אַ גאָר ניט קליינער טהייל פון די, וועלכע האָבען זיך, באַלד נאָך זייער אָנקומען, גענומען צו אַ מלאכה, זיינען געוואָרען פאַבריקאַנטען. דאָס מעג פון ערשטען בליק ניט שטימען מיט דער מאַרקסיסטישער לעהרע "וועגען קליין־פּראָדוקציאָן און גרויס פּראָדוקציאָן (אין דער אמת'ן ערקלערט זיך עס דורך גאַנץ בעשטימטע מאַטעריאַליסטישע בעדינגונגען אין דיזען לאַנד),— אָבער דאָס איז אַ פאַקט, וואָס יעדער־ער, וועלכער האָט געלעבט עטליכע יאָהר אין אַמעריקאַ, ווייס עס גאַנץ גוט פון ערפאַהרונג.

ווי ווייט די רוסיש־פּוילישע אידען האָבען זיך אין אַ גאַנץ קורצער צייט, ווי מען זאָגט אין אַמעריקאַ, "אַרויפגעאַרבייט", דאָס הייסט: אַריין אין קאַפּיטאַליסטישען קלאַס — דאָס וואַרפט זיך בעזאָנדערס אין די אויגען, ווען מען געהט דורך די גרעסטע געשעפט־גאַסען פון ניויאָרק.

נאַטירליך, די שאַנסען פון אַ פּעדלער אָדער פון אַן אַרבייטער זיך אַזוי "אַרויפצואַרבייטען" ווערן אַלץ קלענער אויך אין אַמעריקאַ; אָבער די מיינסטע "גרינע" טרייסטען זיך מיט אַזעלכע "געלע" האָפענונגען, און דאָס טרייבט זיי צו האַלטען זיך מיט אַלע קרעפטען אָן די שטאָדטישע בעשעפטיגונגען, און דאָס האַלט זיי אָפּ יערענפאַלס פון געהן אין אַ גרויסע פאַבריק, וואו אַ איד פערטראָגט ניט די דיסציפּלין און פיהלט זיך גאָר ניט היימליך.

אַט דאָס איז דער אמת, אַז אַזוי האַלט עֶס מיט די אידען אין אַמעריקאַ אין אַלגעמיינען. אָבער טראָץ דעם, וואָס יעדער אידישער עמיגראַנט קען זיך אַלץ מיט אָפּזאָגען פון דעם בטחון צו ווערן אַ בורזשואַ, אַ קאַפּיטאַליסט, און שטרעבט אויך מעהר צדער ווייניגער צו דיזער שטופע, האָבען די אידישע אַרבייטער אין דער נייער וועלט באַלד איבערגענומען דעם שטייגער פון די אַמעריקאַ-נער אַרבייטער און האָבען זיך אָרגאַניזירט אין פאַך-פעראיינען, אין טרייד-יוניאָנס, און אָנגעפאַנגען צו פיהרען סטרייקס.

נאָך ביט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק איז ענטשטאַנען אַ פער-באַנד פון די עטליכע אידישע טרייד-יוניאָנס, וועלכע האָבען דאַ-מאָלס קוים עקזיסטירט. „דער שניידער פון צו הויז" — אַ יחסן אין אַמעריקאַ, וואו דער אַרבייטער קען געוועהנליך נאָר אַ טהייל פון דער שניידערייי-מלאכה צוליעב די גרויסע פערטהיילונג פון דער אַרבייט אויך אין דיזען פאַך — ער האָט נאַטירליך צו הויז גרעניץ אין דער ליטע, אין פּוילען וכדומה געוואוסט פון אַ טרייד-יוניאָן אָדער פון אַ סטרייק טאַקע ניט מעהר ווי אַ האָהן אין בני-אדם; אָבער אין אַמעריקאַ האָט זיין אידיש קעפּעל גלייך פערשטאַנען, וואָס פאַר גוטע זאַך אַ „יוניע" איז פאַר אַן אַרבייטער. ער האָט זיך דאָרטען באַלד אויסגעמענשעלט און איז אויך אַרוים סטרייקען, ווען נאָר מען האָט עס בעדאַרפט גראַדע ווי אַ געבאָרענער „יענקי" (אַמעריקאַנער).

דער פערבאַנד וואָס איז דאַן אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען" האָט די גאַנצע צייט עקזיסטירט, האָט אָנגעפיהרט מאַסען סטרייקס, פון וועלכע אייניגע האָבען געקלונגען איבער גאַנץ אַמעריקאַ, און יעצט צעהלט ער איבער 40 יוניאָנס. דאָ איז נאַטירליך ניט דער אָרט צו דערצעהלען די געשיכטע פון „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו-יאָרק", פון די סטרייקס, וואָס די אידישע אַרבייטער האָבען אָנגעפיהרט, פון דעם, ווי ווייט זיי האָבען ווירקליך פערבעסערט די לאַגע פון די דאָרטיגע אידישע אַרבייטער און אָב-געשאַפט די סוועטינג-סיסטעם (שוויץ-סיסטעם), ווי ווייט זיי האָבען אויך געשטיצט די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין גאַנץ אַמעריקאַ. פאַר אונז איז הויפּטזעכליך וויכטיג צו וויסען, ווי אַזוי די אידישע יוניאָנס האָבען זיך געהאַלטען צו זייערע קריסטליכע

ברידער, צו זייער צענטראַל־פערבאַנד, צו דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי און אויך צו דער אידישער פראַגע.

אויפ'ן ערשטען פּלאַן איז נאַטירליך געשטאַנען דער עקאָנאָ־מישער אינטערעס, דער עקאָנאָמישער קאַמפּף, וועלכער האָט אַרויס־גערופען די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג. אין אַזאַ פרייע מדינה, ווי די פערא'ייניגטע שטאַאַטען, איז נאַטירליך די בעוועגונג געגאַנגען פריי אויף איהר נאַטירליכען וועג. די אידישע אַרבייטער האָבען זיך אָרגאַניזירט, ווי זיי האָבען עס פערשטאַנען, פאָלגענדיג דעם ביישפּיעל פון די אַמעריקאַנער.

זיי האָבען געהאַט פאָלשטענדיגע אָטאָנאָמיע. אין אַזאַ פע־דעראַטיווע לאַנד האָט עס גאָר אַנדערס ניט געקענט זיין. נאָר אין צענטראַליסטישע לענדער קומט אויס צו פיהרען אַ קאַמפּף וועגען אָטאָנאָמיע אפילו אין די סאָציאַליסטישע רייהען... די קריסטליכע יוניאָנס זיינען, זעלבסטפערשטענדליך, זעהר ציפריעדען געווען, וואָס אויך די אידען אָרגאַניזירען זיך, און האָבען זיך ניט געמישט און קיינע דעות ניט געזאָגט. קיינער האָט ניט געצוואונגען אַ אי־דישע יוניאָן צוצוטרעטען צו אַ קריסטליכען אָדער אַלגעמיינען פערבאַנד.

די אידישע אַרבייטער האָבען איבערהויפּט ניט געהאַט קיי־נע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען. אַזעלכע שטרעבונגען זיינען אויסער פּלאַץ אין אַמעריקאַ, ווי דאָס איז שוין אויבען ערקלערט געווען, בפרט נאָך צווישען פּראָלעטאַריער. זאָ, צום ביישפּיעל, די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז אָנפאַנגס געווען זעלבסטשטענ־דיג, געהערענדיג נאָר צו „די פערא'ייניגטע אידישע געווערקשאַפ־טען", נאָכהער האָט זי אָבער געפונען פאַר נויטיג צו ווערן אַ טהייל אַ פּי'לאַלע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שריפטזעצער יוניאָן, צו וועלכע זי געהערט יעצט אויך. פון דער אַנדער זייט האָט ד, אידישע מענערשניידער יוניאָן אָרגאַניזירט די איטאַליענישע און ליטווישע שניידערס, און זיי זיינען יעצט פערבונדען אין איין יו־ניאָן, וועלכע איז ווידער אַ טהייל פון דעם אַלגעמיינען פערבאַנד פון קליידער אַרבייטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יונייטעד גאַר־מענט וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ" (די פערא'ייניגטע בגדים־אַרבייטער פון אַמעריקאַ). דאָ קען עס שיינען זעהר זאָנדערבאַר, אַז אידען זאָלען רופען ליטווינער צו אַ מיטינג אָדער אַרויסרופען צו אַ סטרייק,

אָדער זאָלען לאָזען דרוקען אִיטאַליענִישע אויפרופען צו דִי אִיטאַליענִישע אַרבייטער אַז זיי צוצוטרעטען צו דער יוניאָן, אָבער אִין אַמעריִקאַ אִיז עס אַ נאַטִירליִכע ערשיינונג.

ווייטער, דִי בעציִהונג פון אַ אִידִישע יוניאָן צו דִי „פעראייניגטע אִידִישע געווערקשאַפטען" אָדער צו אַן אַנדער צענטראַל־פערבאַנד, ווִי אויך דִי בעציִהונגען פון דִי „פעראייניִגטע אִידִישע געווערקשאַפטען" צו דעם אַלגעמיינען צענטראַל־פערבאַנד פון ניו־יאָרקער יוניאָנס, זיינען פאָלשטענדיג אָטאָנאָמִיש. קיינע בעפעהלען פון אויבען, קיינע „טוען" פון אונטען. „דִי פעראייניִגטע אִידִישע געווערקשאַפטען" האָבען נאַטירליִך געשטרעבט צו אָרגאַנִיזִירען וואָס מעהר אִידִישע יוניאָנס, אום בעסער צו בעשִיצען דִי אִינטערעסען פון אִידִישען פראָלעטאַריאַט; אָבער זיי האָבען קיין מאָל נִיט געזוכט צו בעהערשען יוניאָנס אִין אַנדערע שטעט, צו צענטראַלִיזִירען אַזוי ווייט דִי אִידִישע אַרבייטער בעוועגונג, אַז פון ניו־יאָרק זאָל מען אַרויסלאָזען „דִירעקטִיוועס" אָדער פערוואַלטען אַ יוניאָן אִין באָסטאָן, פִילאַדעלפיאַ (דאָרטען האָט עקזִיסטִירט אַ בעזונדערע „פעראייניִגטע אִידִישע געווערקשאַפטען"), שִיקאַגאָ א. ז. וו.

אַזעלכע רייסערייען, ווִי עס קומט פאָר אִין רוסלאַנד וועגען דעם רשות, וועגען דער „ממשלה" פון אַ צענטראַל־קאָמִיטעט פון אִידִישע אַרבייטער; צו דער „בונד", לאָמִיר זאָגען, וועלכער האָט איבערהויפט צענטראַלִיסטִישע פרעטענזיעס, זאָל האָבען דִי „אויבער האַנד" איבער דִי אִידִישע אַרבייטער אִין זִיד־רוסלאַנד, באַלטִישע פראָווִינצען, פוילען און ווער ווייסט נאָך וואו, אפשר אויך אִין אַמעריִקאַ און אויסטראַליען, אַלס כלומרשט דער „איינציִגער" פאָרשטעהער פון אִידִישען פראָלעטאַריאַט — אַזעלכע ככסוכים האָבען קיין פלאַץ אִין אַמעריִקאַ און דאַרפען אִין ערגעץ קיין פלאַץ נִיט האָבען.

וויִכטִיג אִיז נאָר, אַז דער אִידִישער אַרבייטער זאָל ערשטענס געהערען צו דעם אָרטִיגען פראָפעסיאָנעלען פערבאַנד, צו דער טרייד־יוניאָן דאָרט, וואו ער אַרבייט, עס מאַכט גאָר נִיט אויס וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַלִיטעט עס האָט דאָרט דִי מעהרהייט, דען נִיט מִיט נאַציאָנאַלע פראַגען בעשעפטִיגט זיך אַ טרייד־יוניאָן, און צווייטענס, אַז ער, דער אִידִישער אַרבייטער, זאָל זיין אַ סאָציאַל דעמאָקראַט. אויב עס אִיז בעסער און בעקוועמער צוליעב

אירגענד וועלכע גרינדליכע אורזאכען — מייסטענס, נאטירליך, ציל ע. ז. דער שפראך — אז אידישע ארבייטער זאלען האבען א בעזונדערן פראפעסיאנעלען פעראיין, זאלען זיי עס טאן געזונטערהייט; אבער וואו נאר עס געפינען זיך אויך קריסטליכע ארבייטער אין דעם זעלבען פאך, מוזען די אידישע ארבייטער זיך פערבינדען מיט זיי, אום בעסער צו פיהרען דעם עקאנאמישען קאמפף.

אזוי פיהרט זיך עס אין אמעריקא און אזוי דארף זיך עס פיהרען אין אלע לענדער, אפילו ליטע ניט אויסגענומען... מען דארף נאר אביסעל אראבגייסען פון זיך דעם רוסישען צענטראליזמוס, וועט מען דארט אויך פערשפארען צו פערגעסען אזוי פיעל.. טינט וועגען די ממשלות פון צענטראל-קאמיטעטען און מען וועט גאנץ פיין דורכקומען אויף א פעדעראליסטישען וועג. מיט איין ווארט, מען דארף זיך דארט דעצענטראליזירען.

נאר וועגען דעם אן אנדערס מאל. דערווייל האלטען מיר נאך ביי די אידישע ארבייטער ארגאניזאציאנען אין אמעריקא.

דיזע ארגאניזאציאנען זיינען ניט בלויז עקאנאמישע, זאנדערן אויך פאליטישע. וועגען „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען" קען מען זאגען, אז זינט זיי זיינען געגרינדעט געווארען, זיינען זיי געשטאנען אויף דעם שטאנדפונקט פון פראלעטארישען קלאסענקאמפף. די יוניאנס זיינען געוועזען און בלייבען אונפארטייאישע, ווי א פראפעסיאנעלער פעראיין דארף אייגענטליך זיין; אבער זייער צענטראל פערבאנד — די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען — איז געוועזען א סאציאל-דעמאקראטישער. אימער איז ער געשטאנען אויף דער זייט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אפילו ווען זי האט געפיהרט א געוויסע צייט א דירעקטען קאמפף געגען אזעלכע יוניאנס, וועלכע ענטזאגען זיך פון אונאבהענגיגען פאליטישען קאמפף, וועלכע שטעהען אויף דעם שטאנדפונקט פון ריינעם טרייד-יוניאניזמוס. אגב אורחא, דאס איז געוועזען א פאלשער און זעהר אונטאקטישער שריט פון דער סאציאליסטישער פארטיי, א שריט וואס האט שליסליך, ווי בעוואוסט, געפיהרט צו א שפאלטונג און צו דער גרינדונג פון א נייער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע האלט זיך נייטראל צו די טרייד-יוניאנס. צו דיזער פארטיי געהערען יעצט „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען".

אויף דעם פּאָליטישען וועג איז ווידער קיין פראַגע ניט געוועזען וועגען אַטאָנאָמיע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ניט געשטרעבט צו בעהערשען די נאַציאָנאַליטעטען — דאָס איז איינפאַך אַן אונזין אין אַמעריקא — זי האָט זיך ניט געמישט אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון די סעקציאָנען, ווי באַלד נאָר מען האָט זיך דאָרטען ריכטיג און עהרליך געהאַלטען אָן דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. די סעקציאָנען האָבען זיך אָרגאַניזירט ניט נאָך די נאַציאָנאַליטעטען, זאָנדערן נאָך די שפּראַכען, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין אַלטען אינטערנאַציאָנאַל צוליעב דעם זעלבען גרונד, נעמליך: אום בעסער צו פיהרען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציאָן. די פערטהיילונגען אין שפּראַכען איז נאָר געוועזען אַנערקענט און קען נאָר אַנערקענט ווערען אלס אַן אַגיטאַציאָנסמיטעל, די איינינקייט און איינהייטליכקייט מוזען פערבלייבען אין דער אַלגעמיינער פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

נאַכהער איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָרגאַניזירט געוואָרען אַנדערס, נעמליך אין וואַהל־דיסטריקטען, וואו די מיטגליעדער אַרבייטען צוזאַמען, צו וועלכער נאַציאָן זיי זאָלען ניט געהערען. דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרען ניט חו"ש, אום מיט געוואַלד צו אַמעריקאַניזירען די אידישע, דייטשע, פּוילישע, איטאַליענישע א. ז. וו. מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי, זאָנדערן אום לייכטער צו פיהרען די וואַהל־אַגיטאַציאָן. אָבער, נאַטירליך, די דייטשען קענען האַלטען רעדעס אין דייטש אויף פערזאַמלונגען און אַרויסגעבען אַלערליי שריפטען און צייטונגען אין דייטש, ווי פיעל זייער האַרץ געלוסט, און די אידען, איטאַליענער, שוועדען, א. ז. וו. קענען דאָס זעלבע טאָן אין זייערע שפּראַכען. און אַזוי טהוט מען עס אויך.

די פּאָרטגעשריטענע אידישע אַרבייטער פון זייער זייט האָבען זיך קיין מאָל ניט געשטעלט אִרגענד וועלכע אידיש־נאַציאָנאַלע אויפגאַבען. עס האָט זיך זיי אַפילו ניט געהלומט וועגען אידיש־נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען, מיט וועלכע מען פערדרעהט דאָ לייַדער אַמוּת די אידישע אַרבייטער. זיי האָבען געפיהרט אַ ריינעם קלאַסען קאַמפף, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, ווי אמת'ע סאָציאַל־דעמאָקראַטען דאַרפען עס טאָן. אמת, זיי האָבען געשאַפען אידישע יוניאָנס, אידישע פעראיינען, אַ אידישע פּרעסע; אָבער אַלץ נור, אום

אויפצוקלערען די אידישע מאסע, אום צו פראפאגאנדי־
רען דער סאציאליזמוס, גאר ניט קימערנדיג זיך וועגען
אסימילאציאן אדער נאציאנאליזאציאן. זיי האבען זיך בעטראכט
ניט אלס אידישע, זאנדערן אלס אידיש־שפּרעכענדע
סאציאליסטען.

דערצו נאך האבען דיא אידישע סאציאליסטען א ספּעציעלע
אויפגאבע אין אמעריקא צוזאמען מיט דיא דייטשע סאציאליסטען,
און דאס איז צו פערשפּרייטען דעם סאציאליזמוס צווישען דיא ענג־
ליש־שפּרעכענדע ארבייטער, צווישען דיא געבארענע אמעריקאנער,
און צו העלפען ארגאניזירען אן עכטע אמעריקאנער סאציאליסטישע
פּארטיי. דיא דייטשען האבען דיא ערשטע אויפגעהויבען דיא רויטע
פאהן פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אין אמעריקא, זיי זיינען געוועזען
דיא פיאנערען פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער בעוועגונג,
אבער דיא אידען האבען זיי זעהר פיעל מיטגעהאלפען אין דעם.
מען מעג זאגען, אז דיא דייטשען צוזאמען מיט דיא אידען האבען
איינגעפלאנצט אן עכטע אמעריקאנער סאציאליסטישע פּארטיי.

אין דיא לעצטע פּאאר יאהר זיינען אויך אויפגעקומען פּועלי־
ציוניסטישע און בונדיסטישע פעראיינען אין אמעריקא; אבער זייערע
מיטגליעדער בעשטעהען מייסטענס פון נייאנגעקומענע עמיגראנטען,
וועלכע האבען מיטגעבראכט זייער „אתה־בחרתנו'ניזמוס" פּארטייגער־
הייט פון צו הויזע און וועלכע שטעהען יעדענפאלס אויסער
האלב דיא אמעריקאנער בעוועגונג. אלע צוזאמען שפּיעלען זיי
קיין שום ראלע ניט אין דיא יוניאנס און אין דער סאציאליסטישער
פּארטיי. דיא בונדיסטישע „ארגאניזאציעס" אין אמעריקא זיינען
אייגענטליך ניט מעהר וויא הילפס־פעראיינען צו זאמלען געלט
פיר דיא בעוועגונג אין רוסלאנד. דיא פ. פּ. ס. און דיא רוסישע
רעוואלוציאנערען האבען אויך דארט זייערע הילפס פעראיינען. וואס
אנבעלאנגט צו „דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען", זא
בלייבען זיי וויא פריהער אויף דעם אמעריקאנער באדען, אלס פון
איין זייט א פּראפעסיאנעלע און פון דער אנדערער זייט א סאציאל־
דעמאקראטישע ארגאניזאציאן פון אידישען פּראלעטאריאט אין ניו־
יארק, און האבען גאר ניט צו טאן מיט אירגענד
וועלכע נאציאנאליסטישע שטרעבונגען.

* *

יעצט לאָמיר זיך אומקעהרען אַ היים. אויפ'ן וועג לאָמיר אָבער ניט פערגעסען אָן דעם ביישפּיעל פון אַמעריקאַ. היינט צו טאָג געפינען מיר זיך אין גאַליציען. אין דיזען לאַנד האָבען אייערע אורעלטערן געלעבט נאָך פאַר קאַזימיר דעם גרויסען'ס צייטען, און אין דיזען לאַנד וועלען אייערע קינדער און קינד'ס קינדער לעבען. אַ טהייל וועט אויסוואַנדערן, אָבער דיא מאַסע וועט בלייבען. וויא זאָל מען זיך דאָ האַלטען? וואָס זאָל מען דאָ טאָן, וויא זאָל מען דאָ קעמפּפען אַלס ארבייטער, אַלס פּראָלעטאַריער?

נאַטירליך, דיא אומשטענדען און בעדינגונגען אין פּוילען זיינען אַנדערע וויא אין אַמעריקאַ; אָבער זיי זענען אויף קיין פאַל ניט אַזעלכע, אַז דיא אידישע אַרבייטער זאָלען דאָ קענען מאַכען שבת פאַר זיך, זאָלען קענען בילדען אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָן, אָבגעטהיילט פון דיא אָרגאַניזאַציאָן פון זייערע פּוילישע ברידער. זיי דאַרפען עס אויך ניט און טאָרען עס ניט טאָן. זייער שיקזאַל איז ענג פערבונדען מיט דעם שיקזאַל פון זייערע פּוילישע ברידער. דיא אידישע אַרבייטער מוזען דאַרום צושטיין, וויא וויים נאָר מעגליך, צו דיא אָרגאַניזאַציאָנען פון פּוילישען פּראָלעטאַריאַט, צו דיא פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, אַזוי גוט וויא צו דער סאָציאַליס-טישער פּאַרטיי.

אחדות, פּראָלעטאַרישע אחדות, מוז הערשען צווישען דיא אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנען; בפרט נאָך צווישען אַרבייטער אין איין לאַנד, זאָנסט איז דער קלאַסען-קאַמפּף אַ פּוסטער קלאַנג, און דיזע אחדות קען אַם בעסטען אין צוועקמעסיגסטען אויסגעפיהרט ווערען דורך איין איינהייטליכע געמיינשאַפטליכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אַזאַ אָרגאַני-זאַציאָן דאַרף זיין אַ צענטראַליסטישע, אויף קיין פאַל ניט. איינהייט-ליכקייט קען און דאַרף אויך דורכגעפיהרט ווערען דורך אַ פעדע-ראַטיווע אָרגאַניזאַציאָן, וואו יעדער טהייל זאָל האָבען בערעכ-טיגטע אויטאָנאָמיע.

דיא אידישע אַרבייטער זענען זיכער בערעכטיגט צו אַזוי פיעל אויטאָנאָמיע, וויא וויים זייערע איינענטהימליכקייטען, זייערע ספּעציעלע בעדינגונגען און בעזאָנדערס זייער שפּראַך פאָדערן עס. דאָרט, וואו מען דאַרף גרינדען אויסשליסליך אַ אידישען פערעיין; דאָרט, וואו דער קאַמפּף דאַרף געפיהרט ווערען מייסטענס

צוויִשען אידישע פּראָלעטאַריער און אידישע קאַפּיטאַליסטען; דאָרט וואו מען קען אַם בעסטען פיהרען דיא סאָציאַליסטישע פּראָפּאָגאַנדע צווישען אידישע אַרבייטער אין זשאַרגאָן, דאָרט מוז דאָס אַלעס געטאָן ווערן, ווען אפילו דיא גאַנצע פּאַרטיי פון לאַנד זאָל דערויף ניט געבען איהר הסכמה. דאָך, זאָגאַר אין אַזאַ פאַל, ווען דיא סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון אַ לאַנד זאָל זיין אַזוי ווייט אַסימילאַטאָריש, וואָס עס איז איינפאַך אינמעגליך, ווייל דאָס איז געגען דיא פּרינציפּען פון אינטערנאַציאָנאַליזמוס; אָדער ווען אַזאַ פּאַרטיי זאָל צוליעב געוויסע גרינדע ניט שטיצען פינאַנציעל דיא אידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע — אויך אין אַזאַ פאַל טאָרען דיא אידישע סאָציאַליסטען ניט אָפּרייסען זיך פון דער גאַנצער פּאַרטיי, נאָר זיי דאַרפען זיך אָנשטרענגען צו שאַפען מיט זייערע אייגענע מיטעל און קרעפטען אַזאַ פּרעסע, ווייל כיי וויא סיי, ווען זיי זאָלען זיך אָבזונדערן אין בילדען אַן אונאַבהענגיגע אידישע פּאַרטיי, וועלען זיי דאָך דאַן אַליין מוזען קריעגען מיטעל פיר זייער פּרעסע און אַנדערע נויטיגע זאַכען.

דאָס קען מען יעצט זאָגען וועגען דיא זאָגענאַנטע „סעפּאַראַ-טיסטען" אין גאַליציען. אַ געוויסער טהייל פון דיא אידישע חברים האָבען זיך אין מאָנאַט מאַי פון 1905 יאָהר אָבגעטהיילט פון דער גאַליציאַנער פּ. פּ. ס. ד., ווייל דיזע פּאַרטיי, האָבען זיי געזאָגט, האָט זיי בעהאַנדעלט וויא אַ שטיף-קינד און האָט פערנאַכלעסיגט דיא אידישע פּרעסע און אַגיטאַציאָן. יעצט, הייסט עס, האָבען זיי אַ זעלבסטשטענדיגע פּאַרטיי, גיבען אַרויס אַ וואָכען-בלאַט און פיהרען אַן אונאַבהענגיגע אַגיטאַציע צווישען די דאָרטיגע אידישע אַרבייטער, ווער האָט זיי אָבער געגעבען די מיטעל דערצו? זיי האָבען דאָך שליסליך אַליין בעשאַפען דיזע מיטעל. וואַרום זשע קענען זיי דאָס זעלבע ניט טאָן, בלייבענדיג פערבונדען מיט דער פּ. פּ. ס. ד., וויא באַלד נאָר דיזע פּאַרטיי זאָל זיי געבען דיא אָטאָנאָמיע, אויף וועלכע זיי האָבען אַ פאָלשטענדיגעם רעכט?

מען קען פרעגען, וואָס מאַכט עס אויס, אויב דיא גאַליציאַ-נער אידישע אַרבייטער געהערען צו דער פּ. פּ. ס. ד., אָדער זיי מאַכען שבת פאַר זיך, וויא באַלד נאָר אַז אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָן ווערט געפיהרט צווישען דעם דאָרטיגען אידישען פּראָ-לעטאַריאַט? עס מאַכט אָבער זעהר פיעל אויס, ווייל אַליין זיינען;

דיא סעפּאַראַטיסטען ניט ווערט, פּשוט געוועט, אַ שמעק טאַבּאַק אַלס אַ פּאָליטישע קראַפט, וועהרענד צוזאַמען מיט דער פּ. פּ. ס. ד. בילדען זיי אָדער קענען ווייניגסטענס מיט דער צייט בילדען אַ געוויסע פּאָליטישע מאַכט.

דער פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען איז, וויא בעוואוסט, גאַנץ קליין, ווייל דיא אינדוסטריע איז דאָ ניט ענטוויקעלט, נאָך ווייני-גער וויא אין דער ליטאַ, און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז דאָ איינפאַך אַ הניפּעלע. טאָ וואָס, מישטיינס געזאָגט, קענען אַלע אידישע אַרבּייטער אַליין, ווען זיי זאָלען שוין אַלע צושטיין צו דיא סעפּאַראַטיסטען — וואָס עס איז גאָר ניט דער פאַל, דען אַ טהייל פון דיא אידישע אַרבּייטער פערבּלייבען טריי צו דער פּ. פּ. ס. ד. וואו זיי האָבען אויך אָטאָנאָמיע, און אַ טהייל ווערט רעקרוטירט פון דיא פּועלי-ציוניסטען — וואָס זשע קענען זיי אויפטאָן ביי דיא וואַהלען צום רייכס-ראַטה? דער רעזולטאַט פון דעם סעפּאַראַטיזמוס איז פּאָרלויפיג, אַז די שוואַכע סאָציאַליסטישע קרעפטען אין גאַלי-ציען זיינען צוברעקעלט און אַז דיא ציוניסטען קענען דורך דעם פערשטאַרקען זייער פּאַרטיי. דער סעפּאַראַטיזמוס איז דאַרום איינ-פאַך אַ פּאָליטישער זעלבּסטמאָרד פאַר דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען.

* *
*

אָבער אין פּוילען קענען זיך דיא אידישע אַרבּייטער ניט בּעקלאָגען, אַז דיא פּ. פּ. ס. ד. בּעהאַנדעלט זיי וויא אַ שטיף-קינד פאַרקעהרט, זיא שטרענגט אָן איהרע בעסטע קרעפטע צו אָרגאַ-ניזירען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, צו העלפען איהם אויף יעדע-שריט. זייט זיא האָט אָנגעפאַנגען איהר טהעטיגקייט, האָט זיא אויך געזאָרגט פאַר דיא זשאַגאָנישע פּרעסע. מען קען זאָגען, אַז דיא פּוילישע סאָציאַליסטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך שטענ-דיג געפונען אַ סך אידישע אינטעליגענטען, זיינען געוועזען דיא ערשטע צו פּראָפּאַגאַנדירען אין פּוילען דעם סאָציאַליזמוס אין אידיש פאַר אַזעלכע אידישע אַרבּייטער, וואָס האָבען ניט געקענט לעזען פּויליש אָדער רוסיש. איך וועל דאָ אגב אורחא בעמערקען, אַז שוין אין 1886 יאָהר האָט דיא פּאַרטיי פון „פּשעדזוויט" אַרויסגעגעבען אין אידיש דיא בּראָשורע „פון וואָס איינער לעבּט", וואָס דער פער-שטאָרבּענער אידישער חבר דיקשטיין האָט פערפאַסט אין פּויליש.

דיזע אידישע בראָשורע איז דאַן געדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָן, אין דער דרוקערײַ פון דעם „אַרבייטער פריינד", און איז שפּעטער אַריי-נגעשמוגעלט געוואָרן פון פּוילישע חברים נאָך רוסלאַנד.

דער אידישער קאָמיטעט פון דער פּ. פּ. ס. האָט שטענדיג געהאַט דיא פולסטע אָטאָנאָמיע. ער איז גראַדע אַזוי זעלבסשטענ-דיג אין דער פּאַרטײַ, וויא דער „בונד" אויסערהאַלב דער פּאַרטײַ. זיין אָטאָנאָמיע קען מען צוגלייכען צו דער אָטאָנאָמיע פון דיא אידישע אַרבייטער אין אַמעריקא. דיא אידישע פּרעסע ליעגט אין זיינע הענד. אַבי נור געניג געלט און אינטעליגענטע קרעפטע, וואָס זאָלען קענען שרייבען מאַמע-לשון פאַר דיא אידישע מאַסע, וואָלט דיזע פּרעסע שוין לאַנג געווען פיעל גרעסער, וויא זיא איז יעצט, טראָץ דיא בעזאָנדערע רעפּרעסיעס אין פּוילען.

נאָר, זאָגט מען, דיא פּ. פּ. ס. איז צו נאַציאָנאַליסטיש, זיא איז זאָגאַר דאַפיר, אַז פּוילען זאָל זיין אונאַבהענגיג. טאָ וואָס זשע איז? וואָס ווילט איהר, קאָזאַקיש זאָל זיא זיין? ווארום מאָר דיא פּ. פּ. ס. ניט זיין אַ נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײַ אַזוי ווייט וויא יעדע אַנדערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטײַ אין אַ אונאַבהענגיגען לאַנד? ווארום מעגען דיא סאָציאַל-דעמאָקראַטען אין דייטשלאַנד בילדען אַ דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטײַ, אין פראַנקרייך — אַ פראַנצויזישע, אין רוסלאַנד — אַ רוסישע, אין ענגלאַנד — אַן ענגלישע? ווארום זאָל מען אַרויסטרעטען געגען די פּ. פּ. ס., ווען זיא געהט אויף דעם זעלבען וועג?

איז עס פיליכט דעריבער, וויל מען האָט פּוילען צוטהיילט און צוריסען מיט געוואַלט און וויל איהר איז נאָך ביז יעצט ניט געלונגען צו געווינען די פּאָליטישע אונאַבהענגיגקייט, אויף וועל-כע זי האָט אַ נאַטירליכען און היסטאָרישען רעכט לכל הדעות און וועלכע אויך קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס האָבען געוואונ-שען אין נאָמען פון פּראָגרעס? עס איז גאָר לעכערליך צו שטעלען אַזאַ פראַגע פאַר אַ פאָרטגעשריטענעם מענשען.

קולטורעל בלייבט פּוילען אַ זעלבסטשטענדיגעם לאַנד גראַדע ווי ווען מען וואָלט איהר גאָר ניט געזוכט מיט געוואַלט צו רוסיפיצירען. וואָס האָט רוסלאַנד אויפגעטאָן אין פּוילען זייט קאַטערינעס באַרבאַרישע צייטען? וואָס האָט זי אויסגעפירט מיט איהר דעספּאָטישע פּאָליטיק פון רוסיפיצירונג? גאָר נישט, אויסער בלוט פערגיסונגען. דער רוסישער

בּער האַלט פּוילען אין זײַנע בּלוטיגע נעגעל, ווײַל ער איז שטאַרקער. דאָס איז אַלעס, די גאַנצע רוסיפיצירונג איז ווי אַ זייפען בּלאָז. זאָלען זיך נאָר די מחנות פון דער רוסישער אַרמעע צוריק ציהען פון פּוילען, און פון דער איבער 100-יעהריגער רוסישער הערשאַפט וועט דאָרט אין אַ קורצער צײַט קיין סימן ניט בּלײַבּען.

עס איז איבּערהױפּט אַ כלל אין דער געשיכטע, אַז אַ הער-שענדע נאַציאָן קען נאָר דאַן אַסימילירען אַ בּעהערשטע נאַציאָן, ווען איהר קולטור איז אַ העכערע. ניט זעלטען האָט גראַדע פּאַ-סירט, אַז די בּעהערשטע האָבּען אַסימילירט די בּעהערשער, ווײַל די בּעהערשטע זײַנען געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטור-שטופע. ווער עס האָט געלעזען די וועלט-געשיכטע, ווײס עס גאַנץ גוט. און ווער קען דען זאָגען, אַז די רוסישע קולטור שטעהט העכער פאַר דער פּוילישער?

איז עס דאַרום ניט נאַטירליך, אַז אַ פּאַרטײַ פון פּוילישען פּראָלעטאַריאַט זאָל פּראָטעסטירען געגען אירגענד וועלכען אויסערן דרוק, געגען אַ הערשאַפט, וועלכע האַלט זיך נור און קען זיך אַנדערש ניט האַלטען, ווי דורך געוואַלט און טיראַנײַ? איז עס דען ניט נאַטירליך, אַז אַזאַ פּאַרטײַ זאָל קעמפּפען פיר די נאַ-טירליכע אונגעשטערטע ענטוויקלונג פון דער גאַנצער נאַציאָן?

נאָר מיט דער פּראָגראַם פון דער פּוילישער סאָציאַליסטי-שער פּאַרטײַ וועלען מיר זיך דאָ ניט פערנעהמען. איך האָב נור פערבײַגעהענדיג בּעריהרט דעם פּונקט וועגען די נאַציאָנאַלע שטרע-בּונגען פון דיזער פּאַרטײַ, אום צו ערקלערען, אַז דיזע שטרעבּונ-גען שטערען גאָר ניט און דאַרפען ניט אָפּהאַלטען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין פּוילען צו געהען האַנד מיט דעם פּוילישען פּראָלעטאַריאַט, חאָטשע פּוילען בּלײַבּט נאָך הײַנט אָדער קען נאָך אין דער צוקונפט בּלײַבּען פּאָליטיש צוטײַלט און אָבּהענגיג. איבּריגענס, וועגען דיזע אונאַבּהענגיגקײַט-פּראַגע הערשט, ווי ווײַט איך ווײס, אַ שטאַרקע חילוקי דעות אין די רײַהען פון דער פּ. פּ. ס. זעלבּסט, און דאָס איז הײַנט ניט דער הויפּט-פּונקט, וועלכער טהײַלט אָב דיזע פּאַרטײַ פון דער ס. ד. פּ. אָדער פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטײַ.

* *
*

יעדענפאַלס, קענען ווײניגער פון אַלעמען אויסזעצען געגען

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. די יענִיגע, וועלכע זוכען ערגעץ אין דער וועלט אריין אַ טעריטאָריע פאַר דעם פערוואָגעלטען ישראליק, אום איהם ערשט אַיינצופּאַסען מיט לייטען צוגלייך אין נאַציאָנאַלע ראַמקעס, און אויך די יענִיגע, וועלכע טרעטען אַרויס מיט אַ „נאַציאָנאַלער פּראָגראַם" פאַר אידען אין רוסלאַנד. אַט אַזעלכע פּראָגראַמען זענען טאַקע נִיט מעהר ווי פערבלענדענעסען, ווי פּוסטע חלומות, האָבען קיין ראַיעלען גרונד.

ווי קען מען אויספיהרען אין דער ווירקליכקייט זאָגאַר אַזאַ „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם", ווי אונזערע בונדיסטישע חברים פּלאַנעווען אין זייערע שריפטען? און ווייטער, וואָס ווֶעלען די אידען ווירקליך געווינען, ווען עס זאָל שוין זיין מעגליך אַזאַ פּראָגראַם צו פערווירקליכען?

אַ אידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם! ווי לייכט עס רעדט זיך, אָבער ווי שווער עס איז צו בעשטימען איהר אינהאַלט, וואָס דאָס מיינט אין אמת'ן אפילו אין איהר געבורטס־אָרט, אין סאַמע ליטאָ. מען דאַרף זיך צוערשט קענען אָבזאָגען פון דעם בעגריף פון רוים, אום צו בעטראַכטען דיזען פּונקט ערנסט; מען דאַרף קענען אַריבערשפּרינגען מיט אַ לייכטע האַרץ און אויך מיט אַ לייכטען קאָפּ די ליטווישע און ווייס־רוסישע דערפער, וואָס רינגלען אַרום די שטעטלעך, וואו די אידישע בעפעלקערונג איז מעהר אָדער ווענִיגער קאָנצענטרירט. לאָמיר זאָגען, אַז מיר ווֶעלען שוין אויפבויען אַ גייסטיגען בריק צווישען שמאַרגאָן, אייישישאָק אַזש ביז שניפּישאָק אין ווילנאָ, וואו עס הערשט דאָך די אידישע „קולטור", און מיר ווֶעלען אַזוי אַרום „שאַפען" אַ אידישען ראַיאָן אָדער, אויב אייך געפעלט נִיט אַנדערש דאָס וואָרט טעריטאָריע, זאָל עס הייסען אַ „אידישע" טעריטאָריע. מיר ווֶעלען דאַן האָבען אַ קאַרטע מיט קייקעלעך אַרום די „כרך'ן" פון ליטאָ, וואו די „אידישקייט" וועט גלאַנצען, און מיט גרויסע קרייזען, וואָס ווֶעלען בעצייכענען דאָס לאַנד, וואו די קריסטליכע אַקערבוי־בעפעלקערונג, די מאַיאָריטעט לעבט. דאָס וועט זיין אַ זאָנדערבאַרע, אַנ'אויסערגעוועהנליכע קאַרטע, נאָר עס מאַכט נישט, דאָס פּאַפּיער קען דאָך אַלעס פערטראָגען און אונזערע אתה־בחרתנו'ניקעס און ליטווישע גמרא־קעפּלעך זיינען דאָך אַזוי שטאַרק אין פּלפּולים און האָאַר־שפּאַלטעריי... אין די ליטווישע „כרך'ן" וויעדער זיינען נאָך עפּעס דאָ קריסטען אויך, וואָס ווֶעלען אויך עפּעס האָבען צו זאָ־

גען אין דעם ענין פון דער אידישער „נאציאנאל־פראגראם”, נאר דאס איז שוין גאר אַ קלייניגקייט פאַר די פילוסופן פון ליטע.

יעצט לאמיר אננעהמען, אַז אַ אמת׳ע קאנסטיטוציאן איז שוין איינגעפיהרט אין רוסלאַנד און אַז די אידען וועלען קריגען פולע בירגערליכע רעכט. וואס וועלען דאַן אונזערע אחינו בני ישראל טאן? וועלען זיי זיצען און וואַרטען ביז די פראַוויטעלסט־וואָ פון „בונד” וועט פאַר זיי פערטיג מאַכען די „נאַציאָנאַלע פראָ־גראַם”, אָדער ביז די סיימיסטען וועלען אויספיהרען זייער פּאַפּירע־נעם פּלאַן — אָדער וועלען זיי אפשר גאר שלאָגען כפרות מיט דיזע הויך־קלינגענדע טהעאָריעם און זיך פּשוט בענוצען מיט זייער בירגערליכען רעכט צו נעהמען אַנ׳אַנטהייל אין די אַנגעלעגענהיי־טען פון אַלע בירגער פון לאַנד און צו בעזעצען זיך אין „טיעף ראַסיי”, דאס הייסט זיך נאך מעהר צו פערשפּרייטען און אויף דיּ־זער אַרט נאך מעהר צו דערווייטערען די „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם”? איך דענק, ניין, איך בין זיכער, אַז די אידען וועלען טאן דאס לעצטע, דען דאס לעבען איז שטאַרקער פון אַלע טהעאָריעם.

עס פערשטעהט זיך, אַז ווען מען וועט שוין האבען אַ קאָנ־סטיטוציאָנעלע רעגירונג אין רוסלאַנד, וועט די דומע אָדער דער פּאַרלאַמענט צוריקווייזען די פּלענער וועגען אַ אידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אָדער וועגען אַ אידישען „סיים”, איינפאַך אַלס אונפּראַקטיש, אַלס אונדורכפיהרבאַר. נאר לאָמיר צולאָזען אויף אַ מינוט־אַז די דומע וועט זאָ עטוואס בעוויליגען פאַר אידען — וואס וועט, דאַן זיין? ווי וועט מען איינביינען אַ „אידישען סיים”, מיט וואס וועט מען עסען די „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם”?

די ערשטע זאך וועלען אַלע אידישע נאַציאָנאַליסטען, ווען זיי זאָלען שוין שליסען שלום צווישען זיך און איינשטימען חאָטשע וועגען איין פּונקט, זיך אַ נעהם טאן איינצופיהרען אידישע שולען אום צו רעטען די „אידישקייט” פון די געפאַהרען פון דער אַסימילאַציאָן. פּראַקטיש גערעדט, בעציהט זיך דער גאַנ־צער עסק מיט דער „נאַציאָנאַלער פּראָגראַם” אויף אידישע בילדונגס־אַנשטאַלטען, אַז מען זאָל נאך חו״ש ניט פערגעסען אַזאַ וויכטיגע קולטורעלע שפּראַך ווי אונזער זשאַרגאָן. דען וואס נאך בלייבט פאַר ניט פרומע אידען, צו וועלכע אונזערע טהעאָרעטיקער פון די פועלי־ציון, טעריטאָריאַליסטען און בונדיסטען געהערען, וואס

נאָך בלײַבט פון דער „אידישקײַט", פון דער יעצט נאָך עקזיס=
טירענדער אידישער קולטור? צו דען וועלען זײַ קעמפפען פאַר
יאַרמולקעס, ציציות, טלתים, קוגלען, מקואות און אַנדערע אַזעלכע
אַרטיקלען פון דער ווירקליכער אידישקײַט?

און ווען עס זאָל קומען איבערצוגעהן פון רײד צו טהאַטען, ווען עס זאָל טאַקע פּאַסירען, אַז מען וועט זיך קענען נעהמען צו גרינדען אידישע פאָלקס=שולען, גימנאַזיעס און זאָגאַר אוניווערזיטעטען, וועט מען צוערשט מוזען צוזאַמענ=רופען אַ סנהדרין, אַ קאָנגרעס, אָדער אַ סײם, אויב מען וויל ניט אַנדערש דיזען וואָרט, אום ראשית פעסטצושטעלען אַ געוויסע זשאַרגאָנישע גראַמאַטיקע און אַ בעשטימטע אָרטהאָגראַפיע (ווי אויס=צולײַגען די ווערטער) פאַר די שילערס; דאַן וועט מען זיך דאַרפען אַ נעהם טאָן צו שאַפען אַ גאַנצע רײהע לעהר=ביכער נאָך דיזער גראַמאַטיקע (דערבײַ איז ניט איבעריג צו בעמערקען, אַז מען וועט אײנפאַך מוזען באָרגען בײַ אַנ'אַנדער שפּראַך נײַע ווערטער פיר די נעמען פון פערשײדענע פפלאַנצען, חיות א. ז. וו., דען דער זשאַרגאָן האָט זײ אײנפאַך ניט), נאַכהער וועט מען האָבען צו זוכען לעה=רערס, וועלכע וועלען אין שטאַנד זײַן דאָס אַלעס איבערצוגעבען אין מאַמע=לשון. קורץ, מען וועט דאָ אַלעס דאַרפען שאַפען פון א ביז ת ווײַלע אפילו די הײַסעסטע ליעבהאָבער פון זשאַרגאָן, אַלע די יעני=גע וואָס רײַסען זיך צו מאַכען דיזען זשאַרגאָן פאַר אַ לײַטעשע נאַציאָנאַלע שפּראַך, וועלען דאָך האָפענטליך צוגעבען, אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור איז נאָך הײַנט צו טאָג אַ גאַנץ אָרימע.

אויסער דעם וועט מען נאָך האָבען צו פיהרען אַ קאַמפּף מיט רבנים און פרומע אידען, וועלכע וועלען נאַטירליך שטרעבען צו קאָנפעסיאָנעלע שולען, וועלכע וועלען אַרויסטרעטען פאַר חדרים און ישיבות, וואו מען זאָל נאָר „אַביסעלע" לערנען פון די חכמות אומות העולם. און פערגעסט ניט, אַז אָט די אידען זײַנען נאָך די מאַיאָריטעט! ווײַטער וועט מען אויך זיך צוזאַמענ=שטויסען מיט אַזעלכע ציוניסטען, וועלכע וועלען פערלאַנגען, אַז די לעהרשפּראַך אין די אידישע שולען זאָל גאָר זײַן לשון קודש, וואָס עס איז גאַנץ לאָגיש פון אַ רײן=נאַציאָנאַליסטישען אידישען שטאַנדפּונקט. דערצו נאָך וועט דער זשאַרגאָן, וואָס וועט קריגען די הסכמה פון אַ סנהדרין אין דער ליטאַ, ניט שטימען מיט דעם

זשאַרגאָן אין פּוילען, אין גאַליציען, אין רומעניען, אין זיד־רוסלאַנד, דען עס עקזיסטירען דאָך וויניגסטענס צוויי זשאַרגאָנישע דיאַלעקטען.

נאָר דאָס זיינען אַלץ נעבענזאַכען. לאָמיר צוגעבען, אַז דער זשאַרגאָן איז אַ קולטורעלע שפּראַך און אַז די אַלע טעכנישע און אַנדערע שוועריגקייטען, אויף וועלכע איך האָב דאָ אָנגעוויזען — מען קען נאָך געפינען אַנדערע שוועריגקייטען — וועלען בעזיי־טיגט ווערן אַזוי לייכט און שנעל ווי עס רעדט זיך. פרעגט זיך אָבער, פּראָסט אידיש גערעדט, צו וואָס דאַרף מען דיזע גאַנצע חתונה? וואָס פאַר אַ פּראַקטישען נוצען וועט דער איד האָבען, ווען ער וועט שוין אַלע שבע חכמות אויסלערנען אין זשאַרגאָן? וועט עס דען זיין ניט איינפאַך אַן'אומזיסטיגער צייט־פערטרייב פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט? וועלען איהם דען די לעבענס־בעדינ־גונגען, די געוועהנליכסטע פאָרדערונגען פון פּראַקטישען לעבען ניט צווינגען צו ערלערנען דאָס זעלבע אין דער לאַנדעסשפּראַך? וואו וועט ער קריגען בעשעפטיגונג, צו וואָס וועט ער זיך קענען נעהמען, ווען ער וועט ניט קענען רוסיש אין רוסלאַנד, א. ז. וו.?

די אַלערלייא נייע מאָדנע רעטערס פון יודענטהום וועלען דאָ באַלד דערויף ענטפערן, אַז זיי מיינען גאָר ניט אַנדערס, ווי אַז מען זאָל „אויך" לערנען די לאַנדשפּראַך אין זייערע אידישע שולען. אָבער צו וואָס, פרעגט זיך, זאָל מען די אונגליקליכע אידישע קינדער בעלעסטיגען מיט אַזוי פיעל לערנונג? בערעכענט נאָר — אי לשון קודש, אי אַ בעשטימטע לאַנדשפּראַך אין צוגאָב צו דער געוועהנליכער שול־בילדונג, וואָס זאָל געפיהרט ווערן אין זשאַרגאָן! איז דאָס דען ניט צופיעל? ווארום זיל מען נאָך אָנהענגען אויף דעם אונגליקליכען ישראליק אַ פעקעל מיט נייע לאַסטען, מיט נייע צרות — האָט ער דען ניט גענוג אַלטע?

אָבער מיר מעגען זיך בערוהיגען, עס וועט דערצו ניט קומען. די אידישע עלטערן, וואָס שיקען אויך יעצט ניט זייערע קינדער אין געוועהנליכע חדרים און ישיבות, וועלען געוועהנליך אויסקלייי־בען ניט זשאַרגאָנישע שולען, נאָר אַזעלכע, וואו מען וועט אַלעס לערנען אין דער לאַנדשפּראַך. זאָל מען נאָר ניט בעשרענגען אָדער אויף אירגענד וועלכער אַרט און וויזע ניט שווער מאַכען דעם צוטריט פון אידישע קינדער אין די רוסישע שולען, וועט איהר שוין זעהען, וואוהין אידען וועלען שיקען זייערע קינדער, וואָס פאַר אַ פּנים עס

וועלען האָבען זשאַרגאָנישע שולען, אויב אַזעלכע שולען וועלען זיך קענען לאַנג אָנהאַלטען, ווען מען וועט זיי שוין גרינדען.

איך ערקלער דאַרום, אַז דאָס זענען פוסטע חלומות, שעדליכע פערדרעהעניסען, שעדליכע ספּעציעל פאַר דעם אידישען אַרבייטער, וועלכער דאַרף שטענדיג אין אויג האָבען זיין קלאַסען־קאַמפף. אויב די אידישע מאַסע וועט זיך טאַקע אויף קיין פאַל ניט אַסימילירען, ווי די צלערליי מאָדערנע אתה־בחרתנו׳ניקעס מיינען, דאַן הייסט עס דאָך ניט, אַז דער אידישער נאַציאָנאַלער גייסט ליעגט פערבאָרגען דוקא אין זשאַרגאָן און אַז אָהן דעם זשאַרגאָן וועט נאָך חו״ש די גאַנצע אידישקייט חרוב ווערן. יעדערער ווייס, אַז אין טירקיי, האָלאַנד, ענגלאַנד א. ז. וו. געפינען זיך גענוג פרומע, כשר׳ע אידען, וואָס פערשטעהען אַ וואָרט ניט פון דעם הייליגען זשאַרגאָן. אגב אורחא, עס עקזיסטירט נאָך אַ אידיש־שפּאַנישער זשאַרגאָן, אויף וועלכען מען גיט אויך אַרויס צייטונגען פאַר אידען — וואָס זאָל מען מיט איהם טהאָן?

נאָר אַזוי ווייט דערגרייכט, דאַכט זיך, ניט די ממשלה פון די סיימיסטען און בונדיסטען. דער „בונד" האָט אפילו געהאַט די פּרעטענזיע צו זיין דער „איינציגער" פערטרעטער פון אידישען פּראָלעטאַריאַט, צו האַלטען אונטער זיין רשות ניט נאָר אַלע אידישע אַרבייטער פון ליטאָ, זאָנדערן אויך פון פּוילען, און ניט נאָר פון פּוילען, זאָנדערן אויך פון זיד־רוסלאַנד, פון גאַנץ רוסלאַנד און סיביר אַזש ביז וולאַדיוואָסטאָק, און ניט נאָר פון גאַנץ רוס־לאַנד, זאָנדערן אויך פון גאַליציען, און ניט נאָר פון גאַליציען, זאָנדערן אויך פון אַמעריקאַ; נאָר אין טירקיי איז ער נאָך, ווי וויים מיר ווייסען, ניט פערקראָכען.

* *
*

אָבער שפּאַס אָן אַ זייט, דער „בונד" איז ליידער אַראָפּ פון גלייכען וועג מיט זיין צוגעטשעפּעטער נאַציאָנאַל־פּראָגראַם, פון וועלכער ער האָט זיך נאָך אָפען ניט אָפּגעזאָגט, טראָץ דעם, וואָס ער האָט שוין בעשלאָסען אָבצוזאָגען זיך פון זיין פּאַרטייאישען אתה־בחרתנו׳ניזמוס און צו ווערן אַ טהייל פון דער רוסישער ס. ד. פּ.

ער האָט אָנגעפאַנגען זעהר גוט אַלס דער אידישער פליגעל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דער ליטאָ און האָט אויפגעטאָן, די וואַרהייט צו זאָגען, זעהר פיעל פיר דעם אידישען

פּראָלעטאַריאַט, ספּעציעל דורך זײַן פּרעסע. אָבער דער שנעלער ערפאָלג, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרן דורך די ספּעציעלע בעדינגונגען אין ליטאָ, האָבען איהם אַ ביסעל פערדרייהט דעם קאָפּ און ערוועקט אין איהם אַ צו גרויסע אַמבּיציע צו פיהרען און וויינינגסטענס צו בעאײנפלוסען די אידעשע אַרבּײטער איבעראַל, וואו נור מען פערשטעהט דעם אידיש-דײַטשען זשאַרגאָן. פון אַ לאָקאַלע אָדער העכסטענס אַ ראַיאָנע אָרגאַניזאַציע האָט ער געשטרעבט צו ווערן אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרבּײטער. ער האָט געמיינט, אַז וואו נאָר זײַנע שריפטען דערגרייכען, ווערן געלעזען, געפינענדיג נאַטירליך אַ סימפּאַטישען אָפּקלאַנג צוליעב זייער סאָציאַליסטישען אינהאַלט, דאָרט קען ער שוין אָרגאַניזירען אויך פעראײנען נאָך דעם מוסטער פון די ליטווישע. פּרעסע און אָרגאַניזאַציאָן זײַנען אָבער צוויי פערשיעדענע זאַכען. די סאָציאַליסטישע פּרעסע איז ניט צוגעבונדען צו אַ בעשטימטען אָרט. דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזמוס איז אַל-וועלטליך, אינטערנאַציאָנאַל; אָבער ווען עס קומט צו אָרגאַניזירען אַרבּייטער אויף די פּרינציפּען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, מוז מען זיך רעכענען ניט נאָר מיט די ספּעציעלע אומשטענדען פון יעדען לאַנד, פון יעדער נאַציאָנאַליטעט, זאָנדערן אויך פון יעדען בעזונדערן אָרט.

די אָרגאַניזאַטאָרען און פיהרערס פון „בונד" האָבען אָבער, אין זייער נאַטירליכען שטרעבען וואָס ווייטער צו פערשפּרייטען דעם סאָציאַליזמוס אין די אידישע מאַסען, פערגעסען אָן אַזעלכע פערשיעדענהייטען. דאָס וואָס עס האָט זיי געשײַנט צו זײַן ריכטיג פיר די אידען אין ליטאָ, דאָס וואָס עס איז געווען צוגעמאָסטען צו די ספּעציעלע אומשטענדען אין ליטאָ, האָבען זיי פערטיגערהייט אַריבערגעטראָגען אין זיד-רוסלאַנד, אין פּוילען. דער „בונד" איז, קען מען זאָגען, מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם שטראָם פון דער עמיגראַציאָן אויס ליטאָ. די גרינדער און די ערשטע מיטגליעדער פון די לאָקאַלע פעראײנען פון „בונד" אויסערהאַלב ליטאָ זײַנען אויך געווען ליטוואַקעס.

מיט איין וואָרט, ליטאָ האָט געהערשט. ליטאָ, וואָס איז פריהער געווען און פערבלײַבט נאָך יעצט אויך אַ צענטער פון תלמודיזמוס, איז געוואָרן אַ צענטער פון דער אידישער אַרבּייטער בעוועגונג.

איך פערגין עס, נאַטירליך, אונזערע ליטווישע חברים פון

גאַנצען האַרצען, און איך בין זיכער, אַז יעדער אויפריכטיגער סאָציאַליסט, ווי ווייט ער זאָל ניט זיין געגען די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד", אָדער ווי ווייט ער זאָל ניט זיין איינגעגלויבט אין דעם פּועלי־ציוניזמוס, קען זיך נאָר פרעהען, ווען דער סאָציאַליזמוס ווערט פערשפּרייטעט צווישען די אידישע אַרבייטער. מיר ווינשען און מיר דאַרפען אויך ווינשען דעם בעסטען ערפאָלג דעם „בונד", ווי באַלד ער וועט בלייבען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן אויף דעם גרונד פון ריינעם פּראָלעטאַרישען קלאַסענקאַמפּף אָהן שום נאַציאָנאַלע פערדרעהעניסען. אָבער מען דאַרף ערקלערן, אַז דאָס וואָס עס מעג גוט זיין פיר ליטאָ, מעג ניט טויגען פיר זיד־רוסלאַנד און נאָך ווייניגער פיר פּוילען. איך דענק צוזאַמען מיט אייך, וואָס איהר פערבלייבט טריי צו דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז די אידישע אַרבייטער אין פּוילען און אין גאַליציען דאַרפען זיך צופּאַסען צו די בעדינגונגען אין דיזע לענדער, אַז זיי דאַרפען מאַכען יד אחת מיט זייערע פּוילישע ברידער, אַז זיי דאַרפען אָנשטרענגען אַלע זייערע קרעפטען זיך וואָס שטאַרקער צו אָרגאַניזירען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אָבגעזעהען פון אירגענד וועלכע אַסימילאַטאָרישע אָדער נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

* * *

איך האָב שוין געזאָגט און איך זאָג עס נאָך אַמאָל, אַז די לאַגע אין פּוילען איז אַן אַנדערע ווי אין ליטאָ. דאָרט, אין ליטאָ, פערנעהמען די אידען אַ בעזונדערע שטעלונג. דאָרטען וואָהנען אויסער אידען פיער נאַציאָנאַליטעטען: ליטווינען, פּאָליאַקען, ווייס־רוסען און רוסען. קיינע פון זיי בילדעט ניט אַ מאַיאָריטעט אין לאַנד און קיינע פון זיי האָט נאָך ניט בעפעסטיגט איהר קולטור. ווען ליטאָ וואָלט ניט אָבגעריסען געוואָרען מיט געוואַלט פון פּוילען, וואָלט דאָרטען געהערשט די פּוילישע קולטור אַזוי ווי אין גאַליציען וועניגסטענס. איך קען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען נעהענטער אין דיזען ענין, אָבער איך וועל פערבייגעהענדיג בעמערקען, דאָס ווען מען זאָל ווירקליך איינפיהרען אַ ריכטיגע פעדעראַציאָן אין דער רוסישער אימפּעריע און געבען יעדער נאַציאָנאַליטעט ווירקליכע אויטאָנאָמיע, דאַן וועט מען ליטאָ דאַרפען צוטהיילען וועניגסטענס אין פיער ראַיאָנען אָדער טעריטאָריעס: אין אַ עכט ליטווישע, אַ ווייס־רוסישע, אַ פּוילישע און רוסישע. דער פּוילי-

שצָר טהײל װעט דאַן אײגענטליך איבערגעהן צו פּױלען. אױסער דעם װעלען אין ליטאָ פערבלײבען אַ סך ערטער מיט אַ געמיש־טער בעפעלקערונג. די אידען, װעלכע געפינען זיך אין אַלע טהײלען, װעלען אױף דיזער װײזע נאָך מעהר אָבגעטהײלט װערען, װאָס עס װעט גאָר ניט פרעהליך זײן פאַר אונזערע „סײמיסטען" און אַלע אתה־בחרתנו׳ניקעס. װען מען װיל ניט זײן צענטראַליס־טיש, קען מען גאָר ניט רײדען פון אײן סאָציאַליסטישע פּאַרטײ אין גאַנץ ליטאָ. דערװײלע, װען עס האַנדעלט זיך אײנפאַך צו בעקעמפּפען די אָטאָקראַטיע (זעלבסטהערשונג) און אײנצופיהרען אַ ריכטיגע קאָנסטיטוציע אין גאַנץ רוססלאַנד, האָבען נאָך די סעפּאַ־ראַטיסטישע בעװעגונגען קײן גרױסע פּראַקטישע בעדײטונג, אָבער עס װעט קומען אַ צײט, װען אין ליטאָ װעלען זיך אָנפאַנגען רײסערײען און פערדרעהעניסען װעגען ראַיאָנען און עס װעט אױס־ברעכען אַ נאַציאָנאַלער קאַמפּף אַזױ װי אין עסטרײך.

אָבער לאָמיר איבערלאָזען די צוקונפט צו דער צוקונפט. די פערגאַנגענהײט צײגט אונז יערענפאַלס, אַז די געװאַלטיגע רוסיפיצירונג זײט מוראַװיאָװ׳ס תליות האָט בלױז אָנגעריהרט די שטאָדטישע בעפעלקערונג, אָבער ניט די דאָרפישע. ספּעציעל, קען מען זאָגען, האָט דיזע רוסיפיצירונג געהאַט אַנ׳ערפאָלג בײ אַ געװיסען טהײל פון דער אידישער בעפעלקערונג, נעמליך: בײ דעם טהײל, װאָס האָט געשטרעבט צו אײראָפּעאישע ביל־דונג. דיזע בילדונג האָט מען געװעהנליך נאָר געקענט בעקומען אין רוסישע שולען, און אַהין האָבען אידען געשיקט זײערע קינ־דער, װאָס װײטער אַלץ מעהר, ביז די רעגירונג האָט עס אָב־געהאַקט דורך דעם בעריהמטען אוקאַז װעגען די פּראָצענטען פון אידישע קינדער אין רוסישע גימנאַזיעס און אוניװערזיטעטען.

די רעזולטאַטען פון דיזען אוקאַז זענען צו גוט בעקאַנט, זײ זענען יעצט פאַר אונזערע אױגען. די אידען אין רוסלאַנד זע־נען דורך דעם נאָך מעהר אָבגעזונדערט געװאָרען, װי דורך די אַלטע אױסנאַהמס־געזעצען, און דאָס איז געװען װי אַ גוטער װינט פאַר די מיהלען פון די ציוניסטען. אין ליטאָ האָבען די אידען אײנפאַך ניט געהאַט מיט װעמען זיך צו אַסימילירען, װי באַלד די רוסישע רעגירונג האָט זײ אַפילו אין איהרע שולען ניט אַרײנגעלאָזען. דערצו זענען די אידען פּראָפּאָרציאָנעל מעהר

אִין לִיטאָ, ווִי אִין אִירגעֶנד וועֶלכעֶן אַנדעֶרן גלות=לאַנד, און דִי
אִידִישעֶ בִּילדונג, מִיר מֵיינעֶן דִיא תלמודִישעֶ, אִיז דאָרט שטעֶנדִיג
געֶשטאַנעֶן העֶכעֶר, ווי אַנדעֶרסוואו. דאָס אַלעֶס אִיז געֶוועֶן אַ זעֶהר
גִינסטִיגעֶר בּאָדעֶן פאַר דִי אִידִישעֶ אִינטעֶלִיגעֶנטעֶן וואָס האָבּעֶן פרִיהעֶר
זִיךְ בּעֶטהֵיילִיגט אִין דעֶר רוסִישעֶר רעֶוואָלוציאָנעֶרעֶר בּעֶוועֶגונג.

ווען דִיא אִינדוסטרִיעֶ האָט זִיךְ בִּיסלעֶכווייז אָנגעֶפאַנגעֶן צוּ
עֶנטווִיקלעֶן אִין דִיא לִיטווִישעֶ שטעֶט און שטעֶטלעֶךְ, און עֶס אִיז
אויפגעֶקומעֶן אַ אִידִישעֶר פּראָלעֶטאַריאַט, האָבּעֶן זִיךְ אויךְ געֶפונעֶן
געֶנוג אִינטעֶלִיגעֶנטעֶ קרעֶפטעֶן, וועֶלכעֶ האָבּעֶן געֶראַט אִי אַ אויראָ=
פּעֶאִישעֶ בִּילדונג אִי האָבּעֶן געֶקעֶנט אַגִיטִירעֶן צווִישעֶן דִי אִידִישעֶ
מאַסעֶן אִין מאַמעֶ־לשון. דִיזעֶ קרעֶפטעֶ, וועֶלכעֶ האָבּעֶן געֶגרִינדעֶט
דעֶם פעֶרבּאַנד פון דִיא נֵיי=אויפגעֶקומעֶנעֶ פעֶראַיינעֶן פון אִידִישעֶ
אַרבּייטעֶר אָדעֶר, ווִיא מעֶן האָט אִיהם אָנגעֶפאַנגעֶן צוּ רופעֶן וועֶגעֶן
קורצקייט וועֶגעֶן, „דעֶר בּונד" — דִיזעֶ קרעֶפטעֶ זיינעֶן געֶוואָרן דִיא
נאַטִירלִיכעֶ פִיהרעֶר פון דעֶר גאַנצעֶר אַרבּייטעֶר בּעֶוועֶגונג אִין
לִיטאָ. אִין דִיא לִיטווִישעֶ שטעֶטלעֶךְ, וואו דִיא גאַנצעֶ אִינדוסטרִיעֶ
אִיז געֶלעֶגעֶן אִין אִידִישעֶ העֶנד, האָט מעֶן טאַקעֶ מעֶהר נִיט
בּעֶדאַרפט, ווִי אַ אִידִישעֶ לאָקאַלעֶ אָרגאַנִיזאַציאָן און אַ פעֶרבּאַנד פון
וואָס מעֶהר אַזעֶלכעֶ לאָקאַלעֶ אָרגאַנִיזאַציאָנעֶן, אַ מִין „פעֶראַיינִיגטעֶ
אִידִישעֶ געֶווערקשאַפטעֶן", וואָס דעֶר „בּונד" אִיז אֵייגעֶנטלִיךְ געֶוועֶן.
אִין אַזעֶלכעֶ שטעֶטלעֶךְ האָבּעֶן דִיא אִידעֶן טאַקעֶ געֶקעֶנט מאַכעֶן שבת
פאַר זִיךְ, האַלטעֶן זִיךְ אָבּגעֶזונדעֶרט פון דִיא רוסעֶן און פּאָליאַקעֶן
און פִיהרעֶן זִיךְ זעֶלבּסטשטעֶנדִיג.

אָט אויף דִיזעֶן ספּעֶציעֶלעֶן בּאָדעֶן אִיז דעֶר „בּונד" אויסגעֶ=
וואַקסעֶן, דאָרטעֶן שעֶפּט עֶר אויךְ יעֶצט אַלעֶ זיינעֶ קרעֶפטעֶ. אָבּעֶר
וואָס מעֶהר עֶר אִיז געֶוואַקסעֶן און וואָס גרעֶסעֶר זיין טהעֶטִיגקייט
אִיז געֶוואָרן, האָט עֶר זִיךְ אַלץ מעֶהר צוזאַמעֶנגעֶשטויסעֶן מִיט דִי
ציוֹנִיסטעֶן, וועֶלכעֶ האָבּעֶן אויךְ געֶפונעֶן אַ גִינסטִיגעֶן בּאָדעֶן אִין
דעֶר לִיטאָ, וואו דִיא אִינדוסטרִיעֶ אִיז נאָךְ אַלעֶמעֶן אַ קליין=בּיר
געֶרלִיכעֶ; און אום זֵיי לייכטעֶר צוּ בּעֶקעֶמפּפעֶן, אום צוּ צוצִיהעֶן
אַ גרעֶסעֶרעֶ מאַסעֶ אויף זיין זייט, האָט זִיךְ דעֶר „בּונד" אַ לאָז
געֶטאָן אויף אַן אָפּאָרטונִיסטִישעֶן וועֶג, אויף אַ וועֶג פון קאָמפּראָ=
מִיסעֶן און פשרות, און דִיא קרוינונג דעֶרפון אִיז דִיא „נאַציאָנאַל=
פּראָגראַם", וואָס האַלט נִיט אויס דִיא מִינדעֶסטעֶ קרִיטִיק.

ווירקליך, דיזע „פּראָגראַם" איז געווען אַ געשיקטער דיפּלאָמאַטישער שריט; די צאָהל פון די בונדיסטען איז טאַקע שנעל אויפגעשוואָלען געוואָרען; אָבער איך גלויב, אַז דאָס וואָס דער „בונד" האָט געוואונען אין דער קוואַנטיטעט (צאָהל) האָט גאָר ניט געשטימט מיט דער קוואַליטעט (מעלה), ווייל מען מעג גאַנץ אונפּאַרטייאיש אָננעהמען, דאָס אין אַזאַ רעוואָלוציאָנערער צייט, וועלכע רוסלאַנד מאַכט דורך, זיינען אויך צוגעשטאַנען צום „בונד" קליינבירגערליכע עלעמענטען.

אין דער זעלבער צייט האָט דיזער שריט געהאַט נאָך אַן אַנדער ספּעציעל'ע ווירקונג. די „נאָוואָיע ווערעמיאַ", און נאָך איהר און מיט איהר די גאַנצע אַנטיסעמיטישע פּרעסע, האָבען עס אונטערגעכאַפּט, אים דערמיט בעשיינפּערליך צו צייגען, אַז די גאַנצע רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד שטאַמט נאָר פון די זשידעס. ווער-ווער, נאָר דיא אַנטיסעמיטען צווייפלען גאָר ניט, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן... זיי האָבען עס אומגעוואַנדעלט דעם „בונד" אין אַ סטראַשידלע פאַר דיא רוסישע רעגירונג, אום בעסער צו העצען געגען אַלע אידען. וואו נור אידען האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, האָט מען עס תיכף ומיד צוגעשריעבען צום „בונד". מען האָט זאָגאַר צוגעשריעבען דעם „בונד" טעראָריסטישע אַקטען, וועלכע האָבען זיך איהם אפילו ניט געחלומ'ט. זאָ, צום ביישפּיעל, האָט מען איבער דער גאַנצער וועלט פאַנאַנדערגעשיקט טעלעגראַמען, אַז אין דעם „בלוטיגען מיטוואָך" אין וואַרשע האָבען אויך בונדיסטען אַנטהייל גענומען...

אָבער ניט דאָס בין איך דאָ אויסען. דאָס איז אַ פערגאַנגענע זאַך אין, האָפענטליך, וועט עס באַלד אויך זיין אַ פערגעסענע זאַך. יעצט טרעט דער „בונד" אַריין אין דער אַלגעמיינער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער ברעקעלט זיך נאָך אַ ביסעל; עס פּלאָנטערט זיך נאָך אין זיינע רייהען דער חלום וועגען דיא „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם" און עס וועט נאָך וואַהרשיינליך דיא ערשטע צייט ניט גלאַט צוגיין מיט דיזער פעראייניגונג, וועלכע איז אייגענטליך געווען ניט אַ פרייוויליגע, נאָר אַ געצוואונגענע, וויא מען קען עס אויך שליסען אפילו, ווען מען לעזט דיא בעריכ-

טען פון לעצטען בונדיסטישען צוזאמענפאהר אין דעם בונדיסטישען מעגליכען ארגאן. דיא סאלדאטען זיינען דא אריבער איבער דיא קעפּ פון דיא גענעראלען און געמאכט אן ענד צו א שפּאלטונג, וועלכע האט יעצט פערלארען יעדען זינען. דארום דענק איך, אז דיא פעראייניגונג וועט ריכטיג דורכגעפיהרט ווערן און אז דיא אידישע ארבייטער ארגאניזאציאנען פון ליטא, וואס האבען זיך גרופּירט אונטער דעם נאמען „בונד", וועלען יעצט געהן אויף דעם ריכטיגען פּראלעטארישען וועג צוזאמען מיט זייערע קריסטליכע ברידער.

נאטירליך, מיט דעם אריינטרעטען פון „בונד" אין דער רוס־לענדער סאציאל-דעמאקאטישער פּארטיי בלייבט נאך אפען די פראגע וועגען צענטראליזאציאן און דעצענטראליזאציאן, די פראגע, וועלכע שיידעט ספּעציעל אב די פּ. פּ. ס. פון דער רוסישער סאציאל-דעמאקראטישער פּארטיי. נאר דיזע פראגע וועל איך דא ניט בעשפּרעכען. איך גלויב, דאס ווען דער „בונד" וועט אויפריכטיג זיך האלטען אויף דעם וועג פון פעראייניגונג מיט די קריסטליכע פּראלעטאריאטען אין ליטא, וועט ער אויך איינזעהען, אז ער דארף ניט גראדע אונטערשטיצען די צענטראליסטישע טענדענצען פון דער רוסישער סאציאל-דעמאקראטישער פּארטיי און דארף זיך ניט אבזונדערן פון דער פּ. פּ. ס., צו וועלכער די אידישע ארבייטער פון פּוילען דארפען געהערען און וועלען געהערען.

דאן וועלען דיזע ארבייטער אויך קענען געהן האנד אין האנד מיט דעם „בונד". וואס איז שייך די אינטערעסען פון אידישען פּראלעטאריאט, שטייהען זיי יעצט אויף דעם זעלבען שטאנדפּונקט, אויף וועלכען דער „בונד" איז געשטאנען איידער ער האט זיך פער־פלאנטערט מיט א „נאציאנאלער פּראגראם". יעדענפאלס איז עס ציים, אז דער אידישער פּראלעטאריאט אין „תחום" זאל זיך ניט צוטהיילען אין קליינלעך, אין פּארטייעלעך, זאל זיך ניט ארום־רייסען וועגען פאפּירענע פּראגראמען, קליין־בירגערליכע פער־דרעהעניסען, נאר זאל קעמפּפען פיר זיינע ריכטיגע קלאסען־אינטערעסען, פיר די אינטערעסען פון גאנצען פּראלעטאריאט, פיר די צוקונפט פון אמת'ע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט אונטער דער רויטער פאהנע פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל דעמאקראטיע.

פערלאג „די וועלט״.

מ. באגאליעפאוו.

# מִלְחָמוֹת און פִינַאנְסֶען.

(איבערזעצט פון רוסיש).

SOCIETY
Organized May 9, 1907
TRENTON, N. J.

ווילנא.
1906.

# Войны и финансы.

М. Боголѣповъ.

ВИЛЬНА.
Типографія «Вдова и братья Роммъ».
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № 1/2.
1906.

# מִלְחָמוֹת אוּן פִינַאנְסֶען.

די פראַגע וועגען מלחמה און די מלוכה-פינאַנסען, ד. ה. די פראַגע וועגען דעם, וויפיעל דעם פאָלק קאָסט אָב די אָדער יענע מלחמה—פלעגט שטענדיג בלייבען אַ סוד-זאַך. אין דער צייט פון אַ מלחמה ווענדעט מען די אויפמערקזאַמקייט גאָר אויף אַנדערע פרטים. אויף איינצעלנע צוזאַמענשטויסונגען פון די פיינד, אויף די צאָהל טויטע און פערוואונדעטע, אויף די נעמען פון די פאַנצער-שיפען, אויף די נעמען פון די מיליטער-אָבטהיילונגען, פון די פיהרער און נאָך אַנדערע אויסערליכע איינצעלהייטען; די ווירט-שאַפטליכע זייט פון דער מלחמה בלייבט כמעט שטענדיג אין דער דונקעלהייט, אויפ'ן הינטער-גרונד. זעלטען ווען מען הערט גע-שפּרעכען וועגען דעם, אַז צוליעב דער מלחמה האָט מען פער-גרעסערט די אָבצאָהלונגען, אָדער אַז בעת דער מלחמה זענען רייך געוואָרען די אָדער יענע פערזאָנען...

וויטער בעטראַכטען מיר די פראַגע וועגען די רוסישע מלחמות און פינאַנסען פון די עלטעסטע צייטען אָן. אַזאַ היסטאָ-רישער איבערבליק וועט אונז ערקלערען אויפ'ן בעסטען אופן דעם גרונד-געדאַנק, אַז ביי אַ מלחמה פערלירען שטענדיג די אַרבייטער-מאַסען, אַלץ-איינס צו די מלחמה איז דורכגעפיהרט זיעגרייך אָדער זי איז אָהן כבוד און שענדליך פערשפּיעלט, אַלץ איינס צו די מלחמה האָט זיך געפיהרט אויף דאָס געלד, וואָס מען האָט צוזאַ-מענגעקליעבען פון שטייערען, אָדער פון אַ הלואה, אָדער פון נעפעלשטע מטבעות, אָדער פון די פאַפּיער-געלד, וואָס די רעגירונג לאָזט אַרויס.

דער ענגלישער פּאָליטישער טהוער ג ל אַ ד ס ט אָ ן האָט רעקאָמענדירט דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט צו פיהרען מלחמות אויף דאָס געלד, וואָס ווערט צוזאַמענגעקליעבען פון שטייערען. און פאַר

די אַלע שטרעבונגען צו מלחמות צאָהלט נאָר דער קלאַס פון פאָלק, ביי וועלכען מען פרעגט זיך ניט נאָך צו ער פערלאַנגט צו פיהרען די אָדער יענע מלחמה און וועמען מען לאָזט איבער נאָר דאָס רעכט צו פערגיסען זיין בלוט און אויסלעדיגען זיינע קעשענעס.

אָבער פיהרען אַ מלחמה נאָר מיט שטייערן-געלד איז געפעהר-ליך. אַ מלחמה פאָדערט גרויסע סומען געלד. וואָס צום ביישפּיעל וואָלט פאָרגעקומען, ווען מען וואָלט איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה מיט יאַפּאַן, געפאָדערט פון יעדער רוסלענדער איינ-וואָהנער — ניט מאַכענדיג קיין אונטערשייד פון אַ קינד ביז אַ דער-וואַקסענעם, פון אַ מאַנסביל ביז אַ פרויענצימער, פון אַ נגיד ביז אַ בעטלער — ער זאָל אַריינטראָגען מיט אַ מאָל צו 30 רובל אויף מלחמה-הוצאות? ווי וואָלט זיך דערביי געפיהלט די פאַמיליע פון אַנ'אַרבייטער, למשל, וואָס בעשטעהט פון 5 נפשות? פון אַזאַ געזינד וואָלט אויסגעקומען צו נעהמען מיט אַ מאָל 150 רובל... אַזאַ שטייער איז אונמעגליך, זאָגאַר, ווי דער לעזער וועט שפּעטער זעהען, אַזעלכע פאַקטען זענען אויך בעוואוסט אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. אמת, די רעגירונגען זעהען אויסצומיידען דעם דאָזיגען מיטעל, וועלכער איז אין אַלע אופנים געפעהרליך; זיי פון זייער זייט מאַכען הלוואות, און דאָס פאָלק צאָהלט די פראָ-צענטען און דעקט ביסלעכווייז אויך דעם חוב גופא. אַזאַ סיסטעם בינדט פאַנאַנדער דער רעגירונג די הענד. אָבער פון די קליינע אָבצאָהלונגען ווערען צוזאַמענגעשטעלט גרויסע און אין דעם איצטיגען מאָמענט צאָהלט אויס רוסלאַנד יעהרליך 315 מיליאָן רובל הוילע פראָצענטען! די אונגעהויערע גרויסע חובות,—דאָס זענען די ירושה פון די מלחמות און פון די פאָרבערייטונגען צו זיי. אויב עס זאָל ווייטער אויך אַזוי געהן, ווי ביז איצט, וועט דעם פאָלק אויסקומען אפילו אין די פריעדליכע צייטען צו טראָגען אַזאַ סומע שטייערן, וועלכע וועט אויף אַ סך אַריבערשטייגען די סומע פון 30 רובל אויף מלחמה-הוצאות פון יעדער לעבעדיגען נפש, ווי מיר האָבען דאָס אָנגענומען פריהער.

אָט פאַר וואָס די פראַגע וועגען מלחמה און די פינאַנסען איז אַזוי אינטערעסאַנט פאַר אַלעמען און אויך פאַר די אַרבייטער-מאַסען. די מלחמות וועלען פערשוואונדען ווערען ניט אַזוי גיך,

די פראַגע וועגען מלחמה און די פינאַנסען וועט נאָך לאַנג האָבען אַ בעזונדערען אינטערעס.

---

## I.

אין די גאַנץ אַלטע צייטען האָבען אין רוסלאַנד געוואָהנט גרויסע סלאַווישע שבטים. די פערוואַלטונג איבער אַלע ענינים האָבען געפיהרט די פאָלקס-פערזאַמלונגען, די „וועטשעס" (ראַטהען), ווי זיי האָבען זיך אָנגערופען. די מאַכט פון דעם אויסגעוועהלטען פירסט איז געווען שטאַרק בעגרענצט דורך דעם פאָלקס-ראַטה. די פראַגען פון דעם פאָלקס-לעבען פלעגען בעשלאָסען ווערען ניט אין דעם פירסטליכען פאַלאַץ נור אויף דעם פאָלקס-ראַטה. דאָ פלעגען אויך בעשלאָסען ווערען די פראַגען וועגען מלחמה און פריעדען. אויב דאָס פאָלק פלעגט פערלאַנגען די אָדער יענע מלחמה, פלעגט ער געהן מיט זיין פירסט; אויב אָבער דער פאָלקס-ראַטה פלעגט צוליעב וואָסערע ניט איז אורזאַכען ניט איינ-ווילליגען אויף די מלחמה, פלעגט מען דאָס אָפען ערקלערען דעם פירסט. אין 12-טען יאָהרהונדערט האָבען די איינוואָהנער פון קיעוו געזאָגט זייער פירסט: „ביי אונז וועלען אַלע געהן, ווער עס קען נאָר האַלטען אַ שטעקען אין האַנד. און ווער ס'וועט ניט געהן, וויזט נאָר אונז אָן אויף זיי—און מיר וועלען זיך שוין מיט זיי אָבּרעכענען". אויף דעם זעלבען פאָלקס-ראַטה האָבען די זעלבע קיעווער איינוואָהנער גערעדט מיט זייער פירסט גאָר אַנדערע רייד, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן אַנדער מלחמה: „מאַך שלום, פירסט! מיר וועלען ניט געהן".

קיין שטענדיגער חיל איז צו יענער צייט ניט געווען; יעדער שטאַרקער און געזונדטער מענש איז געווען אַ זעלנער. דער פאָלקס-ראַטה און ניט דער פירסט פלעגען דאַמאָלסט צוזאַמענשטעלען די קאַמפּפס-גרופּען. אין 12-טען יאָהרהונדערט האָבען די נאָווגאָראָ-דער, גרייטענדיג זיך צו אַ מלחמה, געזאָגט זייער פירסט: מיר וועלען אַלע געהן, סיי אַ דיאַק, (אַ בעאַמטער) סיי דער וואָס וויל זיך אָבגעבען דעם הייליגען דיענסט פון דער קירכע, — אַלץ איינס: ער מוז אויך געהן!" דאָ האָט דער פאָלקס-ראַטה אַריינ-

גערעכענט אין צאָהל פון די קאָמפּפס־מיטגליעדער אַלע מאַנסלייט פון זייער שבט, „אַלע וואָס קענען נאָר האַלטען אַ שטעקען אין האַנד", אפילו די דיאַקעם (בעאַמטע), די גייסטליכע, וועלכע זענען געווען אָהן שטעלעם, — אַלע האָבען זיי געמוזט געהן צו דער מלחמה, לויט דער בעשטימונג פון פאָלקס־פערזאַמלונג.

די גרייטקייט, מיט וועלכער דאָס פאָלק פלעגט נעהן אויף אַ מלחמה, ערקלערט זיך דערמיט וואָס דאָס פאָלק פלעגט פיהרען די דאַמאָלסדיגע מלחמות לויט זיין אייגענעם וואונש, לויט זיין אייגענעם בעשלוס. די מלחמות פלעגען קאָסטען ביליג. דאָס פאָלק האָט ערסט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט. די הויפּט—עקזיסטענץ־מיטלען זענען געווען: יאַגד, פישפאַנגען, זאַמלען האָניג פון ווילדע בינען און פּיה־צוכט. שבטים, וואָס פערנעהמען זיך מיט יאַגד און פיה־צוכט געהען לייכט איבער פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען; זיי זענען שטענדיג בעוואָפענט, ווייל דאָס זעלבע געוועהר, וועלכער פלעגט דינען בעת יאַגד, פלעגט דיענען איך בעת אַ מלחמה. קיין פולווער און קיין ביקסען זענען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען; די גאַנצע בעוואַפ־נונג איז דאַן בעשטאַנען פון אייגענע געמאַכטע בויגענס און פיילען, פון פלעקער און פיקעס. יעדער מאַנסביל פלעגט זיך פון יוגענד אָן לערנען ווי זיך צו בעגעהן מיט די דאָזיגע געוועהר, יאָגענדיג זיך נאָך ווילדע חיות. בעת אַ מלחמה האָבען די יאַגד־און פּיה־צוכט־שבטים געהאַט זייער עסענוואַרג אונטער'ן האַנד און דאָס איבערגעהן פון איין אָרט אויף דעם צווייטען איז פאַר די דאָזיגע פעלקער געווען זעהר נוצליך. אַזאַ וואַנדערען פלעגט זיי געבען אַלץ נייע ערטער פאַר יאַגד און פיה־צוכט. דער זיעג איבער שכנ'ישע שטעדט פלעגט בריינגען די זיעגער אַ רייכען רויב, ווייל די בעזינטע שטאָדט פלעגט מען שטענדיג צוראַבירען. די דאַמאָלסט־דיגע מלחמות פלעגען אַרויסגערופען ווערען אָדער דורך די שטרעבונג פון שבט אַריינצוכאַפּען נייע ערטער פאַר זייער געוועהרב, אָדער צו בענוטצען זיך מיט דעם רויב פון די רייכע שטעדט.

אין דער אַמאָליגער רוסלאַנד פלעגען פאָרקומען אויך פירסט־ליכע מלחמות. דיזע מלחמות פלעגט דער פירסט פיהרען לויט זיין אייגענעם ווילען און אויף זיין אייגענעם חשבון. ער האָט געהאַט פּריוואַטע זעלנער, וועלכע האָבען געבילדעט דעם פירסטליכען

גענומען ביי די טאַטערן אַלע אַכזריות'דיגע פאָרמען פון פאָלקס־
שינדעריי. נאָך דעם ווי מען האָט זיך באַפרייט פון דעם טאַטאַרי־
שען יאָך, האָבען די פירסטען געמוזט שטענדיג זיין אויפ'ן וואַך;
מ'האָט געמוזט האַלטען אַ גרויסע אַרמעע, ווייל די טאַטאַרען
האָבען געקענט יעדען מאָמענט ווידער אָנפאַלען אויף דאָס רוסישע
לאַנד. די אָבצאָהלונגען אין התחיבות זענען דעריבער געוואָרען
אַלץ שווערער און אונערטרעגליכער.

אויף דעם דרום־גרענעץ אַליין איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטען
יעהרליך אַנ'אַרמעע פון 60 טויזענד, און אויסערדעם האָט מען זיך
נאָך געדאַרפט בעשיצען אויך פון מעריב און מזרח זייט.

קודם־כל האָט דאָס פאָלק געטראָגען מיליטער־פפליכט; די
איינוואָהנער זענען מחויב געווען אַרויסצושטעלען פון יעדען געגענד
אַ געוויסע צאָהל בעוואַפענטע מענשען, רייטער און פוסגעהער,
מיט געוועהר, מיט פולווער, מיט פראָוויאַנט אויף אַ געוויסע צייט.
אויב אין אַ וואָסער ניט איז אָרט האָט אויסגעפעהלט די בעשטימטע
צאָהל מענשען, וואָס קענען האַלטען אַ ביקס אין האַנד, האָבען
די שטאָדטישע איינוואָהנער און די פויערים געמוזט אויף זייער
אייגענעם חשבון דינגען פריייווילליגע זעלנער, זיי בעוואַפענען און
אויסהאַלטען מיט פראָוויאַנט. די רעגירונג פלעגט אויך פערפפליכטען
די פויערים צו בויען פעסטונגען, דורכצופיהרען גראָבענס, שטעלען
צוימען. זיי זענען אויך מחויב געווען צו מאַכען פולווער, אָדער
געבען אויף דעם געלד; פון זיי פלעגט מען אויך זאַמלען געלד
אויף אויסצוקויפען די געפאַנגענע, אויף צו קויפען ביקסען, אויף צו
צאָהלען געהאַלט דעם געדונגענעם חיל. אַ לאַנגע צייט האָט מען
געפאָדערט, אַז דער פראָוויאַנט פאַר'ן חיל זאָל געגעבען ווערען
מיט פראָדוקטען: מ'פלעגט זאַמלען ברויט און פיה. ביי אַזעלכע
זאַמלונגען פלעגען פאָרקומען פיעל געוואַלדטהאַטען און ווילקיר.
דאָס חיל, געהענדיג דורכ'ן לאַנד, פלעגט בעקומען פון די אָרטיגע
איינוואָהנער ברויט און פלייש, נאָר דערביי פלעגען זיי אָנזאַמלען
אַזוי פיעל, אַז אַ גרויסען טהייל פון די געשעכטע בהמות פלעגען
זיי אָבשיקען צו זיך אַהיים.

אין איינעם פון די אַמאָליגע אַלטע היסטאָרישע כתבים ווערט
דערצעהלט, אַז אין 1438־טען יאָהר האָבען די זעלנער פון גרויס־
פירסט „אַלץ צוראַבירט ביי דעם אייגענעם פראַוואָסלאַוועם פויער־

טהוס, האָבען געפּייניגט דאָס פאָלק, כדי ביי איהם אַלעם אַרויסצו־
קריגען, האָבען געשעכט דאָס פיה און אָבגעשיקט די געשעכטע
בהמות צו זיך אַ היים".

אויסער די זעלנער, וואָס מ'פלעגט רופען נאָר אויף אַ צייט־
ווייליגען דיענסט, איז צו יענער צייט געווען אויך אַ שטענדיגער
חיל, וואָס איז בעשטאַנען פון די דיענסט־פערפפליכטעטע,
געוועזענע פירסטליכע פּריוווילעגירטע און געדונגענע זעלנער. אַט די
פירסטליכע דיענסט־פערפפליכטעטע פלעגען פאַר זייער דיענסט
בעקומען אַלס געשענק גיטער, מאַיאָנטקעס. זייער דיענסט פלעגט
זיך אָנהויבען צו 15 יאָהר. דער יונגער אינגעל, וואָס פלעגט
אָנקומען אויף דיענסט, פלעגט בעקומען ערד און ווערען אַ גוטס־
בעזיצער. זיין דיענסט איז געווען אַנ'אייביגע, אָהן אַ טערמין.
ער האָט געדאַרפט אויף זיין אייגענעם חשבון זיך בעוואַפענען און
ערנעהרען. אויף דעם ערשטען רוף פון פירסט האָט אַזאַ דיענסט־
פערפפליכטעטער געמוזט געהן אויף מלחמה. אויב ער פלעגט זיך
אָבזאָגען, פלעגט מען איהם שלאָגען מיט'ן קנוט און אָבנעהמען
ביי איהם דעם מאַיאָנטעק.

שפּעטער האָט זיך פון אַט די דיענסט־פערפפליכטעטע
געבילדעט דער קלאַס פון אונזער אַדעל. אין יאַקאַטערינאַ דער
II־טערס צייטען זענען זיי בעפרייט געוואָרען פון דער פערפפליכטונג
צו דיענען; די מאַיאָנטקעס זענען אָבער געבליבען ביי זיי...

II.

ווען דער מאָסקווער פירסט האָט „צונויפגעזאַמעלט" די
איינצעלנע פירסטענטהומס אין איין מאָסקווער מלוכה, איז זיין
מאַכט געוואָרען אונגעהויער גרויס. די פערשיעדענע קליינע און
צופעליגע אָבצאָהלונגען אויף מלחמה־הוצאות זענען אין 1679־טען
יאָהר פערביטען געוואָרען אויף שטענדיגע רעגעלמעסיגע שטייערען.
ליידער זענען אונז פון יענע צייטען ניט איבערגעבליבען כמעט
קיינע דאָקומענטען, לויט וועלכע מיר זאָלען קענען אויסרעכענען
וויפיעל עס פלעגען אָבקאָסטען די מלחמות.

ס'זענען דאָ נור קנאַפּע און ניט אויספיהרליכע אָנדייטונגען
אויף דעם, אַז די דאַמאָלסטדיגע מלחמות און אונאָרדנונגען האָבען
רואינירט דאָס פאָלק. די רעגעלמעסיגע אָבצאָהלונגען האָבען,

פערשטעהט זיך, ניט געסטײַעט, און בײַם אויסגעפינען מיטלען פלעגט מען זיך פאַר קײן זאַך ניט אָבשטעלען און אַרויפוואַרפען אויפ'ן פאָלק אונערטרעגליכע אָבצאָהלונגען, נעהמען געלד מיט געוואַלד, מיט סטראַשונקעס און מיט אַלערלײ שווינדלערײַ.

די מלחמות זענען צו יענער צײַט געווען אָפטע; דאָס געלד פלעגט אויסגעגעבען ווערען שנעל; דער חיל איז געווען גרויס, ווײַל, — ווי אײנער אַנ'אויסלענדער פון יענע צײַטען האָט זיך אויסגעדריקט, — „דער מאָסקוועער קײזער האָפּט מעהר אויף די צאָהל, אײדער אויף דעם העלדענמוטה פון זײַנע זעלנער, אָדער אויף די גוטע אָרגאַניזאַציע פון זײַנע קרעפטען". אויסהאַלטענדיג דעם חיל, האָט די רעגירונג געשטרעבט דערצו, אַז איהרע הכנסות זאָלען דערפון ניט לײַדען, אַז מ'זאָל אַלץ מאַכען אַזוי, דאָס עס זאָל קאָסטען, וואָס ביליגער. די דאָזיגע ביליגקײַט האָט זעהר טהײַער געקאָסט די זעלנער און דעם פאָלק. אײנער פון די אַמאָליגע שרײַבער — פּאָסאָשקאָוו האָט געזאָגט: „ווי מען זאָגט, בעקומען אַנדערע זעלנער נאָך וועניגער, ווי צעהן גילדען געהאַלט אַ חודש. אין ווישנעוואָלאָטשק איז אײנעם אַ נאָוואָבראַנעץ געבליבען נאָך דעם, ווי מ'האָט אַראָבגערעכענט אַלץ פון זײַן געהאַלט — 2 גריוונעס, ד. ה. 20 קאָפּיקעס פאַר אַ גאַנצען חודש, און ער האָט אַרויסגענומען אַ מעסער און זיך אויפגעשניטען דעם בויך. עס פערשטעהט זיך, אַז ער האָט עס געטהאָן ניט אויס נחמה. אויב אַ סאָלדאַט קומט ניט אויס אפילו קײן צעהן גילדען אַ חודש, טאָ פון וואַנען זאָל ער לעבען, וואו זאָל ער נעהמען אַ פעלץ און אַנדערע נויטיגע זאַכען, און מיט וואָס זאָל ער עסענוואַרג קויפען? און זײַענדיג אין אַזאַ נויט, ווי זאָל ער ניט גנב'נען און פאַר וואָס זאָל ער פון דיענסט ניט אַנטלויפען? געבען דעם סאָלדאַט אַ מונדיר און דערנאָך פאַר דעם זעלבען מונדיר אַראָברעכענען פון געהאַלט — דאָס איז אַנ'עולה".

דאָס פאָלק איז פאַרמאַטערט געוואָרען פון דעם פּפליכט אויסצוהאַלטען בײַ זיך אין זײַערע הײַזער די סאָלדאַטען. פון דעם דאָזיגען פפליכט זענען פרײַ געווען נאָר די רײַכע און די מיוחסים. דער זעלבער פּאָסאָשקאָוו האָט געשריבען: „און נעבען די הײַזער שטעהען די סאָלדאַטען און דראַגונער אַזוי ניט רוהיג און טהוען אָב אַזעלכע עולות, אַז עס איז ניט מעגליך דאָס איבערצוגעבען;

און דאָרטען וואו די אָפּיצירען שטעהען קומען פּאָר נאָך ערגערע מעשים". די רעגירונג גופא האָט פערשטאַנען, אַז די פפליכט אויסצוהאַלטען ביי זיך אין די הײַזער די סאָלדאַטען רואינירט דאָס פאָלק. אין רעגירונגס־בעפעהל פון 1727 יאָהר ווערט געזאָגט: „די אָרעמע רוסלענדער פויערים ווערען רואינירט ניט נור פון די אונגערעכטע שטייערן, אַלס פון די פעלדער און ניט נאָר פון די אָבצאָהלונגען, זיי ווערען נאָך מעהר רואינירט פון די מחלוקות צווישען די אָפּיצירען און די זעמסקע פערוואַלטער אין פון די סאָלדאַטען מיט די פויערים".

די געוועהנליכע שטײַערן זענען געווען ווייניג, און די רעגירונג פלעגט זיך כאַפּען פּאַר אויסערגעוועהנליכע מיטלען. מ'פלעגט זאַמלען דאָס זאָגענאַנטע „פינפטע געלד". דעם 2־טען יאָהר פון מיכאַיל ראָמאַנאָוו'ס רעגירונג איז אַרויס אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכער מ'האָט געראַפּט צונויפקלײַבען פון ווער מ'האָט געקענט צו 100 רובל און פון די אָרעמע צו רובל אויף אויס־צוהאַלטען דאָס מיליטער. ווען איינער האָט געהאַט איינגענם 500 רובל, האָט מען פון איהם גענומען אַ פינפטען טײַל—100 רובל. דעם קומענדיגען יאָהר איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע. אין דער שטאָדט מעזען האָט איינער אַ סוחר געהאַט אַ קראָם מיט סחורה; איהר האָט מען אָבגעשאַטצט אין 523 רובל, פון דעם דאָזיגען איינגענם איז אויסגעקומען צו געבען אָבצאָהלונגען 123 רובל. בעצאָהלענדיג 40 רובל, איז דער סוחר אַנטלאָפען מיט זײַן ווײַב און קינדער קיין פוסטאָ־אָזעראָ... די אָבצאָהלונגען פלעגט מען קלײַבען מיט אַ שרעקליכער אונערהערטער אכזריות. די קעזערליכע פעראָרדנונגען פלעגען בעפעהלען די מיליטער־פיהרער און די בעאַמטע (דיאַקעם) „אומעטום אויפצומאָנען די הכנסות פאַר'ן קייזער מיט גרויס פלײַס". דעם פאָלק איז פערוועהרט געווען צו קאָכען קוואַס, ווײַל דאָס קוואַס־קאָכען איז איבערגעגעבען געווען פריוואַט מענשען אויף פאַכט. אויף פאַכט איז אויך אָבגעגעבען געוואָרען די בראַהע און אַלע קליינע געווערבען. אין איין גראַמאָטע לייענען מיר: „אין די פריהערדיגע צײַטען זענען אַזעלכע געווערבען קיינעם קיינמאָל ניט איבערגעגעבען געוואָרען אויף „פאַכט" און איצט זענען פון זיי די דאָרפישע און אַלע אַנדערע אײַנוואָהנער פעראָרעמט געוואָרען".

דאָס פאָלק האָט געקרעכצעט אונטער די אַלע לאַסטען. די ערסטע צײַט האָט מען געפּרובט זיך קלאָגען פאַר'ן קיסר. איינמאָל

שוּטץ אָדער די פירסטליכע גוואַרדיע . דאָס פאָלק פלעגט נאָר דאַן
נעהמען אַנ׳ אַנטהייל אין די פירסטליכע מלחמות, ווען ער פלעגט
אַיינגעפינען , אַז דאָס לוינט פאַר איהם . די רוּסישע פירסטען
פלעגען גערען ראַבירען זייערע שכנים ; איבערהויפּט האָבען זיי
ליעב געהאַט צו ראַבירען דאָס אַלטע און רייכע גריעכענלאַנד .
אי ג אָ ר און אָ ל ע ג זענען נאָר דעריבער בעוואוּסט אין די אַלטע
היסטאָרישע כתבים , ווייל זיי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט
זייערע אָנפאַלען אויף גריעכענלאַנד. אָ ל ע ג האָט, אַלס זיעגער,
צוגעשלאָגען זיין פאַנצער־שילד אויף די טויערען פון דער גריעכישער
הויפּטשטאָדט — קאָנסטאַנטינאָפּאָל. נאָר די דאָזיגע מלחמות האָבען
ניט אַלע מאָל געבראַכט נוּטצען די פירסטען : צייטענווייז פלעגען
זיי האָבען שטאַרקע מפּלות און פלעגען דורכדעם פערלירען זייערע
טראָהנען . אין 11־טען יאָהרהונדערט זענען די רוּסישע פירסטען
מחויב געווען אויסצוהאַלטען אויף זייער רעכנונג אין דער גריעכישער
אַרמעע אַנ׳ אייגענעם קאָרפּוּס חיל פון 6 טויזענד רוּסישע
זעלנער .

ווען די דאָזיגע פּאָליטיק פלעגט ניט בעריהרען די אינטע־
רעסען פון פאָלק , פלעגט דער פאָלקס־ראַטה זיך ניט אַריינמישען
אין די ענינים פון די פירסטען ; די פירסטען פלעגען לויט זייער
אייגענעם ווילען פיהרען מלחמות , מאַכען פערבאַנדען , צוזאַמענ־
קלייבען זיך אויף צוזאַמענפאָהרען און ז. וו. דאָס פאָלק האָט גע־
פיהרט זיין אייגענע פּאָליטיק , דער פאָלקס־ראַטה איז געווען דער
אָרגאַן פון דער דאָזיגער פּאָליטיק. אַזוי ווי די דאַמאָלסטדיגע פּראָ־
דוּקציאָנס־פאָרמען האָבען ניט צוגעבונדען דאָס פאָלק צו דער
ערד און האָבען יעדערען גענויטיגט צו האָבען געוועהר און צו וויסען
ווי זיך מיט איהם צו בעגעהן , פלעגט אויפ׳ן פאָלקס־ראַטה צו־
זאַמענגעקומען די גאַנצע דערוואַקסענע בעפעלקערונג , וועלכע איז
געווען אויף אַזוי פיעל שטאַרק , דאָס זי פלעגט בעהערשען דעם
פירסט און ניט דער פירסט דעם פאָלק . די נאָווגאָראָדער האָבען
שפּעטער פון אַלע איבעריגע שבטים אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען
זיך מיט ערד־אַרבייט , זיי האָבען אַ לאַנגע צייט זיך ערנעהרט דורך
יאַגד און מסחר און דעריבער האָט ביי זיי לענגער ווי אומעטום
עקזיסטירט דער פאָלקס־ראַטה , וועלכער פלעגט גאַנץ אָפט פער־

טרייבען די פירסטען, וואָס פלעגען זיי צוליעב וואָס ניט איז ניט געפעלען ווערען.

ביי אנדערע שבטים איז די יאגד און פיה־צוכט ביסלעכווייז געוואָרען א זייטיגע בעשעפטיגונג; די בעפעלקערונג הויבט זיך אָן צו פערנעהמען מיט ערד־ארבייט. צוזאַמען מיט דעם און טאַקע צוליב דעם האָבען זיך אויך אומגעענדערט די פּאָליטישע בעדינ־גונגען פון פאָלקס־לעבען. די ערד־ארבייט האָט צוגעבונדען פעסט דעם מענשען צו דער ערד; די ערד־ארבייטער פלעגען זיך בעזעצען אויף די ערד, וואָס זיי האָבען אליין בעארבייט, פלעגען אויסבויען הייזער, פערשאַפען זיך אַנשטאָט א בויגען און א פייל אַנ'אַקעראייזען און א בראָנע. אָבריסען זיך פון דער ערד צוליעב קהל'שע ענינים, און נאָך מעהר, צוליעב מלחמות האָט ש'ין מעהר ניט געלוינט, און די מלחמות גופא האָבען פערלאָרען זייער גאַנצען רייץ. דער פריעדליכער ערד־ארבייטער האָט זיך ניט געדאַרפט מעהר יאָגען נאָך נייע פעלדער און וועלדער, וועלכע ער האָט געהאַט געגנוג אַרום זיך; איהם האָט ערנעהרט די ערד, וואָס ער האָט בעארבייט. דער פאָלקס־ראַטה פלעגט זיך צוזאַמענקלייבען נאָר אין די שטעדט; אָבריסען זיך פון די פעלדער, איבערהויפּט אין דער ארבייטס־צייט האָט ניט געלוינט און אין דעם פאָלקס־ראַטה פלעגען נעהמען אנטהייל אַלץ וועניגערמענשען און ער האָט וואָס ווייטער, אַלץ מעהרער פערלאָרען זיין פּאָליטישען איינפלוס.

דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוואַפענען, און פון די פריהערדיגע זעלנער זענען געוואָרען פריעדליכע איינוואָהנער. געוועהר און זעלנער—פריוואָליגע, אָדער געדונגענע—זענען גע־בליבען נאָר ביי דעם פירסט. די פּויערים, וואָס האָבען זיך בעש־עפטיגט מיט ערד־ארבייט, מ'רא האָבענדיג פאַר די פיינדליכע אָנפאַלען אויף זייערע פריעדליכע פעלדער, זענען געווען פאַראינ־טערעסירט אין דעם, אַז זייער פירסט זאָל זיין וואָס מעכטיגער, אַז ער זאָל האָבען וואָס מעהר חיל, כדי זיך צו וועהרען געגען שונא. דער פירסט, פערגרעסערענדיג זיין חיל, האָט צוזאַמען מיט דעם פערגרעסערט זיין מאַכט איבער'ן פאָלק. די פירסטען האָבען איינגעהערט זיך צו בעראַטהען מיט די פאָלקס־פערזאַמלונגען; בעת זיי האָבען זיך געבילדעט זייערע איינענע ראַטהען, זייערע

אייגענע „דומעס״ פון רייכע און חשובע זעלנער, פון די רייכע באָיאַרעס (פאָרנעהמער לייט), וועלכע האָבען געהאָלפען דעם פירסט רעגירען איבער דעם רעכטלאָזען פאָלק. די אָרעמע פירסטען פלעגען אָנקומען אין דיענסט צו די רייכע און מעכטיגע פירסטען און דערמיט פלעגען זיי נאָך פערשטאַרקען די פּאָליטישע בעדייטונג פון די לעצטע. דאָס פאָלק, וועלכער האָט פערלאָרען זיין איינפלוס אויף די געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע ענינים, האָט צוזאַמען מיט דעם אויך פערלאָרען זיין רעכט צו זאָגען אַ דעה אין די פראַגען וועגען מלחמה און שלום. איצט פלעגען די אַלע וויכטיגע פראַגען בעשלאָסען ווערען לויט דעם אייגענעם ווילען פון פירסט און זיינע נאָהענטע בעלי־עצה׳ס. די מלחמות האָבען אָנגעהויבען פאָרצוקומען אַלץ אָפטער און האָבען געקאָסט אַלץ טייערער. צוזאַמען מיט די פערבעסערונגען אין די ערד־אַרבייט־געצייג, אין דער ערד־אַרבייט־טעכניק האָט זיך אויך פערבעסערט די בעוואַפנונגס־טעכניק. די בעוואַפנונג איז געוואָרען אַלץ קאָמפּליצירטער און טייערער. ווען דאָס פאָלק האָט געפיהרט דעם אַרט לעבען פון אַ יעגער און אַלע זענען געווען בעוואַפענט, האָט מען בעת אַ מלחמה ניט געדאַרפט קלערען וועגען אַ ספּעציעלע בעוואַפנונג: מיט וואָס אויף אַ חיה מיט דאָס אויפ׳ן שונא.

ווען דאָס פאָלק האָט זיך אָבער בעזעצט אויף ערד, האָבען די ערד־אַרבייט־געצייג שוין גאָר ניט געטויגט אויף מיליטערישע צוועקען; מ׳האָט געמוזט איינפיהרען אַ חיל און איהם בעוואַפנען. פריהער, ווען דער שונא פלעגט זיין זעהר שטאַרק און גוט בעוואַפענט, האָט מען שטענדיג געקענט אויסמיידען אַ בעוואָפענטען צוזאַמענשטויס מיט איהם, ווייל דעם שבט, וואָס האָט זיך פערנומען מיט יאַגד און פיה־צוכט, איז געווען זעהר לייכט אַריבערצוּוואַנדערען פון איין אָרט אויף אַ צווייטען. איצט, אָבער, האָט די ערד־אַרבייט צוגעשמידט צום אָרט; אַוועקוואַרפען דעם שטענדיגען אָרט הייסט רואינירט ווערען, און די בעזעסענע ערטער האָבען שטענדיג צוגעצויגען צו זיך די מעהר ענערגישע שכנים, וועלכע האָבען שטענדיג געהאַט אַנ׳אַפּעטיט צום פרעמדען האָב און גוטס.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס חיל איז געוואָרען אַ נויטווענדיגער און שטענדיגער טהייל פון דער מלוכה־מאַכט און

האָט אַרויסגערופען וואָס ווייטער אַלץ מעהרער הוצאות. דער פירסט, וואָס האָט אַליין פערוואַלטעט איבער זיין חיל, האָט געוואוסט זיין פּאַק ־ישע מאַכט איבער דעם אונבעוואָפענטען פאָלק. פערטהיידי־גענדיג איהם געגען שונא, האָט ער אָנגעהויבען קלייבען פון די פּריוועדליכע בעפעלקערונג געלד־פּראָדוקטען אויף אויסצוהאַלטען זיין חיל. די דאָזיגע געלד־סומען פלעגען אַריינקומען אין פירסט אוצר, וואו זיי פלעגען זיך צוזאַמענמישען מיט די פּערזענליכע געלד פון פירסט. פון דיזעם אוצר פלעגט מען אויסגעבען אי אויף די פּערזענליכע בעדערפניסען פון פירסט אי אויף קהל'שע. אַט אַזוי האָבען זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו ענטוויקלען די שטייערען און התחיבות, וועלכער זענען געלעגען אויפ'ן פאָלק; אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז געבילדעט די זאָגענאַנטע מלוכה־ווירטשאַפט.

די מלחמות און דאָס אויסהאַלטען דעם חיל אין די פּריוועדליכע צייטען זענען אַלע מאָל און אומעטום געווען איינע פון די הויפּט־אורזאַכען פון דער שנעלער ענטוויקלונג אין דער מלוכה־ווירטשאַפט, פון דעם שנעלען וואוקס אין די שטייערען און התחיבות'ען, וועלכע די פּריוועדליכסטע פעלקער מוזען טראָגען. אין דעם אַלטען רוסלאַנד האָט זיך די שטייער־לאַסט אין גיכען פערגרעסערט נאָך צוליעב דעם, וואָס דאָס „אודיעלנע" (צוטהיילטע אויף אַ סך בעזונדערע פירסטענטהומס) רוסלאַנד איז אונטערגעפאַלען אונטער דעם יאָך פון די טאַטאַרען. די טאַטאַרען האָבען אַרויפגעלעגט אויף די קליינע מלוכות גרויסע אָבצאָהלונגען. דער „כאַן פון דער גילדערנער אָרדאַ" האָט זיך גערופען „צאַר פון רוסלאַנד"; די רוסישע פירסטענ־טהומס האָט ער גערעכענט אַלס זיינע נחלאות, אולוסען. דער כאַן פלעגט זאָגען: „ווען אונז וועט זיך פערוועלען פיהרען מלחמות, וועלען מיר בעפעהלען צו זאַמלען חיל אין אונזערע אולוסען צו אונז אויף דיענסט". דאָס רוסישע פאָלק האָט געטראָגען אַ צווייאיגע לאַסט: ער האָט געצאָהלט שטייער זיינע פירסטען און צינז די טאַטאַרען. דער שטרייט, וועלכען די פירסטען פלעגען פיהרען מיט די טאַטאַרען, האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע צאָהל מלחמות און בערייטענדע הוצאות. ווען מען איז לויז געוואָרען פון טאַטאַרי־שען יאָך, זענען די אָבצאָהלונגען ניט קלענער געוואָרען: דאָס, וואָס פריהער פלעגען נעהמען פון פאָלק די טאַטאַרען, האָבען איצט אָנגעהויבען צו נעהמען די פירסטען, וועלכע האָבען איבער־

זענען געקומען צום קיסר מיט אַן אָנקלאַגע 70 פּסקאָווער איינ־וואָהנער. דער 17 יאָהריגער קיסר איוואַן, אויסהערענדיג די אָנקלאָגער האָט זיי אָבגעגאָסען מיט הייסע ווייַן, געשמאַליעט מיט פייער זייערע בערד און האָר, געוואָרפען זיי נאַקעטערהייד אויף דר'ערד און האָט זיי שיר ניט דער'הרג'עט, נאָר אין דעם מאָמענט איז אַראָבגעפאַלען פון טהורם אַ גלאָק, און דאָס האָט אָבגעווענדעט די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ערצאָרנטען קיסר און האָט געראַטעוועט די אומגליקליכע אָנקלאָגער... דאָס פאָלק פלעגט זאָגען, אַז דער אמת איז פערשוואונדען פון דער ערד, אַז די שטייער־זאַמלער קוועלען די פויערים, טהוען זיי אָן עולות, פאַר'ן קיסר נעהמען זיי צעהן, פאַר זיך הונדערט, אַז די גרויסע לייט ווערען רייך פון די פויערשע טרעהרען און בלוט. די בעפעלקערונג איז מיט שרעק געלאָפען, וואו די אויגען פלעגען זיי בראָגען; די דערפער פלעגען פוסטעווען; ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטענדיגער הונגער. די וואָס זענען שולדיג געבליבען שטייערן, פלעגט מען אָנטהאָן אַלערליי ענוים. דאָס פאָלק איז געלאָפען, איבערלאָזענדיג די פאַמיליעס און בעל־הביתישקייט, קיין סיביר, אויפ'ן דאָן, הינטער דער וואָלגאַ. די געשיכטע פון פאָלק — דאָס איז די געשיכטע פון ענוים, פון טרעהרען, פון ביטערען פיין...

נאָר ניט קוקענדיג אויף די אַלע מיטלען אַרויסצופּרעסען דעם לעצטען גראָשען פון דער בעפעלקערונג, האָט דאָך דער רעגירונג ניט געסטאַיעט קיין געלד אויף צו פירען די שטענדיגע מלחמות. מ'האָט געמוזט אויסקלערען נייע געלד־קוואַלען. די רעגירונג האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַזאַ מיטעל, וועלכען מ'קען מיט רעכט אָנרופען פערברעכערישע שווינדלעריי, וואָס האָט רואינירט דאָס פאָלק. די רעגירונג האָט אָנגעהויבען פעלשען די מטבעות. פון אַן'אמת'ן 5 קאָפּיקענעם, למשל, פלעגט זי מאַכען צוויי 5 קאָפּיקענע און זיי לאָזען אין פערקעהר. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס אין אַ קלייַנער מאָס, נאָר מיט דער צייט האָט זיך די מטבע־פעלשונג פערברייטערט און גענלאָזען טיעפע וואָרצלען.

די געשיכטע פון אַזעלכע פערברעכען מיט מטבעות הויבט זיך אָן כמעט פון דעם ערסטען מאָמענט, ווי אין רוסלאַנד איז ערשיענען דאָס מעטאַל־געלד. אין 17־טען יאָהרהונדערט האָט די רעגירונג געהאַלטען זיך דער מיינונג, אַז פעלשען די מטבעות —

דאָס פּאָלקס־געלד איז אַ גאַנץ געזעצליכע זאַך. פאַר דעם דאָזיגען נעפּעהרליכען מיטעל פלעגט מען זיך כאַפּען אין אַלע שווערע צייטען, איבערהויפּט אין דער צייט פון אַ מלחמה. אין מיכאַאיל ראָמאַנאָוו'ס צייטען, ווען דער רעגירונגס־אוצר איז צוראַבירט געוועזען, איז „ניט ווילענדיג לייכטער געוואָרען צו מאַכען געלד", „און דאָס איז גאָר קיין נייעס ניט, — פערענטפערט זיך די רעגירונג פאַר די ענגלישע סוחרים: אין פיעלע מלוכות פלעגט מען דאָס אויך מהאָן אין אַ צייט פון אַ מלחמה און קיינער האָט געגען דעם גאָר נישט געזאָגט".

אַ לאַנגע צייט האָט די בעפעלקערונג ניט פערשטאַנען אין וואָס בעשטעהט דער געפאַהר פון דער דאָזיגער מטבע־פעלשונג, ס'זענען געוועזען אפילו אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבען זיך בעריהמט פאַר די אויסלענדער מיט זייערע פאַלשע געלד. „מיר זענען ניט קיין אויסלענדער ניט דעם ווערטה פון דעם קופּער רעכענען מיר אוים", נאָר דעם נאָמען „פון אינזער קיסר מאַכען מיר גרויס" — פלעגען זיי זאָגען. „ביי אונז האָט דאָס וואָרט פון זיין אַלערליכטיגער מאַיעסטעט אַזאַ מאַכט, אַז ווען ער וואָלט דייסען אויף אַ קופּערנער ברעטעל אָנצייכענען אַ רובל, וואָלט זי ביי אונז אין מסחר אויף אייביג אַוועקגעהן פאַר אַ רובל". „ביי אונז האָט אַ ווערטה ניט די וואָג פון דער מטבע, נאָר דעם קיסר'ס ווילען"... אין דעם קיסר אַלעקסיי מיכאַאילאָוויטש'עם צייטען האָט מען אַרויסגעלאָזען קופּערנע רובלס און מ'האָט בעפאָהלען זיי אָנצונעהמען פאַר זילבערנע. אָט די שטיקלעך קופּער האָבען גלייך נאָכדעם, ווי זיי זענען ערשיענען, אָנגעהויבען צו פערלירען זייער ווערטה. אין אָנפאַנג פלעגט מען פאַר 15 קופּערנע רובלס געבען איין זילבערנעם, דערנאָך פאַר 50 קופּערנע — 1 זילבערנעם. דער סוף איז געוועזען, דאָס די רעגירונג האָט געמוזט צו נויקויפען די שטיקלעך קופּער צו קאָפּיקע אַ שטיק...

די שלעכטע מטבעות האָבען שרעקליך אויפגעהויבען די מקחים אויף אַלץ, האָבען אונטערגעגראָבען די מלוכה־הכנסות, האָבען רואינירט די פאָלקס־ווירטשאַפט, וועלכע איז אין גאַנצען צום גרונד געגאַנגען צוליעב דער 13 יעהריגער מלחמה. עס האָט זיך בעוויזען „פאַלשע" געלד. די פערזאָנען, וואָס האָבען געגאַרט גיך רייך צו ווערען, פלעגען איינקויפען קופּער און

מאַכען פון איהם קופּערנע געלד. געגען אָט די פאַלשע=מטבעות=
מאַכער, וואָס האָבען קאָנקורירט מיט דער רעגירונג, האָט מען
אָנגענומען זעהר שטרענגע מיטלען: מ'פלעגט זיי אָבהאַקען די
הענד, פאַרגיסען די האַלז מיט מעטאַל, די אָבגעשניטענע
הענד פלעגט מען צושלאָגען צו די צווימען אויף די ערטער פון
שטאָדט, וואו מען זאָל זיי זעהען בעסער ווי אומעטום, נאָר די
פאַבריקאַציע פון פאַלשע מטבעות איז אַלץ גרעסער געוואָרען.
די באָיאַרעס, איבערהויפּט די מקורבים פון דעם קיסר, פלעגען
פאַר כאַבאַר פאַרדעקען די גרעסטע פאַלשע מטבעות=מאַכער.

די געדולד פון דעם רואינירטען פאָלק האָט ענדליך גע=
פּלאַצט. אין פריהלינג 1662=טען יאָהר האָט זיך די אונציפרי=
דענהייט פון פאָלק אויסגעדריקט אין אַנ'אָפענעם אויפשטאַנד.
דער קיסר איז געווען אין זיין הינטערשטאָדטיגען פּאַלאַץ ביי דעם
פסח'דיגען גאָטעס=דיענסט, ווען דער אויפגערעגטער המון איז
צוגעגאַנגען צום קלויסטער און האָט געפאָדערט, אַז אַלעקסיי
מיכאַאילאָוויטש זאָל אַרויסגעהן צו איהם אויף אַנ'ערקלערונג. די
קייזערין און די טאָכטער האָבען זיך פאַר שרעק בעהאַלטען אין
פּאַלאַץ=טהורם, וואו ס'האָבען זיך אויך בעהאַלטען, לויט דעם
קיסר'ס עצה די אַלע באָיאַרעס=כאַבאַרניקעס, וועלכע דער המון
האָט געפאָדערט מ'זאָל איהם זיי אַרויסגעבען. דער קיסר האָט
געבעטען דאָס פאָלק, ער זאָל איהם לאָזען ענדיגען דעם גאָטעס=
דיענסט, נאָר דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט וואַרטען און האָט
געפאָדערט זיין קיסר אַרויסגעהן גלייך מיט איהם זיך דורכצו=
רעדען. דער קיסר איז אַרויס צום פאָלק און האָט געזאָגט: „איך
בין דער קיסר. אונטערזוכען און בעשטראָפען די שולדיגע איז
מיין זאַך, און איהר געהט זיך אייך צוריק אין אייערע הייזער;
איך וועל די זאַך אַזוי ניט לאָזען און דערפאַר בין איך אייך
ערוב מיט מיין ווייב און קינדער". אָבער דאָס פאָלק האָט זיך
ניט בערוהיגט און האָט געשריען צום קיסר: „לאָז אונז ניט
אומקומען אומזיסט. אויב דו וועסט ניט אַרויסגעבען די באָיאַרעס,
וועלען מיר זיי אַליין נעהמען אויף אונזער שטייגער"... אַלס
אַנ'ענטפער אויף די דאָזיגע רעדעס, האָט דער קיסר אַרויסגעלאָזען
געגען המון די וועלנער מיט ביקסען. 7 טויזענד מאַן האָבען
זיי אויסגעקוילעט, אַ הונדערט דערטרונקען אין טייך. און נאָך

אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם האָט מען אַלץ געפּאָרשט און גע׳משפּט, — נאָך אַ לאַנגע צײַט האָט מען אַלץ געשניטען צינגער, הענד, געהאַקט קעפּ. מאָסקווע איז אײַנגעשטילט געוואָרען. אָבער די אונצופרידענהײַט מיט דער מטבע־פעלשונג איז קלענער ניט געוואָרען די גאַנצע צײַט, ביז וואַנען די רעגירונג האָט ניט אויפגעהערט זי צו געברויכען...

פיעל די פאַלשע מטבעות האָט איבערהויפּט אַרויסגעלאָזען פּעטער דער I־טער צוליעב זײַנע מלחמות. שפּעטער האָט דער רעגירונגס־ראַטה זיך אַריסגעזאָגט געגען דיזע טהעטיגקײַט פון פּעטער דעם I־טען. אין רעגירונגס־ראַטה האָט מען געזאָגט: „די שרעקליכע צָרות מקיים, צו וועלכער די מל׳חמה מיט שוועדען האָט געבראַכט די מלוכה, האָט געצוואונגען דעם גרויסען מאָנאַרך זיך צו נעהמען פאַר צוא מיטעל, וועלכער דאַרף ניט אָנגעווענדעט ווערען. מ׳האָט פערדאָרבען אַ סך מעהר קופּערנע מטבעות, איידער פאַר זלע פריהערדיגע צײַטען". צוליעב דעם זענען פאָרגעקומען „אויסערגעוועהנליכע שוויר גקײַטען אין האַנדעלס־פערקעהר" און „די פאָלקאָמע רואינירונג פון פיעלע געזינדען". אַנ׳אַכטעל קאָרן האָט אין וואָלאָגדע אין סעפּטעמבער 1661־טען יאָהר געקאָסט אויף קופּער געלד 1 רובל 20 קאָפּיקעס און אין מאַי 1662־טען יאָהר — 25 רובל. ביז יעקאַטערינאַ דער II־טערס צײַטען פלעגט די רעגירונג צוליעב מל׳חמות נאָך אַלץ פערהעכערען די אָבצאָהלונגען און פעלשען די קופּערנע מטבעות. די מיליטער הוצאות האָבען זיך פערגרעסערט איבערהויפּט אין פּעטער דעם גרויסענס צײַטען, ער האָט רעפאָרמירט דעם פוכגעהענדען היל, אײַנגעפיהרט אַ פלאָט, געגרינדעט בעזונדערע שיפּ־בוי־קאָמפּאַניעס. אי די פערוואַלטונג, אי די דאָזיגע קאָמפּאַניעס האָבען זיך געפונען אין די הענד פון בעוואוסטע מלוכה־גנבים, פון וועלכע איינער איז געשטאָרבען מיט בזיון און קומער"... פּעטער האָט אַרײַנגעפיהרט שרעקליך גרויסע אומ׳ברחמנות׳דיגע שטײַערן. פריהער פלעגען די צינזען געצאָהלט ווערען פון די הויפען, און די לעצטע פלעגען צוליעב דעם זײַן געפּאַקז מיט מענשען. פּעטער האָט אײַנגעפיהרט קאָפּ־שטײַער און פערפפליכטעט יעדערן צו האָבען אַ פּאַס. די קאָפּ־שטײַער איז געגאַנגען אויף אויסצוהאַלטען די אַרמעע.

ווען יעקאַטערינאַ איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן, איז איהר

ערסטע אַרבייט געווען פערדאַרבען די מטבעות. נאָר דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל: אַלץ וואָס מ'האָט געקענט פער=דאַרבען איז שוין געווען פערדאָרבען. די רעגירונג האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען פּאַפּיר=געלד, איבערהויפּט צוליעב דעם, וואָס דער האַנדעל האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר ענטוויקעלט און געפאָדערט אַזעלכע געלד=צייכענס, מיט וועלכע עס זאָל זיין בעקוועם צו בענוצען זיך. אין אָנפאַנג האָט די רעגירונג אַ ביסעל מורא געהאַט פאַר דעם פּלאַן. דער סענאַט האָט אין יעליזאַוועטעס צייטען געזאָגט: „דאָס וועט זיין זעהר פערדעכטיג, ווען אָנשטאָט געלד וועלען אָנהויבען אומגעהן פּאַפּירלעך. און דערצו איז עס אויך געפעהרליך, דען דאָס קען אַרויסרופען זעהר שלעכטע רעד צווישען דער בעפעלקערונג. די קופּערנע פינפקאָפּיקענע האָבען זייער אינערליכען ווערטה: אַ פּוד קופּער קאָסט 8 רובל; די פּאַפּירלעך אָבער האָבען קיין שום אינערליכען ווערטה ניט". נאָך די דאָזיגע רעד זענען פערלאָפען 20 יאָהר. דער קיסר פּעטער דער III=טער האָט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער מלוכה=אוצר איז געווען פוסט און דאָס פאָלק פעראָרעמט, געהייסען זיך גרייטען צו מלחמה, כדי מיט געוואַלט אָבצונעהמען ביי דענעמאַרק די נחלאות, וואָס האָבען געהערט בירושה זיין מאַיעסטעט. קיין געלד איז אָבער ניט געווען, און מ'האָט בעשלאָסען אַרויסצולאָזען פּאַפּיר=געלד. אין דער קייזערליכער פעראָרדנונג פון 1762=טען פערשוויינט מען וועגען דעם אמת'ען ציעל, צוליעב וועלכען ס'ווערען אַרויסגעלאָזען די פּאַפּירענע געלד. דאָרטען איז מען מודיע: „מיר ווילען אַליין פון זיך געבען די דאָזיגע וויכטיגע גנאַדע דער גאַנצער אימפּעריע, און איבערהויפּט די סוחרים און קאָמערסאַנטען"...

נאָר די דאָזיגע פעראָרדנונג איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען, ווייל יעקאַטערינאַ האָט אַראָבגעוואָרפען פון טראָהן איהר מאַן און איז אַליין געוואָרען קייזערין. איהר רעגירונג האָט יעקאַטערינאַ אָנגעהויבען מיט אַזאַ מאַניפעסט: „דער מלוכה-אוצר איז רואינירט, ס'איז צו פיעל איבעריגע הוצאות און צוליעב דעם פערמעהרען זיך אין לאַנד מיאוסע מעשים". אין אַ בעזאָנדערס טרויעריגער לאַגע האָבען זיך געפונען די מלוכה-פינאַנסען. די קייזערין האָט מיט שרעק געקוקט אויף דעם און האָט געשריבען: „אַריינטרעטענדיג

אויפ'ן טראהן האב איך געפונען , דאס די ארמעע אויפ'ן פרייסישען גרענעץ איז מען נאך שולדיג צוויי דריטעל געהאלט און אז אין דער מלוכה-קאנטאר זענען די קייזערליכע פעראָרדנונגען וועגען ארויס= געבען 17 מיליאן — ניט דורכגעפיהרט געווארען . כמעט אלע האנדעלס=צווייגען זענען איבערגעגעבען אלס מאנאפאל צו פרי= וואטע מענשען . אלע צאלהייזער (טאמאזשנעס) זענען פערדונגען אין פאכט פאר צוויי מיליאן . 60 מיליאן מטבעות, וואס זענען געבליבען אין דער אימפעריע האבען 12 פערשידענע וואג". ניט בעסער איז אויך געוועזען די פינאנץ=פערוואלטונג: די צענטראל- רעגירונג האט ניט געוואוסט, וויפיעל די מלוכה קלייבט צוזאמען אבצאהלונגען פון איהרע אונטערטהאנען , דער סענאט האט בע= רעכענט 16 מיליאן, נאר אז מ'האט קאנטראלירט די רעכנונגען , האט זיך ארויסגעוויזען 28 מיליאן . אזא גרויסער אונטערשיעד אין די רעכנונגען, ערקלערט זיך נאר מיט דעם ווילקיר פון די געלד- דורסטיגע בעאמטע .

יעקאטערינא האט געמוזט גלייך ביי איהרע ערשטע שריט אנהויבען צו קעמפפען געגען דעם אויסגעלעדיגטען מלוכה-אוצר . פריהער פאר אלץ האט מען אנגעהויבען צו העכערען די שטייערן . יעקאטערינא, וועלכע האט זיך אויף יוערטער ארויסגעשטעלט פאר= ליבעראל, האט מיט גדלות געשריבען דעם פראנצויזישען פילאזאף וואלטער : „אונזערע שטייערן זענען א זעלכע לייכטע, אז איהר וועט אין רוסלאנד ניט געפינען קיין פויער , וואס זאל ניט האבען קיין הוהן , ווען עס זאל זיך איהם דאס פערגלוסטען, און אין דער לעצטער צייט האט ער אנגעהויבען צו בראקירען מיט א הוהן אויך ; איהם געפעלט בעסער א אינדעצקע" . אין דער זעלבער צייט האט מען אין מלוכה=ראטה אויסגערעכענט , אז אין 1789-טען יאהר האט „יעדער פויער, סיי אלט, סיי יונג , געצאהלט פון 8 ביז 10 רובל שטייערן".

גרייטענדיג זיך צו דער צוטהיילונג פון פוילען, האט די רע= גירונג געקלערט אנצושמעלצען פאלשע פוילישע מטבעות . גרייטענ= דיג זיך צו דער ערסטער טערקישער מלחמה און רעכענענדיג דער= ביי , אז ס'וועט ניט קלעקען קיין געלד , אויף איינצוקויפען פראָ= וויאנט , האט די רעגירונג בעשלאסען, אויף דעם שטייגער פון 1737-טען, יאהר, פערוועהרען אין קליין=רוסלאנד צו טרייבען

בראַנפען, פערפפליכטען אַלע איינוואָהנער צוצושטעלען פּראָוויאַנט, און יעדערן, וואָס וועט צושטעלען די געפאָדערטע פּראָוויאַנטען, ערלויבען צו טרייבען בראַנפען. דעם זעלבען וואָלטער האָט יעקאַטערינאָ געשריבען: „אמת, ביי אונז איז אַ מלחמה, אָבער רוסלאַנד בעשעפטיגט זיך שוין לאַנג מיט דער דאָזיגער מלאכה, און נאָך יעדער מלחמה געהט זי אַרויס אַ זיעגערין". אָבער די דאָזיגע „מלאכה" האָט געקאָסט זעהר טהייער. יעקאַטערינא'ס רעגירונג האָט שטענדיג געהאַט איין דאגה: וואו קריגט מען געלד. אין די ערשטע רעגירונגסיאָהרען האָט יעקאַטירינאַ פּראָוואָרפען דעם פּראָיעקט אַרויסצולאָזען פּאַפּיר־געלד, נאָר פיהרענדיג אונאויפהערליכע מלחמות, האָט זי לסוף זיך בעשלאָסען אַרויסצולאָזען פּאַפּירלעך. דער צוועק פון די פּאַפּיר־געלד איז קלאָר. פאַר זיך האָט די רעגירונג געשריבען אַזוי: „אַרויסלאָזען פּאַפּיר־געלד אויף צו פיהרען די הוצאות פון דער ערשטער קאָמפּאַניע"; פאַר'ן פאָלק אָבער האָט זי ערקלערט אין אַ פייערליכען מאַניפעסט: „מיר טרעטען מיט פערגעניגען צו צו דער גרינדונג פון טויש־באַנק אין אונזער אימפּעריע און מיר האָפען, אַז! דערמיט גיבען מיר אַלע אונזערע טרייע אונטערטאַנען אַ בעווייז פון אונזער מוטערליכער השגחה".

יעקאַטערינא האָט געפיהרט זעהר גרויסע מלחמות — צוויי מיט טערקיי, איינע מיט פוילען און איינע מיט שוועדען. די מיליטער־הוצאות זענען געוואַקסען פון יאָהר צו יאָהר. דאָס פאָלק האָט געשמאַכט אונטער דעם לאַסט פון די אָבצאָהלונגען. פּאַפּיר־געלד איז געווען דער איינציגער אויסוועג פאַר דער עהרגייציגער און קריעגס־דורסטיגער רעגירונג. דאָס האָבען זעהר גוט פערשטאַנען די אויסלענדער פון יענער צייט. דער ענגלישער קאָנסול האָט בעריכטעט זיין רעגירונג: „מורא האָבענדיג אַז אַ נייער שטייער אויף דורכצופיהרען די עהרזוכטיגע פּלענער, וואָס וועלען קיין נוצען ניט ברייננגען דער מלוכה, זאָל ניט ווירקען שעדליך אויף די מוחות פון איהרע אונטערטהאַנען, וויל ניט יעקאַטערינאַ זיך ווענדען צו אַזאַ מיטעל, חאָטש אין גאַנץ אייראָפּא לייגט מען ניט אַזוי לייכט אַרויף שטייערן, ווי דאָ אין רוסלאַנד. זי ווייס אָבער אַז עס איז אונמעגליך צו קריגען געלד אין אַ מלוכה, וואו ס'איז ניטאָ קיין באַנקירען, קיין בעדייטענדע געלד־מענשען און כדי ווי ס'איז זיך אַרויסצודרעהען פון דער שווערער לאַגע, צו וועלכער מען איז

פריהער געווען זאָרגלאָז, קלערט יעקאַטערינאַ זיך צו ווענדען צו צוויי שעדליכסטע מיטלען: אַרויסלאָזען מטבעות, וואָס זאָלען האָבען אַ קלענערען ווערטה, ווי דער, פאַר וועלכען זיי געהן, און פערגרעסערען די סומע פון פאַפיר־געלד". אַרויסלאָזענדיג די ערסטע אַסיגנאַציעס האָט יעקאַטערינאַ פערשפּראָכען זיי אויסצו= בייטען, אַנערקענענדיג די אַרויסגעלאָזענע פאַפיר־געלד אַלס אַ מלוכה=חוב, און מיט איהר קייזערליכען וואָרט האָט זי פייערליך מבטיח געווען, אַז קיין נייע פאַפיר־געלד וועט ניט אַרויסגעלאָזען ווערען. נאָר פיהרענדיג שטענדיגע מלחמות, האָט יעקאַטערינאַ איהרע פערשפּרעכען ניט געקענט האַלטען. צוערשט האָט זי אַרויס= געלאָזען אַסיגנאַציעס אויף 20 מיליאָן, נאָכהער נאָך 100 מיליאָן, און ווידער אַ צוזאָג, אַז קיין נייע געלד וועט ניט אַרויסגעלאָזען ווערען און ווידער און ווידער נייע פאַפירלעך. צו ענדע פון איהר רעגירען איז געווען אַרויסגעלאָזען פאַפירלעך אויף 157,703,640 רובל. אַזוי ווי די פאַפירלעך זענען אומגעגאַנגען נאָר אין לאַנד גופא און אויף די מלחמה הוצאות האָט מען געדאַרפט האָבען אמת'ע געלד, האָט די רעגירונג פערשווענדעט די פאָלקס־ אָבשפּאָרונגען, וואָס זענען געלעגען אין אַלערליי קאַסעס און בּיינק. אויף אַזאַ אופן זענען די גוטע געלד פערבּיטען געוואָרען אויף שלעכטע, וואָס פלעגען כסדר פאַלען אין זייער מקח. דאָס זעלבּע האָבען געטהאָן יעקאַטערינעס נאָכפאָלגער. פאַפיר־געלד פלעגט מען איבּערהויפּט אַרויסלאָזען אויף קריעגס־הוצאות: פּאַוועל דער ערסטער האָט פאַרפיהרט מיט פראַנקרייך אַ מלחמה, וועלכע האָט קיינע נוטצען ניט געבּראַכט די אינטערעסען פון רוסלאַנד, ער האָט איבּערגענומען אויף זיך די חובות פון פּוילישען קעניג, ער האָט אויסגעהאַלטען די קיסרים, וועלכע האָבען פערלאָרען זייער טראָהן. בּעת זיין רעגירונג האָט־מען פאַר אַ קורצע צייט אַרויס= געלאָזען פאַפיר־געלד אויף 54. 985,695 רובל.

די אונגעהויערע סומען פלעגט מען אויסגעבּען, אָהן אַ שום רעכנונג, אָהן אַ שום קאָנטראָל. ס'איז ניט געווען קיין שום אָרדנונג אין דער מלוכה־פיהרונג. אַלעקסאַנדער דער 1טער האָט געשריבּען וועגען די אָרדנונגען אין זיין פאָטערס צייטען: „די מלוכה־ענינים זענען געווען אָבּגעלאָזען... אין די לעצטע יאָהרען פון יעקאַטערינע'ס רעגירונג איז געווען וועניג אָרדנונג, נאָר ווען דער פאָטער מיינער

איז אַרויף אויפ'ן טראָהן, האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל צו פערניכטען אַלץ, וואָס האָט עקזיסטירט ביז איצט. די ביסעל אָרדנונג, וואָס איז געווען האָט ער פערניכטעט און קיין אַנדערע אויף זיין אָרט ניט איינגעפיהרט". בעטראַכטענדיג די בעאַמטע, וואָס זענען געווען אַרום איהם, האָט אַלעקסאַנדר געשריבען: „אַלע ראַבּעווען, מ'קען כמעט ניט טרעפען אַנ'ערליכען מענשען. דאָס איז שרעקליך!" אין יעקאַטערינעס צייטען האָט זיך אויפגעהויבען אַ פּראָצעס וועגען די בעאַמטע-גנבים אין איין וויאַטקער גובערניע. האָט מען צוזאַמענגענומען 3900 אַזעלכע. די גרויסע גנבים זענען — ווי ס'פיהרט זיך שוין — נעלם געוואָרען. דער קייזערינס ליבּלינג, פאָטיאָמקען האָט אָנגעפיהרט די דרום אַרמעע און פלעגט בעקומען אונגעהויער-גרויסע סומעס געלד. ביי זיין לעבען האָט קיינער ניט געוואַגט אָבּנעהמען ביי איהם רעכנונג, נאָך זיין טויט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז איהם איז אַרויסגעגעבען געוואָרען ביז 51 מיליאָן רובּל פון דער מלוכה. לויט די חשבונות, וואָס מען האָט געפונען, האָט ער געדאַרפט אויסגעבען ניט מעהר ווי 45 מיליאָן. מזומנים האָט מען געפונען ביי איהם $3\frac{1}{2}$ מיליאָן, אויף 1 מיליאָן האָט געפעהלט דאָקומענטען, און וואו איז אַהינגעקומען דער 1.391.444 רובּל, ווייס מען עד היום ניט. נאָר מ'האָט זיך נאָר דערוואוסט, אַז דער אַלמעכטיגער הערשער האָט ניט געפיהרט קיין חשבונות, זיינע אייגענע געלד און די מלוכה-געלד האָט ער געהאַלטען אין איין בייטעל און פלעגט זיי אויסגעבען, ווי ס'איז אויסגעקומען.

אין אַלעקסאַנדר דעם 1-טענס צייטען האָט דער פּאַפּירענער רובּ'ל שוין געקאָסט 33 קאָפּ. דאָס פאָלק האָט זיך פריהער געקוועלט ניט נאָר אונטער דעם יאָך פון לייבאייגענטהום, נאָר אויך אונטער דעם לאַסט פון די שטייערן. דאָס גאַנצע לעבען און טהעטיגקייט פון די נידעריגערע בעפעלקערונגס-קלאַסען איז בעשטאַנען פון קאַטאָרזשנע אַרבייט, כדי צו ערפילען זייערע פפליכטען געגען די פּריצים און די התחיבות געגען דער מלוכה. ס'איז נויטווענדיג געווען אַריינצופיהרען גרונדליכע רעפאָרמען און אָנשטאָט דעם האָט די רעגירונג זיך אַריינגעצויגען אין אַ מלחמה מיט נאַפּאָלעאָן. די דאָזיגע מלחמה איז געווען זעהר אַ שווערע, ווייל געפיהרט האָט זי זיך ניט אויפ'ן גרענעץ פון לאַנד, נאָר אין לאַנד

גוּפא , כדי צוּ דעֶקעֶן דִי קרִיעֶגס־הוֹצאוֹת , אִיז געֶגלִיבעֶן אֵיין מִיטעֶל : אַרוֹיסלאָזעֶן פאַפִּיר־געֶלד אוּן אַרוֹיסנעֶהמעֶן פוּן דִי בַּייַנק דִי סוּמעֶן, וואָס זעֶנעֶן דאָרט געֶלעֶגעֶן . דִי מלחמה האָט זִיךְ אָנ־געֶפאַנגעֶן אִין 1812־טעֶן יאָהר און זִיךְ געֶעֶנדִיגט אִין 1815 יאָהר. פאַר דעֶר צַייט האָט מעֶן אַרוֹיסגעֶלאָזעֶן אוֹיף 243 מִיליאָן רוּבּל אַסִיגנאַצִיעֶס און סךְ־הכל זעֶנעֶן אוּמגעֶגאַנגעֶן אִיבּעֶר דִי הענדר 836 מִיליאָן פאַפִּיר־געֶלד . דעֶר פאַפִּירעֶנעֶר רוּבּל האָט געֶהאַט דעֶם ווערטה פוּן 30 קאָפּ. זִילבּעֶר . אוֹיף דִי מלחמה האָט מעֶן אוֹיסגעֶגעֶבּעֶן דאָס געֶלד , וואָס געֶהעֶרט דִי שטעֶדט, דִי עֶרצִיהוּנגס־הַייזעֶר , און דִי צִיווִיל־אַיינרִיכטוּנגעֶן . אַזוֹי ווִי דִי מלחמה צווִישעֶן אַלעֶקסאַנדר דעֶם 1־טעֶן מִיט נאַפּאָלעֶאָן דעֶם 1־טעֶן אִיז געֶווען נוּצלִיךְ פאַר עֶנגלאַנד, האָט זִי געֶשטִיצט אַלעֶקסאַנדר דעֶם 1־טעֶן מִיט געֶלד .

ווען דִי מלחמה האָט זִיךְ געֶעֶנדִיגט , אִיז רוּסלאַנד געֶווען פאָלקאָם רוּאִינִירט. ס׳אִיז ווִידעֶר אַרוֹיסגעֶטראָטעֶן דִי פראַגעֶ ווענעֶן דִי נוֹיטווענדִיגקַייט אַרַיינצוּפִיהרעֶן בּרַייטעֶ רעֶפאָרמעֶן , מ׳האָט געֶמוּזט בּעֶפרייעֶן דִי פוֹיעֶרשעֶ האָרעֶוואַניעֶ פוּן דעֶר לַייבּאֵייגעֶנשאַפט, מ׳האָט געֶמוּזט פעֶרגרִינגעֶרעֶן דִי לאַסט פוּן דִי שטַייעֶרן ,— מ׳האָט געֶדאַרפט פִיעֶלעֶס אוֹיפטהאָן, אָבּעֶר מ׳האָט אוֹיפגעֶטהאָן נוּר אֵיין זאַךְ : מ׳האָט אָבּגעֶשאַפט דִי פאַפִּירעֶנעֶ רוּבּל׳ס, וועלכעֶ מ׳האָט נִיט געֶקענט בַּייטעֶן און מ׳האָט אַנשטאָט זֵיי אַיינגעֶפִיהרט זִילבּעֶרנעֶ. אִיבּעֶר רוּסלאַנד האָט רעֶגִירט נִיקאָלאַי דעֶר 1־טעֶר. אַלעֶ האָבּעֶן געֶווִיס געֶהעֶרט ווענעֶן דִי שטרעֶנגעֶ „נִיקאָלאַי־צַייטעֶן״ . רוּסלאַנד אִיז אוּנטעֶר דעֶם יאָךְ פוּן פאָלִיצֵייאִישעֶן רעֶזשִים ווִי אָבּגעֶשטאָרבּעֶן; יעֶדעֶן פרַייעֶן געֶדאַנק האָט מעֶן געֶשטִיקט נאָךְ אִין קערן . דאָס פאָלק האָט נִיט בּעֶקוּמעֶן נִיט קַיין פרַייהַייט , נִיט קַיין לעֶהר־שוּהלעֶן. צוּזאַמעֶן מִיט דעֶר גאַנצעֶר געֶזעֶלשאַפט האָט עֶר געֶשלעֶפט דעֶם לאַסט פוּן זַיין טרוֹיעֶרִיגעֶר עֶקזִיסטעֶנץ . געֶלעֶבּט אִין נחת האָבּעֶן נאָר דִי פּרִיצִים און אוֹיךְ דִי בּעֶאַמטעֶ, וועלכעֶ האָבּעֶן בַּיי דעֶר פאָלִיטִישעֶר פִינסטעֶרנִיש זעֶהר ווַייט פעֶרשפרַייט דעֶם נעֶץ פוּן כאַבּאַר . אַרוּם האָט געֶהעֶרשט אַ טוֹיטעֶ שטִילקַייט, וועלכעֶ פלעֶגט געֶשטעֶרט ווערעֶן נאָר דוּרךְ דעֶם ווִילדעֶן בּרוּמעֶן פוּן דעֶר פאָלִיצֵיי . אָט דאָס האָט זִיךְ אָנגעֶרוּפעֶן אָרדנוּנג . בַּיי אַזאַ לאַגעֶ האָט רוּסלאַנד בּעֶגעֶגעֶנט דִי בּעֶוואוּסטעֶ קרִימעֶר מלחמה . געֶגעֶן

רוסלאַנד, אין וועלכער אַלץ איז געוועזן דערשטיקט אונטער דעם שווערען לאַסט פון שקלאַפערײַ און ווילקיר, זענען אַרויסגעטראָטען די אייראָפּעאישע מלוכות, און רוסלאַנד האָט געהאַט אַ שענדליכע מפּלה, אויסגעבענדיג דערבײַ 540 מיליאָן רובל, וועלכע זי האָט ערוואָרבען דורך די אַלטע מיטלען: דורכ'ן אַרויסלאָזען פּאַפּיר-געלד און פערשווענדען די סומען, וואָס זענען געווען אַרײַנגעלעגט אין די בײַנק.

ביז דער דאָזיגער מפּלה האָט די רעגירונג זיך געהאַלטען פאַר אונבעזיעגבאַר: זי פלעגט אויסגעבען אַ העלפט פון די מלוכה-הכנסות אויף חיל און האָט געמיינט, אַז מיט געוועהר קאָן מען אַלץ אויספיהרען. דאָס איז אָבער געווען אַ ביטערער טעות. די אַרבײַט פון די לײַב-אייגענע, אויף וועלכע די דאַמאָלסטיגע רעגירונג האָט זיך געשטיצט, האָט ניט געקענט בײַשטעהן געגען די פרײַע אַרבײַט, וואָס האָט געהערשט אין אייראָפּאַ. די מלוכה-מאַכט, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די עקאָנאָמישע פערהעלטניסען פון דער לײַבאייגענשאַפט, איז געווען אונטערגעגראָבען. דאָס לעבען האָט צו שטאַרק, צו מעכטיג געפאָדערט די בעפרײַאונג פון דער אַרבײַט און, אַלס ענטפער אויף די דאָזיגע פאָדערונג זענען דורכ-געפיהרט געוואָרען די רעפאָרמען פון די 60-ער יאָהרען.

די אומגליקליכע קרימער מלחמה האָט צו דײַטליך בעוויזען, אַז רוסלאַנד מוז בענײַט ווערען דורך רעפאָרמען. דעם דאָזיגען געדאַנק האָט אויך דיקטירט דער קלעגליכער צושטאַנד פון די מלוכה-פינאַנסען. דאָס לײַבאייגענע רוסלאַנד האָט געגעבען צו קנאַפּע הכנסות דער ווירטשאַפט, וואָס האָט געהאַלטען אין ענטוויקלען זיך. די רעפאָרמען, וואָס מ'האָט אײַנגעפיהרט אין די 60-ער יאָהרען, האָבען בעשאַפען אין אַ געוויסען גראַד גינסטיגע בעדינגונגען פאַר די ענטוויקלונג פון די פינאַנס-פערהעלטניסען. די לעצטע טערקישע מלחמה האָט שוין בעוויזען, אַז די אַרבײַט פון פרײַע מענשען איז בעסער און פּראָדוקטיווער איידער די אַרבײַט פון לײַבאייגענע, אַז די פינאַנסען, וועלכע שעפּען זייער אונהאַלט פון די בעפרײַטע עקאָנאָמישע קרעפטען, קענען אויך פרײַ אַריבער-טראָגען גרויסע אָנשטרענגונגען.

פאַר דעם אָנפאַנג פון דער טערקישער מלחמה פון 1877 יאָהר האָט די רעגירונג געפרובט לײַהען געלד אין אויסלאַנד; זי

הלואה איז געמאַכט געוואָרען אויף אַזעלכע שלעכטע בעדינגונגען, וואָס זענען געווען אַ בעלייריגונג פאַר די ווערדע פון דער גרויסער אימפעריע. די אינערליכע הלואה האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט, האָטש דער מאָסקיוער אַדעל אין די סותרים האָבען פערשפּראָכען דעם קיסר זייער שטיצע. דער פינאַנס-מיניסטער איז געווען געגען דער מלחמה און האָט זיך אָנגעגעבען אין דעמיסיע. דער ראַטה פון קאָמפּעטענטע מענשען, וואָס דער קיסר האָט צוזאַמענגערופען, איז אויך געווען געגען דער מלחמה, ווייל ער האָט אויך אויס-גערעכענט, אַז ס'איז ניטאָ קיין געלד מיט וואָס איהר צו פיהרען. מ'האָט געקענט אַרויסלאָזען פּאַפּיר-געלד; מ'האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס וועט ברייגגען זעהר טרויעריגע פאָלגען. ניט קוקענדיג אויף אַזאַ אָפּאָזיציע, האָט אַלעקסאַנדר דער II-טער פאָרט ערקלערט אַ קריעג. מ'האָט אַרויסגעלאָזען אַ גרויסע סומע פּאַפּיר-געלד: סך-הכל איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען 1 מיליאַרד 200 מיליאָן רובל פּאַפּיר-געלד. דער קורס פון פּאַפּירענעם רובל איז געפאַלען. צוליעב דעם פאַלען אין קורס האָט די רעגירונג אין דער צייט פון דער מלחמה פערלאָרען ביז 340 מיליאָן רובל. אויס דער געשיכטע פון די רוסישע פינאַנסען ווייסען מיר, אַז פריהער ווען מ'פלעגט אַרויסלאָזען אַ מאַסע פּאַפּיר-געלד פלעגט דער קורס פון רובל פאַלען ביז 20 קאָפּ. פאַר וואָס פרעגט זיך איז אין דער צייט פון דער טערקישער מלחמה פערהעלטניסמעסיג דער קורס פון פּאַפּירענעם רובל געשטאַנען גאַנץ שטייף? דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פינאַנסען האָבען זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען ביי נייע עקאָנאָמישע בעדינגונגען: די לייבאייגענטהומס-ווירטשאַפט האָט געהאַלטען אין פאַלען; אויף די חורבות פון דער נאַטורעלער ווירטשאַפט האָט אָנגעהויבען אויסצואוואַקסען אַ געלד-ווירטשאַפט. דאָס לאַנד מיט די אויפגעלעבטע עקאָנאָמישע אומשטענדען האָט פאַרווענדט אין איהר פערקעהר אַ מאַסע געלד אין דערמיט אַ נטע-געהאַלטען דעם קורס פון דעם פּאַפּירענעם רובל.

די טערקישע מלחמה איז געווען די לעצטע, וואָס איז געפיהרט געוואָרען מיט דער הילף פון פּאַפּיר-געלד.

## III.

די הײנטיגע מלחמות פיהרט מען איבערהויפט אויף דעם רעכנונג פון מלוכה=קרעדיט. די מלוכה לײהט גרויסע סומען געלד בײ קאפיטאליסטען און אויף דעם געליהענעם קאפיטאל ארגאניזירט זי די גראנדיעזע מלחמות. ווען מ'פיהרט א מלחמה אויף דאס אייגענע געלד, אויף דעם אײנטראג פון פאלשע מטבעות אין פון פאפיר=געלד, וואס מ'לאזט ארויס, רופען זיך גלייך אב אויף דער פאלקס=ווירטשאפט די טרויעריגע רעזולטאטען פון דער מלחמה. נאר אין די מלחמות אויף געליהענע געלד לאזען זיך די רעזולטאטען פיהלען ניט מיט א מאל, נאר אין א משך פון א לענגערער צייט. די אבצאהלונגס=לאסט ווערט שווערער פון יאהר צו יאהר צוליעב די נײע הלואות, צוליעב די פראצענטען, וואס מ'דארף פאר זיי צאהלען; די הוצאות פון איין מלחמה צאהלען אוים פיעל דורות. לויט דעם ביודזשעט=רעיסטער דארף די הלואה, וואס מ'האט געמאכט אין 18=טען יאהר־הונדערט צוליעב דער ערשטער מלחמה מיט טערקיי, אויסגעצאהלט ווערען אין 1919=טען יאהר. מ'קען זיך פארשטעלען, ווי לאנג מען וועט דארפען צאהלען די חובות, וואס מ'האט געמאכט צוליעב דער מלחמה מיט יאפאן!...

די רוסישע רעגירונג האט שוין פון לאנג אן פערשטאנען, אז מלחמות לוינט צו פיהרען אויף געליהענע געלד. די מעגליכקייט צו מאכען הלואות אויפ'ן חשבון פון פאלק בינדט פאנאנדער דער רעגירונג די הענד אין איהרע אונטערנעהמונגען און גיט איהר א נײע שרעקליכע מאכט צו פערשקלאפען דאס פאלק. לײהענדיג געלד, פערשטארקט די רעגירונג דעם פלאט און די חיל און ברײנגט זיי צו אזא מדרגה, צו וועלכער זי וואלט זיי קיינמאל ניט געקענט ברײנגען פאר דאס געלד, וואס ווערט צוזאמענגעקליבען דירעקט פון פאלק. אזעלכע גרויסע סומען געלד, וואלט דאס בעטלערישע פאלק ניט געקענט געבען...

דער קיסר אלעקסיי האט אויך געפרובט לײהען געלד בײ די אויסלענדער, נאר מ'האט איהם ניט געגעבען, ווײל דאס דאמאלסט=דיגע רוסלאנד האט איבערגעלעבט די בליהונגס=צייט פון דער עכטער נאטורעלער ווירטשאפט, ווען אין לאנד איז געווען צו ווענינ סחורות און געלד. אין אונזערע תבואות האט זיך די דאמאלסטדיגע אייראפא נאך ניט גענויטיגט; זי האט געהאט איהרע

אייגענע תבואות; דער האנדעל מיט אנדערע סחורות האט זיך ביי אונז נאך ערשט אנגעפאנגען. אויך יעליזאוועטא האט ניט געקענט בעקומען אין אויכלאנד קיין געלד. און נאר אין יעקאטערינא דער II-טערס צייטען האט מען געמאכט די ערסטע הלואה. צו דער צייט האט דאס עקאנאמישע לעבען זיך אנגעהויבען אויפצומונטערען; די סוחרים האבען זיך בעקלאגט, אז ס׳פעלט אוים מטבעות, אז די קופערנע מטבעות זענען צו שווערע; זיי האבען געבעטען די רעגירונג זי זאל גרינדען בייק און קרעדיט-בילעטען. נאר אויך צו דער צייט האט רוסלאנד נאך ניט געהאט קיין מלוכה-קרעדיט אין ענגען זין פון ווארט. יעקאטערינא האט בעקומען ביי די האלענדישע באנקירען ניט קיין גרויסע סומעס געלד אונטער א ספעציעלער גאראנטיע. געוועהנליך גיט מען א מלוכה געלד אהן יעדע גאראנטיע. די רעגירונג האט אויך ניט געהאט קיין אינער-ליכען קרעדיט; ס׳איז נאך ניט געוועזען אין לאנד קיין קאפיטאלים-טען, וועלכע האנדלען מיט געלד, ווי מיט אנדערע סחורות. ס׳זענען געוועזען פיעל פערזאנען, וואס האבען געהאט קליינע ער-שפארונגען, וועלכע זיי פלעגען א ריינלייגען אין די מלוכה-ביינק, פון וואנען די רעגירונג פלעגט זיי אליין ארויסנעהמען און פערשווענ-דען. אין דער צייט פון דער מלחמה מיט נאפאלעאן, האט אלעק-סאנדר דער 1-טער ניט געקענט קריגען צו לייהען קיין געלד, ווייל דאמאלס האט גאנץ אייראפא געפיהרט מלחמות: ס׳איז ניט געוועזען ביי וועמען צו לייהען. די מלחמות מיט פערסיען, פוילען און קאווקאז האט מען געפיהרט אויף דעם חשבון פון די געלד, וואס איז געוועזען צריינגעלייגט אין די ביינק, און מיט די צוויי הלואות פון 1828 און 1829 יאהר. דיביידע הלואות זענען אויך געמאכט געווארען אונטער א ספעציעלער גאראנטיע. אין 1848-טען יאהר, ווען אין מערב אייראפא האט אויפגעפלאקערט די רעוואָ-לוציע, וועלכע האט דארט פערניכטעט די זעלבסטהערשאפט פון די קיסרים, האט רוסלאנד אנגעהויבען זיך צו גרייטען צו א מלחמה, אבער לייהען געלד אויף די דאזיגע מלחמה האט די רעגירונג ניט געוואגט. זי האט מודיע געווען, דאס זי לייהט געלד, כדי דורכ-צופיהרען אייזענבאהן-וועגען. אין דער צייט פון קרימער מלחמה האט רוסלאנד שוין ניט געקענט מאכען קיין הלואות: מ׳האט

איהר ערשטענס, ניט געטרויט, און צווייטענס האט זי געפירט די מלחמה מיט די רייכסטע מלוכות פון אייראפא.

נאך דער טערקישער מלחמה פון 1877־טען יאהר האט די רוסישע רעגירונג זיך אבגעזאגט פון וועלכע ניט איז רעפארמען. די געזעלשאפט ווערט געשעבענט פאר ניט דערוואקסען, פאר דעם פאלק בלייבט די ראלע פון א מעלקעריגער קוה, וועלכע ס'איז גאר איבעריג צו פיטערען מיט היי. ס'פאנגט זיך אן א טיעף־רעאקציאנערער פעריאד אין רוסישען לעבען. די צארישע זעלבסט־הערשונג ווערט אין די הענד פון אלעקסאנדר דעם III־טען א שטארקער פאליציייאישער יאך, וועלכער שטיצט זיך אויף דעם אונגעהייער גרויסען חיל און פלאט. די רעגירונג פראטעזשירט דעם אדעל און די פאבריקאנטען. ס'ווערען געמאכט גרויסע הלואות, כדי דורכצופיהרען אייזענבאהן־וועגען צוליעב אינדוסטריעלע און קריעגס־צוועקען. די אינדוסטריע געהאט גערן אויף געהאלט צו דער מלוכה; ס'ענטוויקעלט זיך די שווארצע ארמעע פון דער ביוראקראטיע. די רעגירונג פרובט זיך שטיצען אויף צוויי קלאסען: אויף'ן אדעל, וועלכען מען איז מקריב די פויערים און די גרויסע געלד־סומען פון דעם אדעל־באנק, און אויף דעם אינדוסטריעלען קלאס, וועלכער ווערט אונטערשטיצט דורך אפענע און געהיימע גמילות־חסדים, פריווילעגיעס און נדבות. איינפיהרענדיג ביי זיך אין דער היים די „קאפיטאליסטישע אייראפא", האט די רעגירונג צורייצט די אפעטיטען פון די קאפיטאליסטען; זיי צו בעפרידיגען סטייען קוים די הלואות, וואס די רעגירונג מאכט. די מלוכה בעשטעלונגען שלינגען איין אונגעהייערע סומעס געלד. שנעל וואק־סען אין רוסלאנד די פאבריקען און זאוואדען און נאך שנעלער די ארעמקייט אין די נידעריגע פאלקס־שיכטען. אויף די אויסערליכע פאליטיק האט רוסלאנד א גרויסען איינפלוס צוליעב איהר אונגעהייערער ארמעע און פלאט. אין לאנד גופא האט די זעלבסטהער־שונג דאכט זיך פאלקאם דערשטיקט יעדען געדאנקען, יעדע בעוועגונג די טויטע שטילקייט, וואס הערשט אין לאנד — דאס רופט מען אן א פאלקאמע ארדנונג. די קאפיטאליסטען פון מערב־אייראפא האבען געטרויט דער רעגירונג און געגעבען געלד. די שטייערן זענען געווארען וואס פון יאהר שווערער. דער הונגער פון 1891־יאהר האט בעוויזען אז דער גלאנץ פון דער אימפעריע איז גיכער

פון אַלץ עֶהנליך צו דעם פינקלען פון אַ פוילען האָלץ. נאָר אויף די רעגירונג האָט דער הונגער קיין איינדרוק ניט געמאַכט. מורא האָבענדיג, אַז די אָפּטע הונגערצייטען פון פאָלק זאָלען ניט מאַכען קיין שלעכטען איינדרוק אויף די שטימונג פון אייראָפּא, וואָס גיט דאָס געלד, זוכט די רעגירונג אויף אַלערליי אופנים צו פערדעקען פון דער עפענטליכקייט די דאָזיגע שרעקליכע בילדער. אויף די פרעסע ווערט אַרויפגעלעגט אַ שטאַרקערער צוים; די איינפלוסרייכע צייטונגען פון מערב־אייראָפּא ווערען אונטערגעקויפט מיט דעם רוסישען געלד; אין לאַנד גופא ווערט גלייך בעשטראָפט יעדערער, וואָס רעדט דאָס, וואָס ער מיינט, וועגען דעם, וואָס ער זעהט: מען רויבט איהם זיין פרייהייט און אַמאָל אויך דאָס לעבען...

דער יאָך פון ווילקיר האָט געשטיקט אַלעמען און אַלעס... העלפענדיג מיט גמילות־חסדים, בעשטעלונגען און פריווילעגיעס דער ענטוויקלונג פון די פאַבריקען און זאַוואָדען האָט די רעגירונג צו דער זעלבער צייט אויסגעבויט אויפ'ן וועג פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג אַן אומ'איבערווינדליכע וואַנד אין דעם געשטאַלט פון דעם פעראָרעמטען אינערליכען מאַרק. די גרונד־בעפעלקערונג איז וואָס פון יאָהר געוואָרען אַלץ אָרעמער, די פאַבריק־פּראָדוקטען האָבען ניט געפונען קיין קויפער אין לאַנד גופא. אָהן אַ מאַרק האָט אָבער די אינדוסטריע ניט געקענט עקזיסטירען. פיהרען די סחורות אין מערב אייראָפּא האָט מען ניט געקענט: דאָרטען זענען די מערק בעלעגערט געוועזען מיט אייגענע סחורות, ביליגערע און בעסער־אויסגעאַרבייטע. נאַטירליך האָט מען זיך געמוזט ווענדען צום מזרח, כיווא, בוכאַראַ, פערסיען, מיטעל־אַזיען זענען געוואָרען די צענטרען, אויף וועלכע אונזער רעגירונג, וואָס האָט זיך אַזוי ענג פערבונדען מיט די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען, האָט געווענדעט איהר אויפמערקזאַמקייט און אויף וועלכע זי האָט געזוכט צו פערשפּרייטען איהר איינפלוס. אָבער אין די דאָזיגע ראַיאָנען האָבען די רוסישע זיך אַ מעטים אָנגעשטויסען אויף ענגלאַנד. ענגלאַנד איז אַ געפעהרליכער קאָנקורענט; מיט איהר האָט מען געמוזט אויסקומען אָהן אַ מלחמה, כאָטש מ'האָט געזעהען שטאַרק פאַנאַנדערצובלאָזען דעם פלאַם פון פיינדשאַפט צו ענגלאַנד.

ניט האָפענדיג אויף אַ ברייטען פלאַטץ אין דעם מהיל אַזיען, האָט די רעגירונג אָנגעהויבען דורכצוברעכען וועגען און אויסוועגען

צום גרויסען אָקעאַן. דער וועג איז געלעגען דורך סיביר. סיביר האָט בעקומען אַן' אייזענבאַהן־וועג. מען איז געגאַנגען ווייטער, קיין מאַנדזשוריען. לייהענדיג יעדען יאָהר געלד, אויסברענגענדיג זיי אויפ'ן פערברעכערישסטען אופן אָהן אַ קאָנטראָל, אָהן אַרעכנונג, נעהמט זיך די רעגירונג אונטער דער מאַסקע פון אַפּריוואַט־קאָמפּאַניע, בויען די מאַנדזשורער וועג, אַ גאַנצע שטאָדט דאַלני, בעוואָפנען אַרטור, וולאַדי־וואָסטאָק. וועגען די גנבות פון די מלוכה' געלד רעדען אַלע, אויסער דער רעגירונג. אין מזרח טרעפט זיך די רעגירונג מיט יאַפּאַן, וועלכע לעבט איצט איבער די גילדערנע צייטען פון דער אונגעהויער שנעלער ענטוויקלונג אין איהר אינדוסטריע. די יאַפּאַנער כחורות פערפלייצען גאַנץ סיביר און דאָס בעפעסטיגען פון די רוסען אויף די ברעגעס פון אָקעאַ־אַן ווערט געפעהרליך פאַר די יאַפּאַנישע אינדוסטריע וועלכע האָט גע־קענט דערביי אָדער אין גאַנצען פערלירען דעם מאַרק, אָדער לכל־הפחות שטאַרק בעגרענצט און געדריקט ווערען. די געגענזעצליכע אינטערעסען האָבען זיך שוין לאַנג צוזאַמענגעשטויסען, ס'האָט נאָר געפעהלט די עקספּלאָזיאָן אין דער פאָרם פון אַ מלחמה.

די רוסישע רעגירונג האָט זעהר גוט געוואוסט וועגען דער דאָזיגער צוזאַמענשטויסונג פון די רוסישע און יאַפּאַנער אינטערעסען; זי האָט געוואוסט, אַז ס'קען קומען צו אַן' אויפרייסונג און האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבען גרייטען צו דער מלחמה. אויב זי האָט שפּעטער געזאָגט, אַז די רוסישע אַרמעע איז ניט „צוגעגרייט" צו דער מלחמה, איז דאָס נאָר געווען אַ געוועהנליכער אָפּיציעלער ליגען. מיט אַזעלכע ליגענס טרעפען מיר זיך אין דעם משך פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער רוסישער רעגירונג.

ווען מיר וועלען זיך ווענדען צו דער געשיכטע וועגען דער פערשווענדונג פון די אונגעהייערע סומען אויף קריעגס־בעדערפניסען פאַר די לעצטע 10-15 יאָהר, וועלען מיר זעהען פאָלגענדעס: פאַר דעם משך פון 5 יאָהר (1888—1893) זענען די הוצאות פון דעם קריעגס־מיניסטעריום אויסגעוואַקסען, אין פערגלייך מיט דעם פריהערדיגען יאָהר, אויף 1.085.613.000 רובל. פאַר די זעלבע צייט איז אויף קריעגס־בעדערפניסען אויסגעגעבען געוואָרען מיט אַמאָל 30 מיליאָן און 80 מיליאָן. אַלזאָ האָט די מיליטער־פערוואַלטונג פאַר דעם משך פון די דאָזיגע 5 יאָהר אויסגעגעבען 1 מיליאַרד און 200 מיליאָן רובל. אין די ווייטערדיגע 5 יאָהר חור'ט זיך איבער אין גאַנצען דיזעלבע צאָהל

נאָך מיט אַ קליינעם צוגאָב פון 54.499.000 רובל; שפּעטער, כדי צו „פערשטאַרקען די קאַמפּפס־פערטיגקייט צו דער מלחמה", ווידער אַ צוגאָב פון 786.000. 182 רוב. דאָס הייסט אַז דער צווייטער 5 יאָהריגער פּעריאָד האָט געקאָסט דער קריעגס־פערוואַלטונג שוין אָנדערהאַלבען מיליאַרד. אין דעם דריטען 5 יאָהריגען פּעריאָד (1899–1903) חור'ט זיך איבער אין דער קריעגס־פערוואַלטונג דער ציפער פון אָנדערהאַלבען מיליאַרד און צו דער סומע ווערט נאָך צוגעגעבען כדי „צו פערשטאַרקען די קאַמפּפס־פערטיגקייט" נאָך 223 מיליאָן רוב. אויף אַזאַ אופן קאָסט שוין דיזער 5 יאָהריגער פּעריאָד 1 מיליאַרד 700 מיליאָן רובל. די זעלביגע געשיכטע חור'ט זיך איבער אין דער פלאָט־פערוואַלטונג.

אין דיזער פערוואַלטונג איז אויסגעגעבען געוואָרען פאַר דעמזעלבען משך צייט אויסער די געוועהנליכע יעהרליכע גרויסע הוצאות (מעהר ווי 100 מיליאָן) כמעט נאָך 1 מיליאַרד רובל, אויך אונטער דעם שילד פון דער „קאַמפּפס־פערטיגקייט".

לויט די פּאַרבערייטונגס־הוצאות פערנעהמט רוסלאַנד דעם ערשטען אָרט צווישען די רייכסטע מלוכות פון דער וועלט. די רעגירונג האָט זיך אַליין דערשראָקען פּאַר די דאָזיגע קאָלאָסאַל־גרויסע אויסגאַבען און, ניט וויסענדיג ווי פון זיי פּטור צו ווערען, האָט זי צוזאַמענגערופען די בעריהמטע האַאַגער פריעדענס־קאָנפערענץ. פאַר דער צוזאַמענרופונג פון דער דאָזיגער קאָנפערענץ האָט דער „פּראַוויטעלסטווענני וועסטניק" פערעפענטליכט פאָלגענדעם: „די הוצאות אויף אויסצוהאַלטען די אַרמעע בעטרעפען אין רוסלאַנד — 772.500.000 פראַנק*), אין דייטשלאַנד 675 מיליאָן פראַנק, אין פראַנקרייך 650 מיליאָן פראַנק, אין עסטרייך 432 מיליאָן פר., אין איטאַליען — 267 מיליאָן פר., אין ענגלאַנד 450 מיל. פר. דאָס אויסהאַלטען פון רוסישען סאָלדאַט איז דאָס ביליגסטע, דאָס קאָסט 772 פראַנק אַ יאָהר; דעם דייטשען — 1.162 פר., דעם איטאַליענישען — 1.535 פר., דעם פראַנצויזישען 1633 פר., דעם ענגלישען 2.045 פר. יעדער איינוואָהנער פון רוסלאַנד טראָגט אויף זיך די הוצאה פון 6 פראַנק אויף מיליטער־קאָסטען, אין דייטשלאַנד 13 פר. אין איטאַליען 9 פר. א. ז. וו.

*) א פראַנק איז אנ'ערך 37 קאָפּ.

וויטער זאָגט די רעגירונג, אַז די דאָזיגע הוצאות וואַקסען אָן אַנ׳אויפהער און זיי קענען „פערשטעהט זיך, ניט זיין פּראָדוקטיוו". „זיי שעפּען אויס די אײנטראָגס־קוואַלען פון דער נאַציאָן, זיי בּרײנגען מיט די פערגרעסערונג פון די שטייערן, זיי פערהאַלטען די ענטוויקלונג פון דעם אַלגעמיינעם וואָהלשטאַנד".

די שרעקען פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה זענען געווען אַנ׳ענטפער אויף די דאָזיגע רעד. דאָס רוסישע פאָלק האָט אָבּגעצאָהלט דעם שווערען בּלוט־שטייער, די מלחמה האָט פערשלונגען ניט 6 מיליאַרד פראַנק, ווי דאָס האָט געטראַכט דער „פּראַוויטעלסטוועני וויעסטניק" אין 1898 יאָהר, נאָהר צום ווענינגסטען 3 מאָל מעהרער...

וואו זשע האָט די רוסישע רעגירונג גענומען געלד אויף צו פיהרען די דאָזיגע קאָלאָסאַלע מלחמה? די מלחמה האָט זיך געצויגען 18 חדשים און יעדער חודש האָט אָבּגעקאָסט אַם ווענינגסטען 200 מיליאָן רובּל, ד. ה. מעהר אַלס 6 מיליאָן רובּל אַ טאָג. די רעגירונג האָט ערוואָרבּען געלד אויף פערשידענע אופנים: האָט געהעכערט אײניגע שטייערן, זאָגאַר העכערען דאָס, וואָס ס׳איז שוין אַזוי אויך געגוג הויך, — איז געווען זעהר שווער; זי האָט פערקירצט די געוועהנליכע מלוכה-הוצאות אויף 15 מיליאָן רובּל, און דאָס געלד האָט זי פערווענדט אויף די מלחמה; אַנ׳ערך 150 מיליאָן איז אַרויסגענומען געוואָרען פון מלוכה־אוצר; זי האָט בּיסלעכווייז אַרויסגעלאָזען פּאַפּיער־געלד, שטעלענדיג דערמיט אין געפאַהר די גילדערנע רובּלס; נאָר די הויפּט־קוואַל זענען געווען די הלואות – אויסערליכע און אינערליכע. פאַר די ערשטע 16 מאָנאַטען פון דער עכט־אַקטיווער מלחמה האָט די רעגירונג געמאַכט 6 הלואות, פון זיי דריי אין לאַנד גופא (אינערליכע) און 3 אויסערליכע: 200+250+300+200+100+150 מיליאָן רובּל, סך הכל 1 מיליאַרד און 200 מיליאָן. אָט דאָס איז די סומע הוצאות, וואָס זענען בּעוואוסט דעם עולם, נאָר די גאַנצע מאַסע הוצאות קען מען נאָך גענוי ניט פעסטשטעלען. אויב מען זאָל פאַנאַנדערלעגען אָט די דאָזיגע הוצאות, וואָס זענען שוין יעצט בּעוואוסט, אויף די 16 מאָנאַט פון דער מלחמה, קומט אויס 100 מיליאָן רובּל אויף יעדען מאָנאַט. בּיז דער דאָזיגער מלחמה האָט דאָס רוסישע פאָלק געצאָהלט פאַר די מלוכה־חובות צו

264.495.449 רובל יעֶהרליך ; נאָך דיזער מלחמה איז דער לאסט געשטויגען זעהר הויך . לויט דעם ביודזשעט אויף דעם 1906 יאָהר איז בעשטימט געוואָרען א סומע פון 334.729.871 רובל, אויף צו דעקען די חובות, ד. ה. אז דאָס אויסצאָהלען הויל די מיליטער=הלואות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה, וועט קאָסטען יעהרליך העכער 70 מיליאָן רובל ! יעדען איינוואָהנער פון רוסלאַנד, פון קליין ביז גרויס, מאַנסלייט און פרויענצימער, וועט אויסקומען צאָהלען פראָצענטען אויף די מיליטער=הלואות צו 60 קאָפּ. ! א פאַמיליע פון מאַן און פרוי און 5 קינדער, למשל, וועלען מוזען יעהרליך אריינטראָגען אויף די יאַפּאָנישע מלחמה 4 רובל 20 קאָפּ. אויסער דעם קומט אויס יעדען איינוואָהנער – סיי א קינד סיי א דערוואַקסענעם מענשען צו צאָהלען צו 2 רובל 15 קאָפּיקעס יעהרליך פאַר די אַלטע הלואות. דערביי דאַרפען מיר ניט פאַרגעסען אָן די 20 רובל, וואָס יעדער איינוואָהנער דאַרף יעהרליך צאָהלען אויף אַנדערע מלוכה=הוצאות. ניט יעדער איינוואָהנער אָבער פראָדוצירט ווערטה=זאַכען, אָרער בעקומט איינטראָג. די קליינע קינדער, די זקנים, א מאַסע פרויען, דער חיל, די גייסטליכע, די מאָנאַכען, די בעאַמטע א. ז. וו. לעבען דאָך אויף דעם חשבון פון די פראָדוצירענדע קלאַסען, און אויב מ'זאָל דעריבער די מלוכה=הוצאות בכלל אין די מלוכה=חובות בפרט פאַנאַנדערלעגען אויף די אמת'ע ווערטה= פראָדוצענטען, אויף די פּערזאָנען, וואָס לעבען פון זייער האָרעוואַניע, וועלען מיר דאַן בעקומען א שרעקליכען און גרוילינען בילד ....

אויסער די הוצאות אויף צו פיהרען די מלחמה האָט רוסלאַנד פערלאָרען אונגעהויערע סומען : די דערטרונקענע שיפען, די שיפען, וואָס האָבען זיך איבערגעגעבען אין די הענד פון שונא, דאָס געוועהר, וואָס דער פיינד האָט אָבגענומען, די פּראָוויאַנט, די פעסטונגען, די אייזענבאַהנען א. ז. וו. די גרויס פון די דאָזיגע הוצאות איז נאָך עד היום אונבעשטימט און מיר ווייסען נאָך ניט ווי פיעל רוסלאַנד האָט אָבגעקאָסט די „טאַפּפערקייט" פון די כטעסעלס, קוראָפּאַטקינס, אַלעקסייעווס און אַנדערע „העלדען פון דער לעצטער מלחמה" !

מיר וועלען דאָ געבען נור איין קליינע רשימה פון די יאַפּאָנישע ערָאָבערונגען : די יאַפּאַנער האָבען אריינגעכאַפּט ביי

דיִ רוסען איִן 12 געפעכטען, אנהויבענדיג פון טיורענטשען און ענדיִ־געננדיג מיִט מוקדען, 796 קאנאנען, 368.091 שוס־און אנלאדונגס־אפאראטען, 111.446 ביִקסען, 31.202.748 פאטראנעס. איִן פארט־ארטור, וואו די סאלדאטען האבען צוליעב סטעסעלס קאפריז געליטען הונגער, האבען די יאפאנער אויסעררעם ארײנגעכאפט א מאסע מעהל, סוכארעס, פלייש, רייז א. ז. וו. די רוסישע אדמיראלען האבען איִן דער צייט פון מלחמה פערלארען 14 פאנצער־שיפען, 5 געפאנצערטע קרייצערס, 6 פאנצערדעק־קרייצערס, ניט וועניג טראנספארטען, 20 קאנטרמינען־טרעגער, עטליכע קאנאנען־שיפלעך, מינענטרעגער א. ז. וו. דער טאטאל־ווערטה פון דעם פערלארענעם פלאט ווערט אבגעשאצט איִן 250 מיליאן רובל. שרעקליכער פון אלץ איז דאס, וואס די מאסע שיפען איז ארײנגעפאלען איִן די הענד פון שונה. איִן די הענד פון שונה זענען ארײנגעפאלען מעהר אלס 160 טויזענד געפאנגענע, פאר וועלכע רוסלאנד וועט מוזען ביי'ן אויסקויף איינצאהלען מעהר אלס 100 מיליאן רובל. א גרויסע שטיק אייזענבאהן־וועג, די פעסטונג, וואס מען האט געהאלטען איִן „ארענדא" ביי כינא, דער בעסטער טהייל פון סאכאלין — דאס אלץ רעדט דייטליך וועגען די מיליאָרדען־היזקות פון רוסלאנד !...

דאס זאגענאנטע ליקווידירען פון דער מלחמה, ד. ה. די פאלקאמע אבּרעכנונג מיִט די ליפעראנטען, די אויסרעכנונגען מיט יאפאן, דאס ברייננען די ארמעע איִן פריעדליכען צושטאנד — דאס אלץ וועט אויך פאדערען ניט וועניגער, ווי א מיליארד רובל. איִן דעם היינטיגען (1906) יאהר רעכענט די רעגירונג אויסצוגעבען אויף די דאזיגע ליקווידאציע העכער ווי 400 מיליאן רובל און לייהען דערויף געלד, אויב מ'וועט געבען, איִן אויסלאנד. איִן דעם איצטיגען מאמענט האט רוסלאנד כמעט אינגאנצען פערלארען איהר קרעדיט; די הלואות, וואס די רעגירונג האט געמאכט פאר דער צייט פון דער מלחמה, האבען געקאסט, מוז מען זיך מודה זיין, זעהר טהייער. די רעגירונג פון דעם אונגעהויער גרויסען רוסלאנד האט איינגעוויליגט אויף אזעלכע פראצענטען, וועלכע קיין אויראפעאישע לאנד צאהלט ניט. אפילו די שלים־מזל'דיגע טערקיי בעקומט געלד פאר א קלענערען פראצענט. די רוסישע רעגירונג איז געצוואונגען געוועזען צו לייהען געלד אויף שענדליכע בעדינגונגען:

גֶעלד פֿלעגט מען גֶעבֶּען נאָר אין דֶעם פאַל, ווען רוסלאַנד האָט בֶּעשטעֶלט גֶעוועֶהר, ישוּם־אַפּאַראַטעֶן, צוּדאַטעֶן, וואַגאָנעֶן בּיז דִי אוֹיסלעֶנדִישׁעֶ פאַבּרִיקאַנטעֶן און לִיפֶעראַנטעֶן פאַר אַ הויכעֶן פּרייז. דאָס גֶעלִיהעֶנעֶ געלד פלעֶגט בּלייבּעֶן אִין אוֹיסלאַנד גוּפא. לויט דעֶר בּעֶשטעֶטִיגוּנג פוּן דעֶם פִינאַנס־מִינִיסטעֶריוּם אלײן פלעֶגט מען אוֹיף דִי אוֹיסלעֶנדִישׁעֶ בּעֶשטעֶלוּנגעֶן צאָהלעֶן מִיט 18%—12% טהייערעֶר געֶגעֶן דִי נאָרמאַלעֶ פּרייזעֶן. פִיעלעֶ בּעֶשטעֶלוּנגעֶן זעֶנעֶן צוּ רוּסלאַנד נִיט דעֶרגאַנגעֶן, זאָגאַר ס'אִיז פאַר זײ געֶוועֶן אָבּגעֶצאָהלט מזוּמנִים: דעֶרמאָהנט זִיךְ פִיעל טראַנספּאָרטעֶן מִיט מִילִיטעֶר־משא דִי יאַפּאַנעֶר האָבּעֶן אַריינגעֶכאַפּט!...

אִין דעֶם איצטִיגעֶן מאָמעֶנט אִיז נאָךְ נִיטאָ קיין מעֶגלִיכקייט אוּנטעֶרצוּפִיהרעֶן דִי אוּנטעֶרסטעֶ שוּרה פוּן דִי הוֹצאוֹת אוֹיף דִי מלחמה מִיט יאַפּאַן; דעֶר גאַנצעֶר הײנטִיגעֶר יאָהר וועֶט נאָךְ פוּל זײן מִיט דִי אוֹיסגאַבּעֶן, וואָס דִי דאָזִיגעֶ שעֶנדלִיכעֶ מלחמה האָט אַרוֹיסגעֶרוּפעֶן. מ'זאָגט אַז דִי רוּסִישׁעֶ הוֹצאוֹת וועֶלעֶן דעֶרגרייכעֶן בּיז אַן'אוּנגלוֹיבּלִיכעֶר סוּמעֶ—פוּן נאָהעֶנט 6 מִיליאַרד רוּבּל! אַ פּשוּט'עֶר רעֶכעֶנוּנג ווייזט, אַז אַזאַ מײנוּנג אִיז רִיכטִיג. אוּן אוֹיבּ אַזוֹי, הײסט דאָס, אַז דִי מלחמה האָט אײנגעֶשלוּנגעֶן דִי הכנסה פוּן גאַנצעֶן פאָלק נִיט נאָר פאַר אײן יאָהר צײט. דִי פאָלגעֶן פוּן אַזאַ קאָלאָסאַלעֶר פעֶרשוועֶנדוּנג פוּן דעֶם פאָלקס־רייכטהוּם הוֹיבּעֶן זִיךְ שוֹין אָן אַרוֹיסצוּוואַייזעֶן: דעֶר מלוּכה־אוֹצר אִיז פּוּסט, דעֶר קרעֶדִיט אִין אוֹיסלאַנד אִיז פעֶרלאָרעֶן, אוּמעֶטוּם רעֶדט מען וועֶגעֶן אַ מלוּכה־בּאַנקראָט. אוּן נאָךְ שוועֶרעֶר זעֶנעֶן דִי פאָלגעֶן פוּן דעֶר מלחמה פאַר דִי אַרבּײטעֶנדעֶ קלאַסעֶן פוּן דעֶר בּעֶפעֶלקעֶרוּנג, וועֶלכעֶ טראָגעֶן אוֹיף זִיךְ דִי הוֹיפּט־משא פוּן דעֶם מלוּכה־בּיוּדזשעֶט.

דעֶר קוּרצעֶר אִיבּעֶרזִיכט פוּן דִי רוּסִישׁעֶ מלחמוֹת בּרעֶנגט אוּנז צוּ דעֶם שלוֹם, אַז דִי מלחמוֹת, סײ זִיעגרייכעֶ, סײ פעֶרשפּיעלטעֶ, האָבּעֶן פאַר דעֶם אַרבּײטעֶר־קלאַס אַלץ דעֶמזעֶלבּעֶן רעֶזוּלטאַט—זײ פעֶרגרעֶסעֶרעֶן דִי שוועֶרעֶ לאַסט פוּן דִי שטײעֶרן, — דִי לאַסט, וועֶלכעֶ קעֶן אַײנבּײגעֶן דעֶם שטאַרקסטעֶן רוּקעֶן אוּן אוֹיפצעֶהרעֶן דִי געֶזוּנדסטעֶ מוּסקעֶלעֶן. אוֹיבּ אַ מלחמה בּרײנגט יעֶ ווען עֶס אִיז נוּצעֶן אוּן רוִוח, קוּמט דאָס געֶוועֶהנלִיךְ אָן בּיט דעֶר מאַסעֶ, וואָס טראָגט אוֹיף זִיךְ אִיהר גאַנצעֶן לאַסט.

ערדע מ׳לחמה טראָגען אויס אויף זייערע פּלייצעס די, וועלכע גיבען אין די פריעדליכע צייטען די מיליאַרדען אויף צוזוגרייטען זיך צו איהר, און אין דער קריעגס־צייט — דעם שרעקליכסטען שטייער, דעם בלוט־שטייער.

דער פינאַנס־מיניסטער, בעטראַכטענדיג אין דעם ביודזשעט פון 1906 יאָהר די צורואינירטע מלוכה־און פאָלקס־ווירטשאַפט, האָט אַזוי געמעלדעט דעם קיסר: „די עקאָנאָמישע צורודערונג ווערקט אויף די ענערגיע פון די מעהר טהעטיגע, טאַלאַנטפאָלע און אונטערנעהמונגס־פעהיגע געזעלשאַפטליכע עלעמענטען און רופען אַרויס די האַרטנעקיגע און העפטיגע אַרבייט ביי די אַרבייטענדע מאַסען, און דאָס פיהרט פון דער אַנדער זייט צו דער פער־בעסערונג אין דער פאָלקס און מלוכה־ווירטשאַפט".

מיר האָבען דאָ ציטירט דעם מיניסטערס ווערטער צוליעב דעם, ווייל אין זיי דריקט זיך אויס די מיינונג, וועלכע האַלט זיך געוועהנליך אין דער געזעלשאַפט. דער מיניסטער האָט געזאָגט אַנ׳אמת, אָבער מעהר ניט צוליעב דעם, כדי צו דערווייזען דעם ליגען. אמת, אַז נאָך אַ שטאַרקער צורודערונג קומט אָפט פאָר אין לאַנד אַנ׳עקאָנאָמישע אויפלעבונג, נאָר דערביי דאַרפען מיר ניט פערגעסען, אַז אַזעלכע אויפרודערונגען האָבען געבראַכט אַפילו גרויסע פעלקער צו אַ פאָלקאָמען אונטערגאַנג און רואינירונג. נאָר לאָמיר אָננעהמען, אַז די צורודערונג האָט געבראַכט צו אַ פּרעכטיגער אויפבליהונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. וואָס געווינען אין דעם פאַל די „אַרבייטענדע מאַסען?" — גאָר ניטש! נאָך יעדער מלחמה מוזען די שטייערן וואַקסען, און מען רייסט דעריבער אָב דעם גרעסטען טהייל פון זייער אַרבייטס־לוין פאַר די מלוכה. ביז דער מלחמה האָט רוסלאַנד געצאָהלט אויף איהרע חובות 265 מיליאָן רובל אַ יאָהר, נאָך דער מלחמה וועט זי צאָהלען 335 „ מיליאָן רובל. די שטייערן, וועלכע מען העכערט אין דער צייט פון אַ מלחמה, ווערען געוועהנליך ניט אָבגעשאַפט אויך אין דער צייט פון פריעדען. אַזוי צום ביישפיעל האָט מען נאָך ביז איצט ניט פערקלענערט די שטייערן, וואָס מ׳האָט פערגרעסערט בעת דער רוסיש־כינעזישער מלחמה...

מיר האָבען זעהר אַ גוטען ביישפיעל. דאָס קריעגס־לוסטיגסטע לאַנד אין אייראָפּא איז ענגלאַנד, וועלכע האָט אין פאָריגען

יאָהרהונדערט געפיהרט די גרעסטע צאָהל מלחמות. די ענגלישע מלחמות זענען שטענדיג געווען נוציג פאַר ענגלאַנד: זיי האָבען איהר געמאַכט פאַר א „געלד-קאַסע" פון דער גאַנצער וועלט. ניט לאַנג האָט ענגלאַנד געענדיגט די מלחמה מיט די בורען און האָט דערביי אַריינגענומען אין איהרע הענד די רייכסטע מלוכה פון אַפריקע. און וואָס זשע? אין ענגלאַנד, וואו די בייַנק ברעכען זיך פון די מאַסען גאָלד, וואָס איז דאָרט צוזאַמענגעקליבען, פון וואַנען דאָס גאָלד פליכט זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער וועלט, איז דאָך אַלע מאָל געווען אַ מאַסע אָרעמעלייט און די צאָהל פון זיי ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. ניט לאַנג צום בייַשפּיעל האָבען די אַרבייטסלאָזע געמאַכט אַ בעדייטענדע דעמאָנסטראַציע, און דאָ גאָר ניט לאַנג איז אין ענגלאַנד דורכגעגאַנגען אַ געזעץ, לויט וועלכען ס'ווערט פאַרווערט פון 11-טען יאַנואַר 1906 יאָהר אָן אַריינצופאָהרען אין ענגלאַנד די אַלע פערזאָנען, וואָס פאָהרען מיט'ן דריטען קלאַס און וואָס האָבען ביי זיך אין קעשענע ווענינגער, ווי 50 רובל. דיזען געזעץ האָט מען אַרויסגעגעבען צוליעב דעם, ווייל אין ענגלאַנד, אין דעם לאַנד פון מיליאַרדען, איז דאָ צו פיעל אָרעמע לייט. די רעגירונג האָט אין איהר ערקלערונג וועגען די נויטווענדיגקייט פון אַזאַ געזעץ אָנגעוויזען, אַז אויף יעדע 39 מענשען געפינט זיך אין ענגלאַנד איין הונגערענדער! 370 טויזענד מאַן בעקומען אין ענגלאַנד שטיצע פון די צדקה-אַנשטאַלטען, און דאָס זענען שוין אמת'ע בעטלער! די צאָהל פון אַזעלכע „בעטלער", אַנדערס געזאָגט, אַרבייטסלאָזע, פאַרגרעסערט זיך יעדעס יאָהר, און די דאָזיגע פערגרעסערונג איז געפעהרליך פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער הינזיכט, וואָס לויט די ענגלישע געזעצען פערליערט יעדערער, וואָס בענוצט זיך מיט קהל'שע שטיצע זיין רעכט אַלס וועהלער אין די אָרטיגע איינריכטונגען, וועלכע שפּיעלען אין ענגלאַנד אַ גרויסע און וויכטיגע ראָלע...

און אויב אַזוי האַלט די זאַך אין ענגלאַנד, אין דעם רייכסטען לאַנד פון דער גאַנצער וועלט, טאָ וואָס קען מען שוין זאָגען וועגען רוסלאַנד?

די רוסישע ביוראָקראַטיע די טרייע דיענסט פון די רייכע קלאַסען, האָט געזעהען צו דערטרינקען דאָס לאַנד אין אונטער-טרעגליכע שטייערן. די רעגירונג, וואָס איז ניט פעראַנטוואָרטליך

פאַר'ן לאַנד, האָט אין דעם משך פו. איין יאָהר־הונדערט געקענט אַרויפוואַרפען אויפ'ן פאָלק אַיחוב פון העכער 6 מיליאַרד רובל! וויעפיעל פון די מיליאַרדען האָט מען אויסגעגעבען אויף די בעדערפניסען פון אַרבייטענדען פאָלק, אויף דעם זאָל ענטפערען דאָס הונגערענדע און בערויבטע רוסלאַנד! אַלע היזקות, וואָס די יאַפּאַנער מלחמה האָט געבראַכט, קען מען גאָר ניט אָבשאַצען מיט געלד. נאָר אויך דאָס, וואָס מען קען יע אָבשאַצען, שטייגט אַריבער אַלץ, וואָס די לעבעדיגסטע פאָרשטעלונגס־קראַפט קען זיך אויסמאָלען. אונזערע קינדס־קינדער, גאַנצע רייהען פון די וויטסטע צוקינפטיגע דורות וועלען מוזען זיך פאַנאַנדערצאָהלען פאַר די חובות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אָהן דעם הסכם פון פאָלק, אָהן זיין ווילען.

אין מצרים זענען דאָ גרויסע העכליכע דענקמאָלען־פּיראַמידען. די דאָזיגע פּיראַמידען זענען געבויט געוואָרען לויט דעם בעפעהל פון די טיראַנען, וואָס האָבען געוועלטיגט אין די אַמאָליגע צייטען איבער דעם פאָלק פון מצרים. ס'זענען אַריבער לאַנגע יאָהר־הונדערטען און די דענקמאָלען שטעהען נאָך און דערצעהלען די שרעקליכע בלוטיגע געשיכטע וועגען דעם, ווי הונדערטע טויזענדער פערשקלאַפטע מענשען האָבען זיך געקוועלט און זענען אומגעקומען, דורכצופיהרענדיג די עהרגייציגע פלענער פון זייערע דעספּאָטען. די ביבעל וועט אייך דערצעהלען, אַז די פּיראַמידען שטעהען אויף מענשליכע ביינער און זענען בעגאָסען מיט דעם הייסען בלוט פון די מצרים... פּונקט ווי די דאָזיגע פּיראַמידען, דריקען די היינטיגע פעלקער אָט יענע אונגעהויער גרויסע חובות, וועלכע די רעגירונגען פון פערשידענע לענדער און פעלקער מאַכען צוליעב זייערע קריעגס־צוועקען. דעם דרוק פון די פּיראַמידען־חוב'ת פיהלט אויף זיך אויך דאָס געדולדיגע רוסישע פאָלק. די רוסישע חובות וועלען, ווי יענע מצרים־פּיראַמידען, דערצעהלען פאַר די וויטסטע צוקינפטיגע דורות די שרעקליכע געשיכטעס וועגען דער הערשאַפט איבערן פאָלק פון דער אונבעגרענצטער אונפעראַנטוואָרטליכער מאַכט, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכענט מיט די אינטערעסען פון פאָלק...

אונטער דער משא פון די מצרים־פּיראַמידען ליגען די טיראַנען און דעספּאָטען. אונטער דער משא פון די היינטיגע פּיראַמידען־

די״שרעֶקליכעֶ חובות ווערט פאַר אונזעֶרעֶ אויגעֶן בעֶגראָבעֶן אָט די דאָזיגעֶ זעֶלבסטהעֶרשאַפט, וועֶלכעֶ האָט רואינירט, אויסגעֶמאַטעֶרט דאָס פאָלק און איהם געֶטריבעֶן מעֶכטיג זיך אויפצוהויבעֶן פאַר זײַנעֶ צוטראָטעֶנעֶ מעֶנשעֶן=רעֶכטעֶ...

די געֶדולד פון פאָלק, וואָס האָט אויסגעֶהאַלטעֶן הונדעֶרטעֶר יאָהרעֶן לאַנג, האָט איצט שוין געֶפלאַצט, און—מ׳דאַרף מודה זײַן—די מלחמה מיט יאַפּאַן, די אונעֶרטרעֶגליכעֶ לאַסטעֶן פון דעֶר דאָזיגעֶר מלחמה זעֶנעֶן געֶוועֶן דעֶר לעֶצטעֶר טראָפּעֶן, וואָס האָט איבעֶרפיהלט דעֶם בעֶכעֶר פון געֶדולד, — דעֶם בעֶכעֶר, וואָס רוסלאַנד האָט אויסגעֶטרונקעֶן ביז׳ן דעֶק...

---

באגאלי עפאוו

PROGRESSIVE EDUCATIONAL SOCIETY
Organized May 9, 1907
TRENTON, N.J.

ל. מארטאוו.

# פאליטישע פארטייען
## אין רוסלאנד.

I. פארטייען אין רוסלאנד. — II. רעכטע רע=אקציאנער=קאנסערוואטיווע פארטייען. — III. פארטייען פונ'ם צענטער. — IV. ליבעראל=דעמאקראטישע פארטייען. — V. רעוואלוציאנערע פארטייען. — VI. דער קאמפף צווישען פארטייען.

איבערזעצט: אלגין.

**ПОЛИТИЧЕСКІЯ ПАРТІИ.**

Переводъ съ русскаго.

**1906**

Печатано въ Тип. „Вдова и бр. Роммъ“ Вильна, Уголъ Духовскаго и Глухого пер. собств. домъ № $^1/_2$.

Набрано въ Тип. Баскинда Вильна.

# פּאָליטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד*).

## פּאַרטייען אין רוסלאַנד.

ווען די בירגער בעקומען אין אַ לאַנד די מעגליכקייט צו בעשעפטיגען זיך אָפֿען מיט פּאָליטיק, דאָס הייסט צו נעהמען אַנטהייל אינ'ם פֿיהרען די געשעפֿטען פֿון דער מלוכה, בילדען זיי דאַמאָלס פּאָליטישע פּאַרטייען. אַ פּאַרטיי — דאָס איז אַ פֿעראיין פֿון מענשען וואָס דענקען אַלץ איינס, וואָס שטעלען פֿאַר זיך אַלץ איינע ציעלען און וואָס האָבען אָבגערעדט צו פֿעראייניגען זייערע קרעפֿטען, כדי צו ווירקען אַלע נאָך איין פּלאַן אינ'ם לעבען פֿון דער מלוכה. די אַלגעמיינע ציעלען, אויף וועלכע מ'איז דורכגעקומען אין דער אָדער יענער פּאַרטיי, דאָס איז איהר פּראָגראַם, און די מיטלען, וועלכע די פּאַרטיי בענוצט, כדי צו דערגרייכען די דאָזיגע ציעלען, דאָס איז איהר טאַקטיק.

די בירגער, זאָגען מיר, בילדען פּאָליטישע פּאַרטייען, כדי צו ווירקען אויפ'ן לעבען פֿון דער מלוכה. נאָר אין רוסלאַנד איז נאָך גאָר ניט לאַנג געווען איינגעפֿיהרט אַזוי, אַז די רעגירונג פֿלעגט פֿערבאָטען די בירגער צו אַריינמישען זיך אין די ענינים פֿון דער מלוכה, און ווער עס פֿלעגט זיך יאָ אַריינמישען, פֿלעגט זי איהם שטראָפֿען גאָר אָהן רחמנות. אין יענער צייט פֿלעגען פּאַרטייען קענען זיין ניט אַנדערש, ווי בעהאַלטען, און עס פֿלעגען זיי בילדען נאָר אַזוינע מענשען, וועלכע האָבען ניט מורא געהאַט צו ליידען פֿאַר זייער אַרבייט אי טורמע, אי דהקות, אי אַפֿילו דעם טויט. אין יענער צייט איז אין רוסלאַנד געווען גאָר ווייניג פּאַרטייען און עס פֿלעגט אין זיי אַריינגעהן ווייניג מענשען, ווייל ס'איז ווייניג געווען אַזוינע, וואָס זענען געווען גרייט זיך פֿערנעהמען מיט „פּאָליטיק“ און לעבען דערפֿאַר אין שטענדיגען פּחד פֿאַר די רדיפֿות פֿון פּאָליציי.

פֿריהער פֿון אַלע האָבען זיך אָרגאַניזירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין 1892 יאָהר האָט זיך געבילדעט די „פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי“ (פּ. פּ. ס.), אין 1893 יאָהר — די סאָציאַלדעמאָקראַטיע פֿון פּוילען און פֿון

*) וועגען די אידישע פּאָליטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד וועלען מיר קירצליך אַרויסגעבען אַ ספּעציעלע בראָשור. „די וועלט“.

ליטא“ (פּ. ס. ד.), אין 1897 יאָהר — דער „אַלגעמײנער אידישער אַרבּײַטער־בּונד“ (קירצער — דער בּונד), אין 1898 יאָהר — די „רוסלענדער סאָצ.־דעמ. אַרבּײַטער־פּאַרטײ“ און נאָכדעם — די „ליטווישע“ און „לעטישע“ סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטײען*). אין 1902 יאָהר האָט זיך געבּילדעט די „פּאַרטײ סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען“.

אין 1903 יאָהר האָט זיך געבּילדעט דער „פּערײַין אָסוואָבּאָזשדעניע“ — אַ פּאַרטײ פון אַזוינע רוסישע ליבּעראַלען, וואָס האָבּען זיך בּעשלאָסען צו פיהרען אַ בּעהאַלטענע (אונלעגאַלע) פּאָליטישע אַרבּײט. אַזוינע ליבּעראַלען איז געווען וועניג.

ווינציג איז דאַמאָלס געווען פּאַרטײען, און אונטער דער ערד, אין דער פינסטער, פלעגען זײ פיהרען דעם קאַמפּף. נאָר די דאָזיגע אונטעראירדישע אַרבּײַט איז אויך ניט אַוועק אומזיסט; די „אונטעראירדישע“ פּאַרטײען האָבּען אויפגעהויבּען די פאָלקס־מאַסען צו קעמפּפען מיט דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, און אַ סך קרבּנות האָט דעם פאָלק געקאָסט, בּיז ס'האָט זיך דערשלאָגען, אַז די רעגירונג זאָל פאַר איהם אַנערקענען אַ שטיקעל רעכט צו מישען זיך אין די ענינים פון דער מלוכה. פון דער צײַט הויבּען זיך אָן בּילדען אַלע מאָל נײַע פּאָליטישע פּאַרטײען, און די פּאַרטײען (דערווײַל נאָך ניט אַלע) קענען שוין אויפהערען אַרבּײַטען בּעהאַלטענער־הייט, און זײ בּעקומען דעריבּער מעהר מענשען און מעהר קראַפט.

## II. די רעכטע רעאַקציאָנער־קאָנסערוואַטיווע פּאַרטײען.

אין רוסלאַנד, ווי אין אַנדערע לענדער, האָבּען פריהער פון אַלע גענומען בּילדען פּאַרטײען אַזוינע מענשען, וואָס שטרעבּען צו איבּערמאַכען די עקזיסטירענדע אָרדנונג פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאַפט. נאָר בּאַלד נאָך זײ האָבּען גענומען מאַכען פּאַרטײען אויך די אָנהענגער פון דער אַלטער אָרדנונג — די קאָנסערוואַטאָרען (ד. ה. מענשען, וועלכע ווילען ס'זאָלען בּלײַבּען אַלע יסודות פון דער איצטיגער אָרדנונג).

די קאָנסערוואַטיווע**) (אָדער די רעכטע) פּאַרטײען ווילען

*) אין 1903 יאָהר איז דער „בּונד“ אַרויס פון דער רוסלענדער ס"ד אַרבּ.־פּאַרטײ. איצט איז אי דער „בּונד“, אי די לעטישע פּאַרטײ, אי די סאָצ.־דעמאָקראַטיע פון פוילען אין ליטא פערייניגט מיט דער רוסלענדער ס"ד אַרבּײַטער־פּאַרטײ.

**) די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטײען רופט מען רעכטע דערפאַר, ווײַל אין די פּאַרלאַמענטען פערנעהמען זײ געוועהנליך די רעכטע זײַט (רעכטס פונ'ם פאָרזיצער). לינקס זיצען די פּאַרטײען, וואָס זענען אַנהענגער פון פּראָגרעס (וואָס ווילען אויסבּעסערען די אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט און פון דער מלוכה).

ס'זאָל בלייבּען די איצטיגע אָרדנונג, נאָר אַזוי ווי פֿון דער אָרדנונג מאַכט דאָס לעבען אַליין אַ תּל יעדען טאָג, דעריבּער זוכען זיי מיט־לען, חי זי צו פֿערשטאַרקען, אַז זי זאָל בלייבּען ניט גערירט, און דעריבּער שטרעבּען זיי וועהר אָפּט צו איינפֿיהרען אויף דאָס ניי אַזוי־נע אייגריכטונגען, וואָס זענען שוין לאַנג פֿערשוואונדען פֿון לעבען: זיי האָפֿען צו געפֿינען אין זיי אַ שוץ פֿאַר אַלע נייע פֿאָדערונגען. אויף אַזאַ אופֿן ווערט פֿון די קאָנסערוואַטאָרען ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר ע ן (מענשען, וואָס ווילען, אַז די היסטאָריע זאָל געהן צ ו ר י ק). למשל, איינינגע אַדעליגע פּאָמעשציקעס האָבען אַזוי שטייף זיך געהאַלטען פֿאַר זייערע פּריווילעגיעס (העכערע בּירגערליכע רעכט, גרינגערע התחיבות'ן) און אַזוי פֿעסט אַרויסגעטרעטען געגען יעדער פּראָבּע צו איינפֿיהרען בּירגערליכע גלייכבּערעכטיגונג, אַז זיי האָבען שוין אָנ־געהויבען סטאַרען זיך מען זאָל צוריק איינפֿיהרען די פּאַנשצינע, וועל־כע איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען אין 1861 יאָהר. צום טייל איז דאָס זיי אַפֿילו געראָטען אויך: מען האָט איינגעפֿיהרט זעמסקע נאַטשאַלניקעס און אַרויסגעגעבען אַנדערע תּקנות, וואָס מאַכען דעם פּויער'ס פֿער־זאָן אָבהענגיג פֿון די אָרטיגע פּאָמעשציקעס.

די איצטיגע רוסישע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען — „די רוסישע מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי", דער „פֿעראיין פֿון רוסישען פֿאָלק", די „רוסישע פֿערזאַמלונג", די אַלע, וואָס האַלטען זיך פֿאַר דער איצטיגער אָרדנונג, וואָלטען זיך אויך ניט אָבגעזאָגט צו אומקעהרען אַ סך זאַ־כען פֿון די צייטען פֿון פּאַנשצינע און אַפֿילו פֿון נאָך עלטער — פֿון דער צייט פֿון די מאָסקווער צאַרען. אין דער פּראָגראַם פֿון דער „רו־סישער מאָנאַרכיסטישער פּאַרטיי", למשל, לייענען מיר אַזוי: „די פּראַוואָסלאַוונע קירכע שטעהט איצט ניט אין רוסלאַנד אויף אַזאַ הויכער מדרגה, ווי עס קומט איהר. אין די גרעניץ־געגענדען לייַדט זי רדיפֿות פֿון די אַנדערע קריסטליכע קירכען, און אין צענטער רוס־לאַנד שטעהט זי ניט בּראש פֿון דעם גייסטיגען לעבען און פֿון דער זיטליכקייט, נאָר זי איז אָבגערוקט אָן אַ זייט, זי געפֿינט זיך אין דער לאַגע פֿון אַ אונטערטהעניגער". דעריבּער שטרעבּט די מאָנאַרכיסטי־שע פּאַרטיי צו „דערהויבּען די איינינגע פּראַוואָסלאַוונע קירכע אין איהר אמת־קריסטליכער און אַפּאָסטאָלישער בּעשטימונג". דאָס הייסט, אַז די קאָנסערוואַטאָרען איז נאָך ווייניג אַפֿילו די פּריווילע־גיעס, וואָס ס'האָבען איצט אין רוסלאַנד די פּראַוואָסלאַוונע גייסטליכע. ס'איז זיי ווייניג דאָס, וואָס די „אַנדערע קריסטליכע" גלויבּענס האָבען ניט קיין פֿרייהייט צו פֿערשפּרייטען זייער לעהרע, ס'איז זיי ווייניג, וואָס די סטאַראָאָבּריאַדצעס און די סעקטאַנטען ווערען פֿערפֿאָלגט

פֿאַר זייער גלויבען. און כאָטש מען קען זאָגען, אַז אפילו איצט אויך טרייבט די רוסישע פּאָליציי אַלע אַנדערש-גלויביגע אין די פּראַוואָסלאַוונע קירכען, פֿונדעסטוועגען איז דאָס די מאָנאַרכיסטען נאָך קאַרג: ביי זיי קומט דאָס אויס, אַז די „פּראַוואָסלאַוונע אמונה ליידט רדיפֿות". זיי וואָלטען וועלען, אַז די „אפּיקורסים" זאָל מען פּשוט פֿערברענען אין פֿייער, און ווער עס געהט געגען די גייסטליכע, זאָל ווערען אַריינגעוואָרפֿען אין קלויסטערשע טורמעס: אָט דאַמאָלסט וואָלטען זיי קוועלען, — דאָס וואָלט הייסען טאַקי באמת „דערהויבען די פּראַוואָסלאַוונע קירכע". ס'איז זיי ווייניג, וואָס די דאָרפֿישע לעהרער און די דאָרפֿישע שוהלען זענען אָבגעגעבען אינ'ם רשות פֿון די גלחים: זיי איז נויטיג, אַז „די קירכע זאָל שטעהען בראש פֿונ'ם גאַנצען גייסטיגען לעבען", דאָס הייסט, אַז נאָר זי אַליין זאָל לערנען און ערציהען קינדער, זי זאָל אַכֿטונג געבען אויפֿ'ן פֿאָלק, זי זאָל האָבען אַ צענזור אויף אַלצדינג, וואָס דאָס פֿאָלק לייענט, און די גלחים זאָלען געוועלטיגען איבער די פּויערים און זאָלען זיין זייערע ריכטער.

די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעשריבען אין איהר פּראָגראַם: „עס דאַרפֿען בלייבען די שטאַנדען אין רוסישען פֿאָלק", דאָס הייסט זי וויל, אַז דאָס פֿאָלק זאָל בלייבען ווי איצט געטהיילט אויף אַדעליגע — פּריווילעגירטע און פּויערים — פֿערשקלאַפּטע. בנוגע צו די ניט-רוסישע פֿעלקער וויל די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי, אַז זיי זאָלען ניט האָבען קיין גלייכע רעכט מיט די רוסען. דאָס רוסישע פֿאָלק, שטעהט אין פּראָגראַם, דאַרף זיך פֿיהלען „אי אין צענטר פֿון זיין פֿאָטערלאַנד, אי אין די גרעניץ-געגענדען, ווי אַ בעל-הבית פֿון דער שטוב, וואו ער האָט דורך זיין גוטהערציגקייט געגעבען אַ ווינקעלע די אורחים — די ניט-רוסען". די רוסישע לייט דאַרפֿען זיך פֿיהלען ווי בעלי-בתים, און די פּאָליאַקען, די אידען, די פֿינלענדער, די אַרמענער — ווי געסט. און אַ בעל-הבית, פֿערשטעהט זיך, האָט מעהר רעכטען, ווי דער גאַסט. אומעטום אין די שוהלען דאַרף מען לעהרנען אויף רוסיש, ווען אפילו די תלמידים זאָלען ניט פֿערשטעהען די שפּראַך, וואָרום עס קען דאָך טרעפֿען, אַז צווישען הונדערט קינדער פֿון די אָרטיגע איינוואָהנער זאָל זיך געפֿינען אַ פּאָר רוסישע, וואָס פֿערשטעהען ניט די אָרטיגע פּוילישע אָדער פֿינישע שפּראַך; די „געסט" דאַרפֿען האָבען אָבשיי פֿאַר דעם בעל-הבית! אומעטום דאַרף מען משפּט'ן לויט די רוסישע געזעצען, און אויף די אָרטיגע מנהגים, וועלכע עקזיסטירען אין פּוילען אָדער אין קאַווקאַז, דאַרף מען גאָר ניט קוקען. אין דער פֿערוואַלטונג פֿון דער מלוכה דאַרף

דער פּאָליאַק און דער איד ניט האָבּען די אייגענע רעכט, וואָס דער רוס. א. אַ. וו.

די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי וויל, אַז עס זאָל בּלייבּען „די אייניגע אונבּעגרענצטע זעלבּסטהערשענדע מאַכט פוּנ'ם רוסישען מאָנאַרך", דאָס הייסט זי איז געגען דעם, אַז אין דער פּערוואַלטונג זאָלען האָבּען אַ חלק די פאָרשטעהער, וואָס די בּעפעלקערונג האָט זיי אויסגעקליבּען. אפילו די איצטיגע דומע, וואָס האָט נאָר דאָס רעכט צו בּעראַטען זיך מיט דער רעגירונג וועגען די ענינים פון דער מלוכה, אפילו זי טויג אויך ניט פאַר די מאָנאַרכיסטען; אויף אַזאַ אופן זענען זיי דאָך אויך ניט קיין קאָנסערוואַטאָרען, נאָר רעאַק-ציאָנערען.

עס פערשטעהט זיך, אַז אויב די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי וויל עס זאָל בּלייבּען די זעלבּסטהערשונג און די שטאַנדען, אַנערקענט זי ניט פאַר די בּירגער קיין פּאָליטישע רעכט. פרייהייט צו שרייבּען, צו ריידען, צו פערזאַמלען זיך, צו פעראייניגען זיך, צו שטרייקען — דאָס אַלץ איז בּיי איהר אין די אויגען דער גרעסטער אומגליק. „אַ פעסטע מלוכה-מאַכט", וואָס דערשטיקט מיט אַכזריות יעדע בּיר-גערליכע בּעוועגונג — אויף אַזאַ יסוד, מיינט זי, דאַרף זיך האַלטען די אָרדנונג פון דער מלוכה.

עס איז קלאָר, וועמעס אינטערעסען עס בּעשיצען די דאָזיגע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען. פאַר אַלעמען בּעשיצען זיי די אינטערעסען פון די העכערע טשינאָווניקעס, וואָס געוועלטיגען איצט איבּער רוס-לאַנד. כדי די ממשלה זאָל בּלייבּען בּיי די דאָזיגע טשינאָווניקעס, איז נויטיג, אַז די בּירגער זאָלען בּלייבּען אָהן רעכטען. אויך זענען מיט דער מאָנאַרכיסטישער פּאַרטיי צוזאַמענגעבּונדען די אינטערעסען פון דער גאַנצער אַרמעע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, וועלכע ציהט איהר היונה פון דער דאָזיגער רעכטלאָזיגקייט. די העכערע אַדעליגע, די גאַנצע מהנה מאָנאַכען, די חברה מיסיאָנערען זענען פעראינטע-רעסירט, אַז די פּראַוואָסלאַווע קירכע זאָל פערשקלאַפען דעם געדאַנק און דעם גוף פונ'ם פאָלק. די אַדעליגע פּאָמעשציקעס, וועלכע האָ-בּען ערד, נאָר זיי האָבּען ניט קיין קאַפּיטאַל, דאַרפען האָבּען שטאַנ-דעס-פּריווילעגיעס און אַ „פעסטע" מלוכה-מאַכט, דאָס הייסט — אַ מאַכט, וואָס רעגירט אונגעזעצליך, כדי זיי זאָלען קענען פערשקלאַפען די פּויערים און זויגען פון זיי דעם מאַרך. די רוסישע טשינאָווניקעס און סוחרים, וועלכע וואָהנען אין פינלאַנד, אין פּוילען, אין קאַווקאַז און אין אַנדערע גרעניץ-געגענדען, זענען פעראינטערעסירט אין דעם, וואָס זיי רופען „די איינהייט פון דער מלוכה", דאָס הייסט אַז מען

זאָל מיט געוואַלט אונטערדריקען די ניט־רוסען און אָבנעהמען בײַ זיי אַלע רעכטען: ווארום דער רוסישער מענש, וואָס די מאָנאַרכיסטען ווילען איהם מאַכען פאַר'ן איינציגען בעל־הבית אין פּוילען, אין קאַוו־קאַז און אין פינלאַנד, איז דאָס ניט דער אַרבײַטער און ניט דער פּויער — אַרבײַטער און פּויערים זענען אומעטום אָרטיגע מענשען, — נאָר דער טשינאָווניק און דער סוחר. „בעל־הבית'עווען" אין די גרע־ניץ־געגענדען הייסט בײַ די דאָזיגע טשינאָווניקעס און סוחרים — קלײַבען עשירות, אָבלעקען אַ פעט־ביינדעל, און דעריבער זענען זיי אַזוינע הייסע „פּאַטריאָטען".

הכלל, הינטער די „רעכטע" פּאַרטייען שטעהען די אַלע, וואָס האָבען כבוד און וואוילטאָג בײַ דער איצטיגער אָרדנונג פון רוסלאַנד, די אַלע, וואָס בויען זייער וואוילטאָג אויף ווילדקײַט, אונוויסענהײַט, שקלאַפערײַ; דאָס איז אַלץ אַזוינע לײַט, וואָס אויב עס זאָל זיך נאָר אים מינדעסטען אומבײַטען די אָרדנונג פון דער מלוכה, אַזוי מוזען זיי באַלד פערלירען אין גאַנצען זייער כח, ווי פּאַראַזיטען, וואָס לעבען אויף יענעמס חשבון און זענען אַליין ניט פעהיג צו פערדינען זיך מיטלען צום לעבען. די ביוראָקראַטיע (די טשינאָווניקעס), די פּאָלי־צײַ, די גײַסטליכע, די אַדעליגע, די דאָרפישע גבירים די בלוט־זויגער — אָט דאָס איז דער יסוד פון די דאָזיגע פּאַרטייען.

און די מיטלען, מיט וועלכע זיי שטרײַטען פאַר זייערע אינטע־רעסען, פּאַסען זעהר שעהן צו זייער פּאַראַזיטישער און אַזיאַטישער נאַטור. קיין פרײַען קאַמפּף פון פערשיעדענע מיינונגען ווילען זיי ניט אַנערקענען; זיי געפעלט בעסער רופען צו הילף דעם פּאָליציייאישען פויסט, אַז ער זאָל אַ תל מאַכען פון די מיינונגען, וואָס געפעלען זיי ניט. אַ „פעסטע מאַכט", דאָס הייסט אַ גאַנצע סדרה פון ווילקיר און אונגערעכטיגקײַט, איז בײַ זיי אַ הויפּט־מיטעל צו קעמפּפען פאַר דאָס, וואָס זיי ווילען. און צו דער „פעסטער מאַכט" דאַרף קומען צו הילף די גוואַלד־מעשים פון די פערנאַרטע אונוויסענדע כוליגאַנעס און שוואַרצע־מאה'ניקעס. אַלערליי פּאָגראָמען, רציחות און אַנדערע געוואַלד־מעשים זענען אַ שטענדיג מיטעל אין די הענד פון די „מאָ־נאַרכיסטען".

וואָס מעהר עס ענטוויקעלט זיך דאָס פאָלק, דאָס וועניגער פּלאַץ בלײַבט בײַ זיי אונטער די פיס, און נאָר פערצווייפעלטע מיט־לען פון פּאָליציייאישע און שוואַרצע־מאה'דיגע געוואַלד־טהאַטען בלײַ־בען איבער בײַ זיי אין די הענד. נאָר די דאָזיגע מיטלען העלפען אויך אויך צו העלפען, זינד רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען געהן אויפ'ן וועג פון אייראָפּייאישען לעבען. ניט דער קריעגס־צושטאַנד מיט די אַל־

צוּג טוֹיזענד אַרעסטירטע, נִיט דער ווילדער טאַנץ פוּן דער שוואַרצער מאה איבער׳ן גאַנצען לאַנד האָבּען נִיט געהאָלפען די „מאָנאַרכיסטען“ פוּן אַלע רעכטע פּאַרטייען, און בּײַ די וואַהלען אין גאָסודאַרסטווע־נע דומע האָבּען די מאָנאַרכיסטען פוּן אַלע 400 ערטער קוים־קוים בּעקוּמען 20, הגם מען האָט געסטראַשעט די פּויערים מיט אַלערליי שטראָפען און זיך נִיט געשעמט אונטערצוקויפען אויף׳ן שענדליכ־סטען אופן.

## III. די פּאַרטייען פוּנ׳ם צענטר.

די אָבּשטאַרבּענדע אַלטע אָרדנוּנג ווערט בּעשיצט דורך דעם „פערעין פוּן רוסישען פאָלק“, דאָס הייסט דורך די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטייען. צווישען דער דאָזיגער אַלטער אָרדנוּנג און דעם נייעם רוסלאַנד האָבּען פערנוּמען אַ פּלאַץ די אַלע פּאַרטייען פוּן אַזוינע לײַט, וואָס ווילען אַבּיסעלע פ ע ר ר י כ ט ע ן די פערהאַסטע אַלטע אָרדנוּנג, כּדי זי זאָל נִיט אויסזעהען אַזוי העסליך. פוּן אָט די פּאַר־טייען פוּנ׳ם „צענטר“ (צווישען די רעכטע און די לינקע) איז מעהר פוּן אַלע בּעקאַנט די „האַנדעל־אינדוסטריעלע“ און דער „פערעין פוּן 17 אָקטאָבּער“. בּיידע פּאַרטייען אַנערקענען, אַז ס׳איז נויטיג פיעל ווייניג בּ ע ג ר ע נ צ ע ן די מאָנאַרכיע, און דאָס איז דער חלוק פוּן זיי בּיז דעם „פערעין פוּן רוסישען פאָלק“ און נאָך אַזוינע פּאַר־טייען. בּיידע צענטר־פּאַרטייען ווילען, אַז די מאַכט אין דער מלוכה זאָל געהערען דעם מאָנאַרך צ ו ז א מ ע ן מיט די אויסגעקליבּענע מענ־שען; בּיידע ווילען, אַז ס׳זאָל זיין אַ ק אָ נ ס ט י ט וּ צ י אָ נ ע ל ע אָרד־נוּנג, דאָס הייסט אַז די רעגירוּנג זאָל מוזען פאָלגען געוויסע גרוּנד־געזעצען, און אין די דאָזיגע גרוּנד־געזעצען רעכענען זיי אַריין די געזעצען וועגען וואָרט־פרייהייט, פערזענליכע פרייהייט, פערייינען־פרייהייט א. אַ. וו. דער חלוק צווישען זיי און די איבּעריגע פּאַרטייען, וואָס ווילען אַ קאָנסטיטוּציאָנעלע אָרדנוּנג, איז דער, וואָס די הויפּט־מאַכט, רעכענען זיי, דאַרף געהערען דעם מאָנאַרך אַ ל י י ן, און די אויסגעקליבּענע מענשען, הגם זיי דאַרפען נעהמען אַנ׳אַנטהייל אין דער פערוואַלטוּנג, נאָר זיי דאַרפען שפּילען פּשוט אַ ראָלע פוּן י וֹ ע צ י ם בּײַם מאָנאַרך. די „האַנדעל־אינדוסטריעלע“ פּאַרטיי, למשל, האָט געשריבּען אין אַנ׳אויפרוּף צוּ די וועהלער, אַז די גאָסודאַרסט־ווענע דומע דאַרף נִיט האָבּען דאָס רעכט צוּ אומבּײַטען וואָס נִיט איז אין דער אָרדנוּנג פוּן דער מלוכה אָהן דעם הסכּם פוּן דעם גאָסוּ־דאַרסטווענעם סאָוועט (וואָס דער קיסר האָט אִיהם בּעשטימט). אין

„פֿעראיין פֿון 17 אָקטאָבער“ זענען די רעדעל־פֿיהרער אַזוינע לייט ווי מיכאַאיל סטאַכאָוויטש, שיפּאָוו, כאָמיאַקאָוו, וואָס זענען ערשט ניט לאַנג גאָר איבערהויפּט געווען געגען דעם, אַז מען זאָל איינפֿיה־רען אין רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג. זייער פּראָגראַם איז געווען אַ „זעמסקער קיסר“, דאָס הייסט אַ זעלבסטהערשענדער מאָ־נאַרך, וואָס איז אַרומגערינגעלט, אַחוץ טשינאָווניקעס, נאָך מיט יועצים אויסגעקליבענע פֿון דער בעפֿעלקערונג. די גאַנצע מאַכט צו בעשטי־מען אַלצדינג, האָבען זיי גערעכענט, דאַרף געהערען דעם מאָנאַרך. איצט, נאָכ'ן 17 אָקטאָבער, זענען די „אָקטאָבריסטען“ גרייט צו אַנער־קענען פֿאַר די אויסגעקליבענע פֿאָרשטעהער געוויסע זעלבסטשטענדיגע רעכטען, נאָר ווי פֿריהער רעכענען זיי, אַז די גרעסטע ווירקונג אויף דער מלוכה דאַרף בלייבען ביי'ם מאָנאַרך.

דער אַנדערער וויכטיגער אונטערשייד צווישען דעם „צענטר“ און די איבעריגע קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטייען איז דאָס, וואָס זיי ווילען די פֿערטרעטונג זאָל זיין אַ אַ ר י ס ט אָ ק ר אַ ט י ש ע. ביז'ן 17 אָקטאָבער פֿלעגען זיי רעכענען, אַז פֿאָרשטעהער דאַרפֿען שיקען נאָר די פֿערמעגענדע קלאַסען. איצט וויל דער „פֿעראיין פֿון 17 אָק־טאָבער אַ ל ג ע מ י י נ ע וואַהל־רעכט, נאָר ניט קיין גלייכע און ניט קיין דירעקטע; ער וויל אַז די פֿערמעגליכע זאָלען האָבען מעהר שטימען און אַ גרעסערע ווירקונג אויף די וואַהלען (דורך אונדירעקטע וואַהלען). און וואָס איז שייך צו דער „האַנדעל־אינדוסטריעלער“ פּאַר־טיי, האָט זי אין איהר פּראָגראַם גאָר ניט אָנגעריהרט די פֿראַגע ווע־גען אַלגעמיינעם וואַהל־רעכט. די דאָזיגע פּאַרטייען ווילען, אַז אַחוץ דער דומע זאָל עקזיסטירען אויך אַ גאָסודאַרסטווענער סאָוועט, וואו די טשינאָווניקעס, די פּאָמעשציקעס און די קאַפּיטאַליסטען זאָלען קענען גובר זיין די שטימען פֿון דער דומע.

די פּאַרטייען פֿונ'ם „צענטר“ האָבען אַרויסגעשטעלט אויף זייער פֿאָהן די פּאָליטישע פֿרייהייט. נאָר פֿאַר דער פֿרייהייט שטעלען זיי ראַהמען זעהר שמאָלע. די „האַנדעל־אינדוסטריעלע“ פּאַרטיי, למשל, האָט געזאָגט אין איהר אויפֿרוף, אַז די פֿרייהייטען, וואָס דער מאַני־פֿעסט פֿון 17 אָקטאָבער האָט צוגעזאָגט, דאַרף מען בעגרענצען צוליעב דער „גאַנצקייט פֿון דער מלוכה“. דאָס הייסט, די פּאַרטיי האַלט אויף פּונקט ווי די מאָנאַרכיסטען—די אָנהענגער פֿון דער זעלבסטהערשונג, אַז „איבעריגע“ פֿרייהייט קען שאַדען דער גאַנצקייט פֿון דער מלוכה. נאָר ווער קען דאָס זאָגען, וואו עס ענדיגט זיך די „איבעריגע“ פֿריי־הייט און ס'הויבט זיך אָן די נויטיגע? עס איז קלאָר, אַז ביי דער פּאַר־טיי אין די אויגען איז די פֿרייהייט פֿונ'ם בירגער ניט אַזאַ מין רעכט,

וואָס קומט איהם לכל הדעות, נאָר אַ אונפֿערמיידליכֿע צרה, וואָס מען כ..ז זי פֿערקלענערען אויף וויפֿיעל מען קען. אַזוי טהוט טאַקי די פּאַרטיי. „געזעצען, זאָגט זי, דאַרפֿען שטעלען אַ גרעניץ צווישען דער פֿרייהייט און דער ווילקיר“. און זי קלאָגט זיך, אַז „פֿרייהייטען האָט מען אונז געגעבען, נאָר אַזוינע געזעצען, וואָס זאָלען היטען, אַז מען זאָל די פֿרייהייטען ניט אויסניצען קאַפּויר, איז ניטאָ, און אַזוינע געזעצען מוזען ווערען בעשאַפֿען“. די פּאַרטיי, הייסט עס, קלאָגט זיך, אַז ס'איז איצט פֿאַראַן צופֿיעל פֿרייהייט ביי די רוסלענדער בירגער! מיר ברייננגען דאָ צוויי ביישפּיעלען, ווי אַזוי די פּאַרטיי וויל פֿערקלענערען די פֿרייהייט. אָט האָט איהר די פֿרייהייט פֿון פֿערזאַמלונגען און פֿעראיינען. די פּאַרטיי אַנערקענט די דאָזיגע פֿרייהייט, „נאָר, זאָגט זי, די פֿרייהייט פֿון פֿעראיינען און פֿערזאַמלונגען קען קיינעם ניט געבען דאָס רעכט צו בילדען אַ פֿעראיין אָדער צונויפֿרופֿען אַ פֿערזאַמלונג פֿון אַזוינע לייט, וואָס פֿעראייניגען זיך צוליעב פֿערברעכערישע ציעלען אָדער צוליעב אַזוינע ציעלען, וואָס זענען שעדליך דער מלוכה, דעם פֿאָלק, דער געזעלשאַפֿט, אָדער איינצעלנע פּערזאָנען“. דאָס איז גענוג קלאָר. ס'איז נאָר אַ האַרבע קשיה: וואָס זאָל מען רעכענען פֿאַר אַ זאַך „אַ פֿערברעכערישע אָדער אַ שעדליכע פֿאַר דער געזעלשאַפֿט“? איינינע רעכענען, אַז ס'איז אַ שעדליכע זאַך, ווען עס פֿערזאַמלען זיך די סוחרים און פֿאַבריקאַנטען און רעדען אָב צווישען זיך, ווי צו העכערען די מקחים אויף די סחורות, וואָס זענען נויטיג פֿאַר'ן אָרימען עולם. און אַנדערע רעכענען, אַז ס'איז פֿערברעכעריש און שעדליך, ווען אַרבייטער פֿערזאַמלען זיך צו בעקלערען, ווי צו קעמפּפֿען פֿאַר אַ קלענערען אַרבייטס־טאָג. ווער־זשע וועט דאָס פּסקנ'ען, וואָסער ציעל איז „שעדליך“ און וואָסער ניט שעדליך? מסתמא וועט פּסק'נען דער, ווער ס'איז שטאַרקער ביי דער איצטיגער אָרדנונג און ווער עס האָט די מאַכֿט אין זיינע הענד. דעריבער קומט טאַקי אויס, אַז אַלע מאָל, ווען מען הויבט אָן בעשטימען, וואָס ס'איז שעדליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, אַנערקענט מען שטענדיג, אַז שעדליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט איז דאָס, וואָס ס'איז שעדליך פֿאַר די פֿערמעגענדע.

דאָס איינענע מיט דער „פֿרייהייט צו שטרייקען“. די „האַנדעל־אינדוסטריעלע“ פּאַרטיי אַנערקענט די דאָזיגע פֿרייהייט, נאָר זי פֿאָדערט טאַקי אויפֿ'ן שטעל, אַז די שטרייקענדע זאָלען אויפֿ'ן שטרענגסטען אופֿן בעשטראָפֿט ווערען ניט נאָר פֿאַר געוואַלד־מעשים בנוגע צו די פֿעררעטער, נאָר אויך פֿאַר „סטראַשען“ די דאָזיגע לייט.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס נאָך די שטרייקען פֿון

דעצעמבער, ווען די רעגירונג האָט אומעטום איינגעפיהרט קריעגס-
צושטאַנד און האָט אָנגעהויבען צושיסען טויזענדער פריעדליכע איינ-
וואָהנער, האָט די האַנדעל-אינדוסטריעלע פאַרטיי אויף איהר צוזאַ-
מענפאָהר אַרויסגעגעבען איהר הסכמה אויף די מעשים פון דער רעגי-
רונג. ס'איז לייכט צו פערשטעהען! זי געפינט דאָך, אַז נאָכ'ן 17
אָקטאָבער האָט רוסלאַנד בעקומען צופיעל פרייהייט!

די אַנדערע פאַרטיי פונ'ם „צענטר“ — דער „פעראיין פון 17
אָקטאָבער“ — האָט אויך מסכים געווען אויף די מעשים פון דער רע-
גירונג אין די דאָזיגע טעג. דאָס איז געווען אויף איהר צוזאַמענפאָהר
אין יאַנואַר 1906. ווען איינינע האָבען פאָרגעלעגט צו פאָדערן פון
דער רעגירונג זי זאָל אָבשאַפען דעם קריעגס-צושטאַנד און די פער-
שטאַרקטע אויפזיכט, האָבען אונזערע „אָקטאָבריסטען“ בעשלאָסען,
אַז הגם עס פאַסט איינענטליך ניט ניט קיין קריעגס-צושטאַנד, ניט
קיין פערשטאַרקטע אויפזיכט פאַר אַ פרייער קאָנסטיטוציאָנעלער
מלוכה, נאָר אַזוי ווי דער פראָלעטאַריאַט מאַכט ביי אונז שטרייקען,
די פויערים פערנעהמען די פריצישע ערדען און די רעוואָלוציאָנערען
פרעדיגען וועגען אַנ'אויפשטאַנד, דעריבער טאָר מען ניט אָבשאַפען
דעם קריעגס-צושטאַנד, ביז עס וועלען ניט אַרויסגעגעבען ווערען אַזוי-
נע געזעצען, וואָס וועלען בעסער איידער אַלע קריעגס-צושטאַנדען
בעגרענצען די „איבעריגע“ פרייהייט פון שטרייקען, פון פרעסע, פון
פערזאַמלונגען, פון פעראיינען, און פון פערזאָן.

ביידע פאַרטייען פונ'ם צענטר רעדען פיעל וועגען דער „איינ-
הייט פון רוסלאַנד“ און פערשטעהען דאָס פונקט אַזוי, ווי די רעכטע
פאַרטייען: זיי געפינען, אַז אי אין פוילען, אי אין קאַווקאַז דאַרף מען
פערוואַלטען פון פעטערבורג, און ניט די פאָליאַקען, ניט די אַרמענער
דאַרפען ניט בעקומען קיין רעכט צו איינפיהרען ביי זיך אַזאַ אָרדנונג,
ווי זיי אַליין וועלען געפינען פאַר נויטיג.

בנוגע צו דער פויערים-פראַגע ווילען די פאַרטייען פונ'ם צענטר
העלפען די פויערים אין זייער נויט דורך אַזוינע מיטלען, ווי געבען
תמיכה דעם פויערשען באַנק, העלפען זיך איבערקלייבען קיין סיביר
א. אַ. וו. „מיר קענען זיך ניט צונויפגעהן, זאָגט די האַנדעל-אינדוסט-
ריעלע פאַרטיי, מיט אַזוינע מענשען, וואָס רעדען וועגען אָבגעבען
די פויערים ערד אומזיסט, וועגען אָבנעהמען די ערד ביי די פּאָמע-
שציקעס“.

בנוגע צו דער אַרבייטער-פראַגע קעמפפען די פאַרטייען פונ'ם
צענטר געגען אַנ'אַכט-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג. די האַנדעל-אינדו-
סטריעלע פאַרטיי שרייבט אין איהר אויפרוף, אַז אַנ'אַכט-שעה'דיגער

אַרבּײַטס־טאָג וועט אָרים מאַכען רוסלאַנד. ווי מיר האָבען געזעהען, קעמפּפט זי אויך געגען „איבעריגע“ פרײַהײַט פון שטרײַקען.

וועמעס זשע אינטערעסען בעשיצען די פּאַרטייען מיט אַזאַ פּראָגראַם? אין דעם „פרײַען פון רוסישען פאָלק“ האָבען מיר געזע־הען אַדעליגע, טשינאָווניקעס און גלהים, וואָס לעבען אַ גוטען טאָג אונטער די פליגעל פון דער זעלבּסטהערשענדער רעגירונג. אין „פער־אײן פון 17 אָקטאָבּער“ און אין דער „האַנדעל־אינדוסטריעלער“ פּאַר־טײ זעהען מיר פּאָמעשציקעס, סוחרים, פּאַבּריקאַנטען, וואָס האָבען שוין פערשטאַנען, אַז די זעלבּסטהערשענדע אָרדנונג איז נויטיג אָבּ־צושאַפען, כּדי די אינדוסטריע, דער האַנדעל, די בּילדונג זאָלען זיך קענען ענטוויקלען און כּדי ס'זאָלען אויפהערען די אונרוהען, וואָס צורודערן גאַנץ רוסלאַנד פון עק בּיז עק. די דאָזיגע פערמעגענדע קלאַסען, די דאָזיגע בּורזשואַזיע האָט פערשטאַנען, אַז די זעלבּסט־הערשונג שאַדט איהר אַ סך מעהר, איידער זי קען איהר העלפען בּײַם עקספּלואַטירען די „נידעריגע“ קלאַסען — די אַרבּייטער און די פּויערים. דעריבּער וויל די בּורזשואַזיע, אַז ס'זאָל זײַן אַ קאָנסטיטו־ציע און עס זאָל אויפהערען די איצטיגע ווילקיר פון דער רעגירונג. נאָר דאָס, וואָס די דאָזיגע פּאַרטייען ווילען אַוועקשטעלען אויפ'ן אָרט פון דער זעלבּסטהערשונג, האָט נאָר אַ קנאַפּע שייכות צו פרײַהײַט „אַ פעסטע מלוכה־מאַכט“ טענה'ן זיי אויף יעדען טריט. אַ רעגירונג, וואָס זאָל הערשען דעספּאָטיש איבּער'ן פאָלק נאָר זי זאָל אין דער זעלבּער צײַט אונטערטהעניג זײַן אַ הײַפעל קאַפּיטאַליסטען און ערד־בּעזיצער, — אָט דאָס איז זייער וואונש. אַ פעסטע מאַכט דאַרף דריי־קען די פּויערים און די אַרבּייטער און ניט לאָזען זיי אויסנוצען די פרײַהײַט, וואָס שטעהט אויף פּאַפּיר, ניט לאָזען זיי קעמפּפען מיט ערפאָלג פאַר זייערע אינטערעסען. אַ פעסטע מאַכט, אונטער'ן רשות פון דער בּורזשואַזיע, דאַרף אונטערדריקען די פרײַהײַט פון די אַרמע־נער, גרוזינער, פּאָליאַקען און אַנדערע ניט־רוסישע פעלקער. אַ פעס־טע מאַכט דאַרף רעגירען לויט דעם געזעץ, נאָר דער געזעץ אַליין דאַרף ווערען פערפאַסט דורך דער בּורזשואַזיע און דאַרף זײַן אַזוי שטרענג, אַז מען זאָל קענען אכזריות'דיג זיך רעכענען מיט די אַרבּיי־טער און די פּויערים „לויט געזעץ“, — אָהן דער הילף פון קריגס־צושטאַנד.

מיט איינעם וואָרט, עס דאַרף בּלײַבּען די זעלבּיגע פעסטע מאַכט, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד פון דור־דורות, נאָר אַ נוצען פון איהר דאַרף האָבּען די בּורזשואַזיע אַליין.

די בּורזשואַזע פּאַרטייען ווילען, אַז עס זאָל ווערען רעפאָרמירט

(פֿערבעסערט) די אָרדנונג פֿון דער מלוכה, נאָר עס זאָלען דערביי ניט געגעבען ווערען קיין „לעקעכלעך“ דעם פֿאָלק. דעריבער האַלטען זיי אונטער אַפּילו די איצטיגע רעגירונג, ווען זי קעמפּפט מיט דער פֿאָלקס-בעוועגונג. זיי זאָגען: „פֿרייהייט און אַלגעמיינע וואַהל-רעכט“, נאָר ווען דאָס פֿאָלק קעמפּפט פֿאַר פֿרייהייט און אַלגעמיינע וואַהל-רעכט, זאָגען זיי צו די הערן דובאַסאָווס: „הענג!“

נאָך די געשעהעניששען פֿון דעצעמבער האָבען די צענטער-פּאַרטייען ניט נאָר ניט געקעמפּפט געגען אַלע שרעקען פֿון די קלענערע און גרעסערע דובאַסאָווס, נאָר זיי האָבען אָפֿען און מיט גרויס פּאַראַד געדאַנקט די הענקער פֿונ'ם פֿאָלק. איינע פֿון די פּאַרטייען — די „פּאַרטיי פֿון רעכטליכער אָרדנונג“ — איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט אָנגעהויבען קאָנקורירען מיט'ן „פֿעראיין פֿון רוסישען פֿאָלק“ אין ענין פֿון דינגען הוליגאַנעס צו מאַכען הריגות, זי האָט אָנגעהויבען אָרגאַניזירען די שוואַרצע מאה, העלפֿען די זשאַנדאַרמען צו שפּיאָנעווען און אַרעסטירען. פֿון די פּאַרטייען, וואָס רופֿען זיך, כלומר'שט, „מעסיגע“ אָנהענגער פֿון פֿרייהייט, איז איינע געוואָרען אַ פּשוטע שוואַרצע-מאה'דיגע אָרגאַניזאַציע פֿון פּאָליציי-לייט. בעת די וואַהלען אין דומע איז די „רעכטליכע אָרדנונג“ אַרויסגעטראָטען אָפֿען, ווי אַ פּאַרטיי פֿון טשינאָווניקעס.

דעם אמת דאַרף מען זאָגען, אַז ביי די וואַהלען האָט אי דער „פֿעראיין פֿון 17 אָקטאָבער“, אי די „האַנדעל-אינדוסטריעלע“ פּאַרטיי זיך ניט געמ'יאוס'ט צו בענוצען וואו ניט וואו די הילף פֿון פּאָליציי, כדי דורכצופֿיהרען אין דומע זייערע לייט. נאָר ניט די געוואַלד-מעשים, ניט די קונצען-מאַכערייען האָבען ניט געהאָלפֿען. די פּויערים און די שטאָדטישע איינוואוינער האָבען ניט געוואָלט אויסקלייבען אין דומע אָט די פֿריינד פֿון „געמעסיגטער“ פֿרייהייט און געמעסיגטע שמיץ. בעת די וואַהלען האָבען בעקומען אַ מפּלה אי די אָקטאָבריסטען, אי די האַנדעל-אינדוסטריעלע, אי די רעכטליכע אָרדנונג, אי אַלע אַזוינע חברה אין אַלע גובערניעס, און געשיקט אין דומע האָבען זיי אַלע סך-הכל אַ מאַן 50-60 דעפּוטאַטען.

און אַז די דומע האָט זיך פֿערזאַמעלט, האָבען די אָקטאָבריסטען טאַקי באַלד זיך בעוויזען אין זייער אמת'ער צורה: זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט צו שטימען פֿאַר דעם אַדרעס, וועלכען די דומע האָט געשיקט צום קיסר, און אין וועלכען זי האָט געפֿאָדערט אַמניסטיע און אָבשאַפֿען די טויט-שטראָף. אונטערשרייבען דעם אַדרעס זענען זיי געווען מוסכם נאָר מיט דעם תנאי, אויב די דומע וועט אין דער זעלבער צייט זיך אַרויסזאָגען געגען די געוואַלד-מעשים פֿון די רעװ-

וואָלוציאָנערען בנוגע צו די מיניסטאָרען און פּאָליציי-לייט. ס'איז ביי זיי אויסגעקומען אַזוי, אַז אויב דער הענקער שינדט די הויט פון זיין קרבן, איז ער, דער הענקער, געוויס ניט גערעכט, נאָר אויב דער קרבן כאַפּט געווער אין האַנד און פערטהיידיגט זיך געגען הענקער, איז ער אויך ניט גערעכט. אַזוי פערשטעהען די „גערעכטיגקייט" גראַף הייידען און די איבעריגע „אָקטאָבריסטען".

פּלעגט אין דומע נאָר אָנהויבען אַ שמועס וועגען די פּאָגראָם-מעשים פון דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, צו וועגען נייע טויט-שטראָפען, צו וועגען אַרעסטען אָהן אַ צאָהל, — די אָקטאָבריסטען פּלעגען שטענדיג אָנפאַלען אויף דער רעוואָלוציע, און דערמיט פלעגען זיי אָבשוואַכען די בעדייטונג פון די אָנפראַגען פון דער דומע און פלעגען אויף אַזאַ אופן אונטערהאַלטען די רעגירונג פון דער בייטש און נאַהייקע.
ווען די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזען אַ שוואַרצע-מאה'דיגע פּראָקלאַמאַציע וועגען ערד-פראַגע און די דומע האָט בעשלאָסען צו ענטפערן אויף איהר מיט אַנ'אויפרוף צום פאָלק, אין וועלכען זי האָט געוואָלט דערצעהלען דעם אמת, אַז די רעגירונג לאָזט איהר ניט לעזען די ערד-פראַגע, — האָבען די „אָקטאָבריסטען" זיך אָבגעזאָגט צו שטימען פאַר אַזאַ אויפרוף צום פאָלק: נאָך זייערן פריצישען שכל קומט אויס, אַז די דומע, וואָס איז אויסגעקליבען דורכ'ן פאָלק, טאָר זיך ניט דורכרעדען מיט דעם זעלביגען פאָלק.

און ווען די רעגירונג האָט צוטריבען די דומע, האָבען די אָקטאָבריסטען ניט געוואָלט אונטערשרייבען דעם בעוואוסטען אויפרוף פון איהרע 200 מיטגליעדער, זיי האָבען ניט געוואָלט זיך שטעלען אָפען און ערליך אויף דער זייט פון דער פאָלקס-פערטרעטונג אין איהר קאַמפּף מיט דער פּאָליציי'אישער זעלבסטהערשונג. אָט אַזוי זענען זיי איבערגעגעבען דער קאָנסטיטוציע און דער פרייהייט.

נאָכ'ן פאַנאַנדערטרייבען די דומע האָט די רעגירונג געפּרובט צוציהען צו זיך די אָקטאָבריסטען דורך דעם, וואָס זי האָט איינינגע פון זיי געוואָלט מאַכען פאַר מיניסטאָרען. נאָר אין דער זעלבער צייט האָט די רעגירונג זיך ניט געוואָלט אָבזאָגען ניט פון דעם קריעגס-צושטאַנד, ניט פון אַלע איהרע געוועהנליכע דרכים. די אָקטאָבריסטען האָבען ניט געקענט, הגם זיי האָבען זעהר חשק געהאַט, דורכקומען מיט דער רעגירונג, אונטערהאַלטען די פּאָליטיק פון אָפענע, מחוצפ'דיגע מערדעריי און געוואַלד-מעשים, — די פּאָליטיק, וואָס מאַכט אָרים און אומגליקליך דאָס לאַנד און וואָס איז שוין לאַנג פערטויילט אויף דער גאַנצער וועלט. דער אָבמאַך איז ניט אָבגעראָטען, און די אָנגעזעהענע אָקטאָבריסטען — הייידען און אַנדערע — האָבען אָנגעהויבען

אָרגאַניזירען אַ נייַע פּאַרטיי, וועלכע זיי האָבען אָנגערופֿען „די פּאַרטיי פֿון פֿריעדליכער בענייאונג“. אַ פּנים, דער אַלטער נאָמען „פֿעראיין פֿון 17 אָקטאָבער“ איז שוין צו שטאַרק פֿערשמוצט: עס האָבען איהם פֿערפֿלעקט די שענדליכע מעשים פֿון זיינע מיטגליעדער, וועלכע האָבען אויס פֿיינדשאַפֿט צו די ענטשלאָסענע פֿרייהייטס-קעמפֿער אונטערגעהאַלטען יעדע נידערטרעכטיגקייט פֿון דער רעגירונג און דערביי געמאַכט אַזאַ פֿרום פּנים, אַז ביי אונז איז כלומר'שט פֿאַראַן אַ ריין-קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג און דאָס פֿאָלק האָט גאָר ניט וואָס צו קעמפֿען מיט דער רעגירונג. נאָכ'ן פֿאַנאַנדערטרייבען די דומע האָבען זיך געעפֿענט די אויגען אפילו ביי די לייכטגלויביגע, און די אָנגעזאָגטע אָקטאָבריסטען האָט זיך פֿערוואָלט בייטען די פֿעל. נאָר פֿון אונטער דער נייער פֿעל פֿון „פֿריעדליכער בענייאונג“ קוקט אַרויס די אַלטע צורה פֿון „פֿעראיין פֿון 17 אָקטאָבער“. די פּאַרטיי פֿון „פֿריעדליכער בענייאונג“ זאָגט אונז צו, אַז זי וועט קעמפֿען פֿאַר פֿרייהייט, נאָר איהר ערשטער טריט איז געווען קעמפֿען געגען אויפֿרוף פֿון די 200 דומע-דעפּוטאַטען. אין דעם אויפֿרוף האָט מען גערופֿען דאָס פֿאָלק ניט צאָהלען קיין שטייערען דער איצטיגער רעגירונג, און דערויף זענען די הערן היידען און סטאַכאָוויטש ניט מסכים. אודאי! וואָס דען? היינט וועט דער פּויער ניט בעצאָהלען דער רעגירונג, מאָרגען קען איהם איינפֿאַלען ניט צאָהלען דעם פּריץ זיין רויבערישע אַרענדע! די נייַע פּאַרטיי וויל, אַז די פֿרייהייט זאָל דערגרייכט ווערען אויפֿ'ן „פֿריעדליכען“ וועג. נאָר אַזוי ווי די רעגירונג קעמפֿט דורך געוואַלד-מעשים, שטרייטענדיג פֿאַר איהר ווילקיר, דעריבער קומט אויס, אַז געהן אויפֿ'ן „פֿריעדליכען“ וועג הייסט זיך אָבזאָגען פֿון יעדער מין קאַמפּף. די פּאַרטיי וויל „בעניייען“ רוסלאַנד. אמת, דער אַרבייטער און דער פּויער פֿון רוסלאַנד דאַרפֿען זיך בעניייען, דאַרפֿען פֿון זיך אַראָבוואַרפֿען די פֿעל פֿון אַ שטומען קנעכט און ווערען פֿרייע בירגער. און זיי סטאַרען זיך טאַקי דאָס צו דערגרייכען, נאָר אויפֿ'ן וועג שטויסען זיי זיך אָן אָן דער רעגירונג און דער פּועל-יוצא דערפֿון איז, אַז די פֿראַגע ווערט געלעזט גאָר ניט אויפֿ'ן „פֿריעדליכען“ וועג. און די הערען היידענס שרייען, אַז געוואַלד-מעשים בנוגע צו דער רעגירונג איז פּונקט אַזאַ פֿערברעכען, ווי געוואַלד-מעשים בנוגע צום פֿאָלק, און דעריבער.... דעריבער שילטען זיי מיט קללות דעם קאַמפּף פֿונ'ם פֿאָלק, וואָס שטעלט אַרויס געוואַלד געגען געוואַלד.

„די איינענע יענטע, נאָר אַנדערש פֿערשלייערט“ — אָט וואָס מען קען זאָגען וועגען דער פּאַרטיי „פֿריעדליכע בענייאונג“. דאָס איז דער איינענער „פֿעראיין פֿון 17 אָקטאָבער“, וועלכער האָט זיך פֿער-

שמירט אויף שטענדיג, האַלוענדיג דובאַסאָוו'ן, קעמפּפענדיג צוזאַ= מען מיט דער שוואַרצער מאה געגען דער פריַיהײַט פון'ם פאָלק.

## IV. ליבעראַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

די צענטער=פּאַרטייען, הגם זיי זאָגען, אַז מען דאַרף אָבשאַפען די איצטיגע זעלבסטהערשאַפט, זעהען זיי פונדעסטוועגען צו לעבען אין שלום מיט דער איצטיגער זעלבסטהערשענדער רעגירונג. די לינ= קע פּאַרטייען האַלטען זיך פיַינדליך צו דער איצטיגער רעגירונג. די דאָזיגע פּאַרטייען קען מען טהיילען אויף 1) ליבעראַל=דעמאָקראַטי= שע און 2) רעוואָלוציאָנערע.

פון די ליבעראַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטייען איז די איינציגע, וואָס האָט אַ ווירקונג און איז פערשפּרייט אין גאַנץ רוסלאַנד, — די „פּאַרטיי פון פאָלקס=פריַיהײַט" (אָדער קאָנסטיטוציאָנאַליסטען=דעמאָ= קראַטען). די איבעריגע פּאַרטייען פון דעם זעלביגען מין — די „פּאַרטיי פון דעמאָקראַטישע רעפאָרמען", די „פּאַרטיי פון פריַי=דענקער", די „ראַדיקאַלע פּאַרטיי" האָבען אַ ווירקונג נאָר אין איינציגע ערטער.

די פּאַרטיי „פאָלקס=פריַיהײַט" שטרעבט צו אַ קאָנסטיטוציאָ= נעלער אָרדנונג: זי וויל, אַז אַלע בירגער זאָלען זיין גלייך פאַר דעם געזעץ, זי וויל פריַיהײַט פון געוויסען און גלויבען, פריַיהײַט פון וואָרט און פּרעסע, פריַיהײַט פון פערזאַמלונגען און פעראיינען, פריַיהײַט פון פּעטיציעס (פיעלע בירגער זאָלען מעגען דערלאַנגען צוזאַמען אַנ= ערקלערונג בנוגע צו פראַגען פון דער מלוכה), אונבערירהרליכקײַט פון פערזאָן און וואוינונג, פריַיהײַט צו בײַטען דעם וואוין=אָרט. די פּאַרטיי פאָדערט, אַז אין דער פערוואַלטונג פון'ם לאַנד און אין דער געזעצגעבונג זאָל זיך בעטהייליגען אַ פערזאַמלונג פון פערטרעטער, אויסגעקליבענע אויפ'ן גרונד פון אַלגעמיינער, גלײַכער, דירעקטער און געהיימער אָבשטימונג. דאָס וואָרט „בעטהייליגען" בעוויַיזט, אַז נאָך דער מיינונג פון דער פּאַרטיי „פאָלקס=פריַיהײַט" (אָדער, ווי מען רופט זי נאָך אַנדערש, „קאַדעטישע" פּאַרטיי) דאַרפען די פאָלקס= פערטרעטער ניט האָבען די גאַנצע מאַכט אין דער מלוכה. אַזוי איז דאָס טאַקי. די קאַדעטען זענען אַ מאָנאַרכישע פּאַרטיי, דאָס הייסט זיי ווילען, אַז די מאַכט זאָל געהערען בשותפות צו אַ מאָנאַרך, וואָס בעקומט די מאַכט בירושה, און צו די פערטרעטער, וואָס ווערען אויסגעקליבען פון'ם פאָלק. אָהן דעם הסכם פון די פאָלקס=פערטרעטער, קען ניט אַרויסגעגעבען ווערען קיין שום געזעץ; נאָר פון דער אַנדערער זײַט קען אַ געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון די פאָלקס=פער=

טרעטער, ניט בעקומען קיין קראַפט, ביז ס'איז ניטאָ אויף איהם דער הסכם פון דעם מאָנאַרך. די צענטער־פּאַרטייען ווילען, אַז דער מאָנאַרך זאָל א י ב ע ר וו ע ג ע ן די פאָלקס־פערטרעטער, די פּאַרטיי קאָנסטיטוציאָנאַליסטען־דעמאָקראַטען גיעט זיי ביידען, — איין מענשען און די פאָרשטעהער פון 150 מיליאָן — צו גלייכע חלקים מאַכט. געבען אַ קאָנסטיטוציע פאַר רוסלאַנד, רעכענען די צענטער־פּאַרטייען, דאַרף געבען דער מאָנאַרך; די „קאָנסטיטוציאָנאַליסטען־דעמאָקראַטען" רעכענען, אַז זיי דאַרף אויסגעאַרבייט ווערען דורך די פאָלקס־פערטרעטער ל ו י ט אַ פ ש ר ה מ י ט ד ע ם מ אָ נ אַ ר ך. נאָר אויסקומען קומט אויס, אַז ביי די „קאָנסטיטוציאָנאַליסטען־דעמאָקראַטען" זענען די פאָלקס־פערטרעטער און דער מאָנאַרך פערגלייכט נאָר אויף פּאַפּיער, וואָרום אין אמת'ן לאָזען זיי איבער אין די הענד פון'ם מאָנאַרך די גאַנצע אַרמעע, דאָס הייסט אַלע בעוואַפענטע קרעפטען, און דאָס מאַכט דעם מאָנאַרך אויף אַ היבש ביסעל שטאַרקער אין זיין ווירקונג אויף די ענינים פון דער מלוכה.

אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז הגם די קאַדעטען טראָגען דעם נאָמען „דעמאָקראַטען", זענען זיי ניט קיין אָנהענגער פון אַן־אמת'ער פאָלקס־הערשאַפט (דעמאָקראַטיע): זיי שטרעבען פערקירצען, פערקלענערן די דעמאָקראַטיע פונקט אַזוי, ווי די „אָקטאָבריסטען" שטרעבען פערקלענערן די פרייהייטען און די קאָנסטיטוציע. ס'איז דאָ נאָך אַ פונקט, וואו עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די קאַדעטען זענען ניט קיין פולע דעמאָקראַטען: הגם זייער פּאַרטיי וויל ס'זאָל זיין נאָר א י י ן פּאַלאַטע פון פאָלקס־פערטרעטער, נאָר די דאָזיגע פּראָגראַם־פאָדערונג איז ביי זיי ניט קיין אָ ב ל י ג אַ ט אָ ר י ש ע: ווער עס וויל קען זיך האַלטען פאַר איין פּאַלאַטע, ווער עס וויל קען אַגיטירען פאַר צוויי — דאָס הייסט אַז אַחוץ דער פּאַלאַטע, וואָס איז אויסגעקליבען פון'ם פאָלק דורך דירעקטע אָבשטימונג, זאָל זיין נאָך איינע, אויסגעקליבען פון די זעמסטוועס און די שטאָדט־דומעס. אַחוץ דעם איז אין דעם פּראָגראַם פון די קאַדעטען ניטאָ די פאָדערונג צו אָבשאַפען די שטענדיגע אַרמעע און פערבייטען זי אויף אַ בעוואַפנונג פון'ם גאַנצען פאָלק, אָדער אַ מיליציע, און מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז אַ שטענדיגע אַרמעע איז אין די הענד פון דער רעגירונג אַ מיטעל צו דריקען דאָס פאָלק. איז דאָס פאָלק ניט בעוואַפענט, איז קיין פרייהייט ניטאָ.

בנוגע צו דער פויערים־פראַגע רעכענט די קאַדעטישע פּאַרטיי, אַז ס'איז נויטיג איבערגעבען די קרוינישע, די קלויסטערשע און די הויפּישע ערדען צו די פויערים, וואָס האָבען ווינציג ערד, זי איז אויך מסכים צו איבערגעבען זיי אַ טהייל פּריצישע ערד, נאָר מיט דעם תנאי,

אַז פֿאַר דער דאָזיגער ערד זאָלען די פּריצים בעקומען געצאָהלט „לויט אַ גערעכטיגער אָבשאַצונג“, און שאַצען שאַצט זי די ערד טאקי גענוג טייער.

בנוגע צו דער אַרבייטער־פֿראַגע רעכענט די קאַדעטישע פּאַרטיי, אַז ס'איז נויטיג צו פֿערקירצען דעם אַרבייטס־טאָג לויט געזעץ, נאָר אַיינפֿיהרען אַן 8־שעה'דיגען אַרבייטס־טאָג, רעכענט זי, וועט זיין מעגליך ניט אַזוי גיך, — זי וויל פֿערקירצען דעם אַרבייטס־טאָג ביסלעכוויַיז, אַז די קאַפּיטאַליסטען זאָלען קיין אונבעקוועמליכקייט ניט פֿיהלען.

די קאָנסט.־דעמאָקראַטען זענען אויך פֿאָרשטעהער פֿון די פֿערמעגענדע קלאַסען, אָבער ניט פֿון יענעם טהייל, וואָס וויל ביי אַ „פֿריַיער“ אָרדנונג געוועלטיגען צוזאַמען מיט די טשינאָווניקעס און האַלטען דאָס פֿאָלק אין צוים; מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט אַזאַ טהייל פֿערמעגענדע קלאַסען, וואָס איז גרייט, קעמפֿענדיג פֿאַר זיין פֿריַיהייט און זיינע רעכטען, זיך אָנשפּאַרען אין דעם קאַמפּף אויף דעם פֿאָלק און געבען איהם אַ געוויסען חלק פֿון אָט די רעכטען. די הויפּט־קראַפֿט פֿון דער פּאַרטיי — דאָס זענען קלענערע אייגענטהימער, — וואָס דורכ'ן רייכקייט אַליין זענען זיי ניט גענוג שטאַרק — בעזאָנדערס אייגענטהימער פֿון ערד, און די מעהר פֿערמעגליכע אינטעליגענץ. דאָס „קאַדעטישע“ פּראָגראַם דאָס איז דער מאַקסימום (די גרעסטע צאָהל) פֿון יענע רעכטען, פֿון יענע פֿריַיהייטען און הנחות, וואָס די בורזשואַזיע איז גרייט צו געבען דעם פֿאָלק, כּדי צוזאַמען מיט איהם פּטור ווערען פֿון דער זעלבסטהערשונג און בעקומען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג. דער דאָזיגער טהייל בורזשואַזיע וויל האָבען דאָס פֿאָלק אויף זיין צד, און דעריבער ערקלערט ער זיך פֿאַר דעמאָקראַטיש; נאָר אַזוי ווי די בורזשואַזיע האָט מורא, אַז דאָס פֿאָלק — די אַרבייטער און די פּויערים — זאָלען ניט בעקומען אַ צו גרויסע ווירקונג אויף די ענינים פֿון דער מלוכה, דעריבער וויל זי בעגרענצען די דעמאָקראַטיע: זי גיעט אַ טהייל מאַכט דעם מאָנאַרך און זיינע אונטערגעבענע. געפֿינענדיג פֿאַר נויטיג צו בעפֿריעדיגען די פֿאָדערונגען פֿון די פּויערים בנוגע צו ערד, וויל די פּאַרטיי פֿונדעסטוועגען ניט איינרייסען מיט די פּאָמעשציקעס אויך, און דעריבער פֿאָדערט זי, אַז פֿאַר דער ערד, וואָס מען וועט אָבגעבען, זאָל מען אַרויפֿלעגען אויף די פּויערים אַ נייע משא — געצאָהלט פֿאַר די פּאָמעשציקעס *).

אָט אַזוי וואַקעלט זיך די קאַדעטישע פּאַרטיי צווישען די אינ־

---

*) אויב דאָס אויסקויפֿס־געלד וועט אויף זיך נעהמען קאַזנאַ, וועלען אַלץ צאָהלען די אַרבייטער און די פּויערים.

טערעסען פֿון די פֿערמעגענדע קלאַסען און די אינטערעסען פֿונ׳ם פֿאָלק. נאָך מעהר איז דאָס קענטיג אין דער קאַדעטישער טאַקטיק. שטרעבענדיג צו אײַנפֿיהרען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג, זעהט די פּאַרטײ, אַז די איצטיגע רעגירונג קעמפּפֿט מיט אַלע קרעפֿטען פֿאַר איהר הערשאַפֿט. דעריבער האָבען די קאָנסטיטוציאָנאַליסטען־דעמאָקראַטען געמוזט אַנערקענען דעם נוצען פֿון אַ פֿאָלקס־בעוועגונג, וואָס וועט גיך און גוט פֿערניכטען די הערשאַפֿט פֿון די הערן דובאַסאָװס און וויטע. נאָר די אייגענע פֿאָלקס־בעוועגונג, וואָס געהט געגען דער זעלבסטהערשאַפֿט, ריהרט אָבער אָן אויך די פֿערמעגענדע קלאַסען. די פּויערים נעהמען אָב בײַ די פּריצים די ערד מיט געוואַלד, די אַרבײַטער פֿערקלענערען דעם ריוח פֿון די קאַפּיטאַליסטען. דערפֿון נעהמט זיך, וואָס אַ טהייל קאַפּיטאַליסטען און פּאָמעשציקעס געהען אַװעק צוריק אינ׳ם לאַגער פֿון דער זעלבסטהערשונג, און דעם אַרבײַטער־קלאַס און די פּויערים ברײַנגט יעדער נײַער נצחון נײַע קרעפֿטען און גרעסערע ווירקונג. און דאָס רופֿט אַרויס בײַ די ליבעראַלען אַ פּחד פֿאַר דער רעוואָלוציע, און איבער דעם פּחד קומט שטענדיג אויס, אַז זיי זאָגען זיך אָב צו ערפֿיהלען דאָס, וואָס זיי אַליין האָבען פֿריהער צוגעזאָגט, און זיי טרעטען אָפּט אַרויס געגען פֿאָלק. הײַנט האַלטען זיי אונטער אַ פּאָליטישען שטרײַק, מאָרגען שרײַען זיי, אַז די שטרײַקען מאַכען אָרים דאָס לאַנד. הײַנט זינגען זיי אַ לויב צו די וואָס קעמפּפֿען געגען פּאָליטישע געוואַלד־מעשים, מאָרגען שרײַען זיי, אַז די רעוואָלוציאָנערען אַליין מיט זייערע געוואַלד־מעשים, רופֿען אַרויס די געוואַלד־מעשים פֿון דער רעגירונג. הײַנט זאָגען זיי צו די פּויערים איבערגעבען זיי די ערד, און רופֿען דערמיט אַרויס צווישען זיי אַנ׳אויפֿרעגונג, און מאָרגען — ווען די פּויערים הויבען אָן אָבנעהמען די ערד בײַ די פּריצים, שרײַען זיי, אַז דער פּויער איז „אַ ווילדע חיה“, וואָס ווייסט ניט קיין אָבהאַלט. הײַנט ערקלערען די קאַדעטען מיט גרויס פּאַראַד, אַז די צײַט פֿון בקשות און תחנות איז שוין אַריבער און אַז איצט דאַרף מען פֿאָדערן און ניט בעטען, און מאָרגען דערשרעקען זיי זיך פֿאַר דעם, וואָס די פּאָליטיק פֿון פֿאָדערן מוז ברײַנגען צו אַ בעוואַפֿענטען אויפֿשטאַנד, און הויבען אָן בעטען מיט טרעהרען און מיט תחנונים, אַז די רעגירונג זאָל זיך „פֿריעדליך“ אָבזאָגען פֿון איהר ממשלה איבער רוסלאַנד.

בײַ די וואַהלען אין דומע האָט אַ מאַסע פּויערים און שטאָדטיגע אײַנוואָהנער אָבגעגעבען זייערע שטימען די קאַדעטען, אַלס אַזוינע מענשען, וואָס האָבען אויף זייער פֿאָהן אַרויסגעשטעלט „די פֿאָלקס־פֿרײַהײַט“. די קאַדעטען זענען אין דומע געווען די שטאַרקסטע פּאַרטײ

און ס'איז געקומען די צײַט, זיי זאָלען ווײַזען בפּועל, אויף וויפיעל זיי זענען פֿעהיג צו קעמפּפען פֿאַר די אינטערעסען פֿונ'ם גאַנצען פֿאָלק.

מיט דער גאַנצער טהעטיגקײַט זייערער אין דומע האָבען זיי בעוויזען, אַז צו אַ ענטשיידענעם קאַמפּף פֿאַר פֿרײַהײַט זענען זיי ניט פֿעהיג. זיי האָבען ערקלערט דער רעגירונג וועגען איינינע דרינגענדע פֿאָדערונגען פֿונ'ם פֿאָלק, זיי האָבען געפֿאָדערט מען זאָל אָבזאָגען די מיניסטאָרען, וואָס מאַכען אָרים דאָס פֿאָלק דורך זייער פֿערוואַלטונג און טרעטען מיט די פֿיס זײַנע רעכט. נאָר די רעגירונג האָט, פֿערשטעהט זיך, די דאָזיגע פֿאָדערונגען ניט נאָכגעגעבען. די ווילדע חיות, וואָס רײַסען אויף שטיקער דעם גוף פֿונ'ם פֿאָלק, האָבען זעהר וועניג השק זיך אָבזאָגען פֿון זייערע אינטערעסען, ווען זיי זעהען פֿאַר זיך מענשען, וואָס פֿאָדערן „פֿריעדליך“. קיינמאָל האָט די ווילקיר פֿון די טיראַנען און עקספּלואַטאַטאָרעס ניט אָבגעטרעטען מיט'ן גוטען ווילען. די דומע פֿלעגט ניט אויפֿהערען צו רעדען וועגען די נויטען פֿונ'ם פֿאָלק, און די רעגירונג האָט דערויף געענטפֿערט דערמיט, וואָס זי האָט פֿערשטאַרקט די אַרבײַט פֿון פֿערווירסטונג, פֿערברייטערט דעם קריעגס-צושטאַנד, פֿער'משפּט נײַע מענשען צום טויט, געמאַכט אַ פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק. די קאַדעטען פֿלעגען דאָס אַלעס צוזעהען און פֿלעגען נאָר זיך קלאָגען אויף דער וואַהנזיניגקײַט און אונפֿערשעמטקײַט פֿון די מיניסטאָרען, אָבער ווענדען זיך צו די פֿאָלקס-מאַסען, רופֿען זיי צו אונטערהאַלטען די פֿאָלקס-פֿערטרעטער, — דאָס האָבען זיי ניט געטהאָן, פֿערקעהרט, זיי האָבען נאָך געזועהען מיט אַלע מעגליכקײַטען אײַנרייִדען דעם פֿאָלק, אַז איצט וועט מען זיך שוין בעגעהן אָהן איהם, אַז אויסקלײַבענדיג דעפּוטאַטען האָט דאָס פֿאָלק שוין געטהאָן אַלעס, וואָס מען קען פֿון איהם פֿערלאַנגען, און ווײַטער מישען דאַרף זיך עס שוין ניט. די קאַדעטען האָבען אָפֿען ערקלערט, אַז די צײַט פֿון רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף האָט זיך אין רוסלאַנד שוין געענדיגט, און אַז פֿון הײַנט און ווײַטער וועט מען בעקומען רעכטען פֿאַר'ן פֿאָלק און פֿערבעסערען זײַן לאַגע נאָר אויפֿ'ן „פּאַרלאַמענטאַרישען“ וועג, ד. ה. דורך אָבשטימונגען אין דומע. זיי האָבען אַליין געזועהען, אַז פֿון די דאָזיגע אָבשטימונגען קומט גאָר ניט אַרויס, אַז ווען די דומע האָט בעשלאָסען אָבנעהמען ערד בײַ די פּריצים אַפּילו געגען זייער ווילען, האָט די רעגירונג געענטפֿערט, אַז אָבנעהמען די ערד בײַ די פּריצים וועט זי „ניט דערלאָזען“, ווען די דומע האָט געפֿאָדערט מען זאָל משפּט'ן די ביאַליסטאָקער גראָמילעס, האָט די רעגירונג אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע גראָמילעס אַ שעהנעם דאַנק, און ווען די דומע האָט בעשטימט אָבשאַפֿען די טויט-שטראָף, האָט די

רעגירונג געגענטפערט מיט נייע תליות. דאס אלצדינג האבען זיי גע־זעהען, נאר זיי האבען פונדעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן, אז דער רעוואלוציאנערער קאמפף פונ׳ם פאלק איז ניט נויטיג און אז די דומע וועט בשום אופן זיך ניט שטעלען אויפ׳ן רעוואלוציאנע־רען וועג, זי וועט זיך ניט שטעלען בראש פונ׳ם פאלק אין דעם דאזי־גען קאמפף. דאס אלצדינג האבען זיי געזעהען, און פונדעסטוועגען האבען זיי ניט אויפגעהערט צו גלויבען, אז די רעגירונג וועט סוף כל סוף אבטרעטען פאר די איינשטימיגע ערקלערונגען פון דער דומע, זי וועט אליין אבשאפען די שווארצע מאה׳ס אליין אויפעפענען די תפיסות, ארויסלאזען די איינגעשלאסענע, אליין זיך אבזאגען פון איהר ממשלה און זי איבערגעבען צו די לייט, וואס האבען דעם צוטרוי פון דער דומע און פון דעם פאלק. פון וואנען האט זיך ביי זיי גע־נומען אזא בלינדע האפנונג, אז א נס וועט געשעהען? די דאזיגע האפנונג שטאמט פון דער מורא פאר דער רעוואלוציע, פון דער מורא פאר א בעוועגונג פונ׳ם פאלק. א פאלקס־בעוועגונג, אויב זי וועט זיעגען, וועט זי דערגרייכען אלצדינג, צו וואס עס שטרעבען די קאדעטען, נאר זי וועט קענען דערגרייכען ניט נאר דאס. ווען דאס פאלק וועט זיעגען, וועט עס זיך ניט בענוגענען מיט אזוינע פרוכט, וואס טויגען פאר די אינטערעסען פון די פערמעגענדע קלאסען; די קאדעטען אבער ווילען אז ביי׳ם אויפבויען א נייע ארדנונג זאלען די דאזיגע אינטערעסען ליידען וואס וועניגער — ווען אפילו עס זאל דערביי אויסקומען צו אפפערן אזא קלייניגקייט, ווי די אינטערעסען פון די ארבייטער, די פויערים און די איבעריגע געמיינע לייט. ווען דאס פאלק וועט זיעגען, וועט עס ניט דערלאזען — אויב נאר עס וועט זיין גענוג בעוואוסטזיניג — אז מען זאל זיינע נויטיגע פרייהייטען בע־גרענצען מיט קונציג אויסגעטראכטע פערפלאנטערטע געזעצען, ווי עס טראכטען שטענדיג אוים אזוי בריה׳ש די אלע לייט, וועלכע שי־צען די אינטערעסען פון די פערמעגענדע קלאסען. און אויסטראכטען אזוינע געזעצען זענען טאקי די קאדעטען גרויסע בריות. פערזאמלונגס־פרייהייט פאדערן זיי שטענדיג, און אז ס׳איז געקומען אין דומע אויסארבייטען א געזעץ וועגען פערזאמלונגען, האבען זיי זיך בעווא־רענט, אז די פרייהייט פון פערזאמלונגען זאל ניט זיין א פאלקאמע פאר די ארבייטער און די פויערים. אויסארבייטענדיג א געזעץ וועגען פרעס־פרייהייט, האבען זיי בעווארענט, אז די פראלעטארישע פרעסע זאל ניט זיין אינגאנצען פריי, אז אויב מען וועט דארפען, זאלען די פערמעגענדע קלאסען מיט דער הילף פונ׳ם משפט קענען בינדען די הענד דער פראלעטארישער פרעסע אין איהר אויפקלערונגס־ארבייט.

ווען די פויערים וועלען אָבהאַלטען אַ פאָלקאָמען נצחון איבער דער איצטיגער אָרדנונג, וועלען זיי שטרעבען, אַז ס'זאָל אַריבערגעהן אין זייערע הענד די גאַנצע פּריצישע ערד און דערצו נאָך אויף די בעסטע בעדינגונגען, דאָס הייסט אָהן אַ שום אויסקויף-געלד פאַר די איצטיגע אייגענטהימער. און די קאַדעטען האָבען בפירוש אויסגעטייטשט, אַז הגם מען מעג אָבנעהמען ביי די פּריצים די ערד אָהן זייער הסכם, נאָר מען דאַרף זיי דערביי בעצאָהלען „לויט אַ גערעכטער אָבשאַצונג".

אָט די מורא, אפשר וועט די פאָלקס-רעוואָלוציע פערגעהן צו ווייט, האָט געבראַכט דערצו, אַז די קאַדעטען אין דומע האָבען געקעמפּפט ניט נאָר געגען דער זעלבסטהערשאַפט, נאָר אויך געגען פּראָלעטאַריאַט און איבערהויפּט געגען די רעוואָלוציאָנערען. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אַז זיי זענען געגען רעוואָלוציאָנערען קאַמפף, און האָבען מיט אַלע מעגליכקייטען זיך בעמיהט איינרעדען דעם פאָלק, אַז די רעגירונג וועט אַליין נאָכגעבען די פאָדערונגען פון'ם פאָלק. נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריהער, איידער ס'איז געוואָרען צוטריבען די דומע, אין דער צייט ווען ס'איז שוין געווען פאַר אַלעמען קלאָר, אַז די דומע וועט לאַנג ניט לעבען, האָבען די קאַדעטען אַרויסגעלאָזט אַנ'ערקלערונג וועגען דער ערד-פראַגע, וועגען דעם, ווי די רעגירונג דערלאָזט ניט איבערגעבען די פויערים די ערד, און אין דער אויפקלערונג האָבען זיי גערופען דאָס פאָלק צו האָבען „געדולד", צו וואַרטען רוהיג ביז מ'וועט איהם אַריינלעגען אַנ'אָבגעשיילט איי אין מויל אַריין, דאָס הייסט ביז די ערד וועט איבערגעהן אין די הענד פון די פויערים אָהן אַ שום קאַמפף פון זייער זייט.

מיט אַזוינע מעשים האָבען די קאַדעטען נאָר צוגעגרייט אַ מפּלה זיך אַליין און דערמיט אויך דער גאַנצער דומע. די רעגירונג האָט געזעהען, אַז די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין דומע — די קאַדעטען — האָבען מורא פאַר דער רעוואָלוציע נאָך מעהר ווי פאַר די דובאַסאָווס און טרעפּאָווס, און זי האָט פערשטאַנען אַז זי קען מאַכען אַנ'אָנפאַל אויף דער דומע און אַז קיין פעסטען ווידערשטאַנד וועט זי ניט בעגעגענען. און דאָס פאָלק איז געווען צוטומעלט דורך די אַלע רעדעס וועגען „געדולד" און רוהיגקייט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, ווען די ווילדע פּאָליציייאישע האַנד האָט צוטריבען זיינע פערטרעטער.

דאָס אַלעס, וואָס מיר האָבען גערעדט וועגען די קאַדעטען, פּאַסט מעהר אָדער ווייניגער אויך צו אַלע איבעריגע ליבעראַלע פּאַרטייען, ווי למשל די „פּאַרטיי פון דעמאָקראַטישע רעפאָרמען".

## V. רעוואלוציאנערע פארטייען.

ביז אהער האבען מיר גערעדט וועגען אזוינע פארטייען, וואס ס'האבען זיי געבילדעט אליך „אדונים“, „פיינע לייט“, הגם זיי מיאוס'ן זיך ניט אריינגעהמען אויך מענשען פונ'ם פראסטען עולם. איצט איז אונז געבליבען זיך בעקאנען מיט די פארטייען, וואס מען רופט זיי עקסטע אדער רעוואלוציאנערע; אין זיי געהען אריין ארבייטער, פויערים, סאלדאטען, געמיינע אינטעליגענטען, סטודענטען; זיי בעשטעהען, הייסט עס, פון אנ'אנדער עולם, איידער אלע איבעריגע פארטייען.

מיר האבען שוין פריהער געזאגט, אז די רעוואלוציאנערע פארטייען האבען זיך געבילדעט אסך פריהער, איידער ס'האבען זיך אנגעהויבען בילדען פארטייען פון „פיינע לייט“. אין יענע צייטען איז געווען א סכנה אריינגעהן אין א וועלכע ניט איז פאליטישע פארטיי, און די וואס זענען יא אריינגעגאנגען אין א פארטיי, פלעגען דארפען ארבייטען מיט'ן גרעסטען פלייס, ביז זיי האבען דערגרייכט דעם קלענסטען ערפאלג. פערשטעהט זיך, אז עס פלעגען ניט האבען קיין חשק אריינגעהן אין פארטיי אזוינע מענשען, וואס זענען ניט גענוג בעגייסטערט, ניט גענוג מוטהיג און ענטשלאסען. צווישען די פארשטעהער פון די פערמעגענדע קלאסען איז אזוינע לייט שטענדיג פאראן זעהר וועניג.

פון די עקסטע פארטייען זענען די גרעסטע: „די רוסלענדער סאציאל-דעמאקראטישע ארבייטער-פארטיי“ און די פארטיי „סאציאליסטען-רעוואלוציאנערען“. אחוץ דער רוסלענדער ס.-ד. ארב.-פארטיי איז דא נאך עטליכע ס.-ד. פארטייען, וואס ארבייטען צווישען די ניט-רוסישע נאציאנען (דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער-בונד, די סאציאלדעמאקראטיע פון פוילען און ליטא, די ליטווישע סאציאל-דעמאקראטיע, די אוקריינער רעוואלוציאנערע פארטיי, די לעטישע סאציאלדעמאקראטישע פארטיי). נאהענט צו זיי שטעהט די „פוילישע סאציאליסטישע פארטיי“, הגם זי אונטערשיידעט זיך פון זיי אין אייניגע פראגען. נעהנטער צו די „סאציאליסטען-רעוואלוציאנערען“ שטעהט די „ארמענישע רעוואלוציאנערע פארטיי“ און די „גרוזינישע פארטיי סאציאליסטען-פעדעראליסטען“. ווייטער איז פאראן אייניגע ארגאניזאציעס, וואס טראגען א פראפעסיאנעלען כאראקטער, נאר פערנעהמען זיך מיט פאליטישער ארבייט; זיי שטעהען אויך נאהענט צו ביידע רעוואלוציאנערע פארטייען און עס געהען אין זיי אריין אי סאצ.

דעמאָקראַטען, אי סאָצ.=רעוואָלוציאָנערען. די וויכטיגסטע פֿון זיי זענען: „דער אַלגעמיין=רוסלענדער פּויערים=פֿעראיין“, דער „אייזענבאַהנער=פֿעראיין“ און דער „לעהרער=פֿעראיין“.

אי די סאָצ.=דעמאָקראַטען, אי די סאָצ.=רעוואָלוציאָנערען שטרעבען איינצופֿיהרען אין דער פֿערוואַלטונג פֿון דער מלוכה אַ פֿאָלקאָמע פֿאָלקס=הערשאַפֿט (אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק). די בעזונדערע נאַציאָנען, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, דאַרפֿען, נאָך זייער מיינונג, בעקומען פֿאָלקאָמע פֿרייהייט פֿון זעלבסטפֿערוואַלטונג, דאָס הייסט יעדע נאַציאָן האָט דאָס רעכט צו בעשטימען, ווי וועט זי זיך בעציהען צו רוסלאַנד, זי מעג זיך אַפֿילו אָבטהיילען פֿון רוסלאַנד, אויב זי וויל. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען רעכענען, אַז האַלטען אַ נאַציאָן מיט געוואַלד אין די ראַהמען פֿון דער רוסלענדער מלוכה איז נויטיג ניט פֿאַר דעם רוסישען פֿאָלק, נאָר פֿאַר דער בורזשואַזיע און די טשינאָווניקעס.

פֿערוואַלטען אין לאַנד און אַרויסגעבען געזעצען, רעכענען זיי, דאַרף נאָר אַ פּאַלאַטע פֿון פֿאָלקס=פֿערטרעטער, אַ אויסגעקליבענע אויפֿ'ן גרונד פֿון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אָבשטימונג, און אַלע מיניסטאָרען דאַרפֿען זיין אונטערגעוואָרפֿען דער דאָזיגער פּאַלאַטע. עס דאַרף ניט זיין קיין שום „אויבערשטע“ פּאַלאַטעס, עס דאַרף ניט זיין אַזאַ אויבערהאַר, וואָס בעקומט די מאַכט בירושה און איז ניט אויסגעקליבען פֿון קיינעם! אַלע טשינאָווניקעס דאַרפֿען ווערען אויסגעקליבען פֿון דער בעפֿעלקערונג. די בירגער דאַרפֿען האָבען אונבעגרענצטע וואָרט=פֿרייהייט, פּרעס=פֿרייהייט, פֿעראיין=פֿרייהייט, פֿערזאַמלונגס=פֿרייהייט און שטרייק=פֿרייהייט. די דאָזיגע רעכטען און אויך די אונבעריהרבאַרקייט פֿון פּערזאָן דאַרפֿען זיין גאַראַנטירט דורך דעם, וואָס מ'זאָל מעגען רופֿען די טשינאָווניקעס צום משפּט, און אַלע בירגער זאָלען בעקומען אין האַנד געוועהר. די שטענדיגע אַרמעע דאַרף ווערען פֿאַנאַנדערגעלאָזען, אויף איהר אָרט דאַרף מען בילדען אַנ'אַלגעמיינע פֿאָלקס=מיליציע.

אין דער אַרבייטער=פֿראַגע פֿאָדערן ביידע פּאַרטייען, אַז עס זאָל וואָס גיכער איינגעפֿיהרט ווערען אַנ'8=שעה'דיגער אַרבייטס=טאָג פֿאַר אַלע אַרבייטער, אַז עס זאָל איינגעפֿיהרט ווערען פֿערזיכערונג (סטראַכירען) אויף אונגליקס=פֿאַלען, עלטער, אַרבייטסלאָזיגקייט, אַז די פֿאַבריק=אינספּעקציע זאָל זיין אויסגעקליבען דורך די אַרבייטער, אַז די אַרבייטער=פֿעראיינען זאָלען קאָנטראָלירען די אינווענינגסטע אָרדנונג אין די פֿאַבריקען, אַז די בעלי=בתים זאָלען ווערען בעשטראָפֿט קרימינעל פֿאַר עובר זיין אויף די פֿאַבריק=געזעצען.

אין דער פויערים־פראַגע איז צווישען ס.־ד און ס.־ר אַ טיע־פער אונטערשיעד. ביידע פאַרטייען ווילען, אַז עס זאָלען עקספּראָ־פּריאירט (אָבגענומען) ווערען די אודעלנע, קאַבינעטסקע, קלויסטער־שע און פּריוואַטע ערדען, אָהן שום אויסקויף־געלד. נאָר זיי זענען ניט איינשטימיג אין דער פראַגע, וואָס צו טהאָן מיט די דאָזיגע ערדען. די פאַרטיי ס.־ר. וויל, אַז אויסנוצען די דאָזיגע ערדען זאָלען מעגען נאָר די פויערים, וואָס אַרבייטען אַליין, אי דאָס זאָלען נעהמען ערד גאַנצע קהלות אָדער חברות פון פויערים, און די ערד זאָל ווע־רען געטיילט צווישען די פויערים אויף גלייך (אויסגלייכונגס־ערד־בעזיץ אָדער סאָציאַליזאַציע). די פאַרטיי שטרעבט אויף אַזאַ אופן צו פערהיטען די פויערים פון צוצוטיילען זיך אויף פערמעגליכע און אונפערמעגליכע, ווי דאָס קומט שוין פאָר אומעטום, אי אין דאָרף, אי אין שטאָדט.

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע רעכענט, אַז דעם דאָזיגען ציעל איז ניט מעגליך צו דערגרייכען, כל־זמן די פּראָדוקציאָן אויף דער ערד וועט זיך פיהרען דורך בעזונדערע בעלי־בתים, יעדערער פאַר זיך, אויף זיין אייגענעם חשבון.

אויב די פויערים וועלען האָבען אַלע גלייכע שטיקלעך ערד, וועט דאָס נאָך ניט הייסען, אַז זיי וועלען האָבען גלייכען קאַפּיטאַל (ווערקצייג, פיה, געלד), יעדע אונגערעטעניש, יעדעס אָבגעלונגענע געשעפט ביים קויפען אָדער פערקויפען וועט גרעסער מאַכען דעם אונטערשיעד צווישען פערשיעדענע בעלי־בתים און געבען איינעם אַ מעגליכקייט צו פערשקלאַפען די אַנדערע. זאָרגט מען וועגען דעם, אַז אַלע זאָלען האָבען גלייכע שטיקלעך ערד, לאָזט מען ניט די ערד זאָל זיך קאָנצענטרירען אין שטאַרקע הענד, — שטערט מען דערמיט די אָרימע פויערים, זיי זאָלען ניט פערשטעהען זייער לאַגע, הייסט עס, אַז מען האַלט זיי אָב פון צו קעמפּפען דערפאַר, אַז די ערד־ווירטשאַפט, ווי אויך די גאַנצע אינדוסטריעלע ווירטשאַפט זאָל אומ־געביטען ווערען אויף אַ געזעלשאַפטליכע (אַ סאָציאַליסטישע) ווירט־שאַפט, וועלכע וועט געפיהרט ווערען בשותפות דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט, לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, אָהן אַ טיילונג אויף בע־זונדערע קאָנקורירענדע פאַמיליען־ווירטשאַפטען. אונטערהאַלטען די טיילונג אויף גלייכע שטיקלעך ערד פאַר יעדען פויער הייסט נאָך, אַחוץ אַלעמען, פערהאַלטען די אויסבעסערונג פון דער ערד־ווירט־שאַפט, ווייל די ערד, וואָס בלייבט אין די הענד פון אַ פעראָרימטען פויער, ווערט בעאַרבייט אויפ׳ן שעדליכסטען אופן.

דאָס וואָס מען פערבאָט פערקויפען אָדער פערדינגען דאָס שטי־

קעל ערד, וואס קען שוין ניט שפּײַזען דעם אָרימאַן וועט איהם קיין שום נוצען ניט ברענגען און וועט איהם פון אָרימקייט ניט רעטען. דערפאַר וועט דאָס שטערען, אַז עס זאָל ניט העכער ווערען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ערד־אַרבייט, דאָס הייסט, אַז עס זאָל ניט גרעסער ווערען די צאָהל פּראָדוקטען, וועלכע מען בעקומט פון אַ געוויסען שטיקעל ערד. מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אַז נאָר אויף דעם, וואָס ס'וועט שטענדיג וואַקסען די פּראָדוקטיוויטעט פון ערד־אַרבייט און פון אַלערלייא אַנדערע אַרבייט, — נאָר אויף דעם יסוד וועט קענען אויסוואַקסען דער בנין פון צוקונפט — דער סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם וועט אַ סוף מאַכען פון אָרימקייט און פון אונגלייכהייט דורך דעם, וואָס ער וועט פאַנאַנדערטיילען אויף גלייך צווישען אַלעמען די אַרבייט אין דער ווירטשאַפט, וועלכע וועט זיך פיהרען בשותפות. אָבער אַזאַ פאַנאַנדערטיילונג פון אַרבייט צווישען אַלעמען גלייך וועט נאָר דאַן ברענגען אַלעמען וואוילטאָג, ווען די ווירטשאַפט וועט זיך פיהרען אויף די נייעסטע אויסגעבעסערטע אופנים, לויט די פאָדערונגען פון דער וויסענשאַפטליכער טעכניק. ווען דער גרעסטער טייל ערד ווערט אָבער בעאַרבייט אויף אַזוינע אופנים, ווי אין אָדם־הראשונ'ס צייטען, און די שווערע, אונמענשליכע אַרבייט פון די ערד־אַרבייטער ברענגט פונדעסטוועגען פאָרט ווינציג פּראָדוקטען, קען בעשאַפען ווערען אַ נישקשה'דיג לעבען נאָר פאַר אייניגע מענשען — דורך דער אָרימקייט פון דעם רוב. ביי אַזוינע בעדינגונגען מוז אונפערמיידליך פאָרקומען צווישען אַלעמען אַ קאַמפּף פאַר אַ בעסער לעבען, עס מוז אונפערמיידליך הערשען אַן־אונגלייכהייט, עס איז ניט מעגליך דער סאָציאַליזם. דעריבער איז אַלצדינג, וואָס עס שטערט די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן, פערהאַלט דעם גאַנג צום סאָציאַליזם. שטרעבען אײַנפיהרען אַזוי, אַז די ערד זאָל צוטיילט ווערען אויף קליינע שטיקלעך און אַז די שטיקלעך זאָל מען ניט טאָרען איבערגעבען — דאָס הייסט פערמשפּט'ן דעם גרעסטען טייל אַרבייטענדע אויף אייביגע אָרימקייט, דאָס הייסט שווער מאַכען דעם קאַמפּף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט פאַר'ן סאָציאַליזם.

דעריבער איז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע געגען פאַנאַנדערטיילען די ערד אויף גלייכע שטיקלעך צווישען די, וואָס בעאַרבייטען זיי. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע לעגט פאָר, אַז די גאַנצע ערד, וואָס געהערט איצט צו די אודעלען, דער מלוכה, די קלויסטערס און די פּאָמעשציקעס, זאָל מען איבערגעבען דעם פאָלק — אין די הענד פון ראַיאָנע זעלבסטפערוואַלטונגען, וואָס וועלען אויסגעקליבען ווערען דורך אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע אָבשטימונג. אין די

דאָזיגע איינריכטונגען, הייסט עס, װעלען אריינגעהען די פארשטעהער פון אלע קלאסען, — ניט נאר פון די פויערים די בעלי־בתים,, נאר אויך פון די דאָרפישע ארבייטער און פון דעם שטאָדטישען פראָלע־טאריאט — און זיי װעלען שוין האָבען צו שאפען איבער דער ערד, װעלכע די בעפעלקערונג פון יעדען ראיאָן װעט בעקומען. ס׳פערשטעהט זיך, אז דאָ װעט זיך אָנהויבען צווישען פערשידענע קלאסען א קאמפף פאר דער ערד, און אין דעם קאמפף װעלען די סאָ־ציאלדעמאָקראטען שטרעבען, אז מען זאָל געבען װאָס מעהר ערד די פויערים, װעלכע האָבען װעניג. נאָר אייגענטהימער פון דער ערד װעלען בלייבען די איינװאָהנער פון דער גאנצער פראָװינץ, און אז דער קלאסען־קאמפף אי אין דאָרף אי אין שטאָדט װעט זיך ענטװיקלען געװנג ברייט און דער פעראייניגטער און אָרגאניזירטער פראָלעטאריאט װעט פערכאפען די מאכט אין זיינע הענד, װעט ער קענען אויסנוצען די דאָזיגע ערד־אייגענטהום כדי צו איינפיהרען א געזעלשאפטליכע (סאָציאליסטישע) פראָדוקציאָן. שטרעבענדיג איצט אז די קאָנפיסקירטע ערד זאָל איבערגעגעבען װערען די פויערים, װעלען די סאָציאלדעמאָקראטען שפעטער, אין די פראָװינציעלע זעלבסטפערװאלטונגען, ארויסטרעטען געגען יעדער פראָבע צוצו־בינדען די דאָזיגע ערד צו די פויערים דורך אויסגלייכונגס־בעזיץ אויף אייביגע דורות.

אָט דער אונטערשיעד צווישען די ס.־ד. און ס.־ר. נעהמט זיך דערפון, װאָס זיי קוקען אנדערש אויף די װייטערדיגע אויפגאבען פונ׳ם קאמפף. די רעװאָלוציאָנערע פארטייען קעמפפען ניט נאר גע־גען דער איצטיגער זעלבסטהערשענדער אָרדנונג פון דער מלוכה, נאָר אויך געגען דער אָרדנונג פון דער געזעלשאפט, גע־גען דער קאפיטאליסטישער אָרדנונג. זיי שטרעבען צו א סאָציא־אליסטישער אָרדנונג, ביי װעלכער עס װעט ניט זיין קיין פריװאטאייגענטהום אויף די פראָדוקציאָנס־מיטלען און די װירטשאפט װעט געפיהרט װערען דורכ׳ן גאנצען פאָלק אויף זעהר א ברייטען יסוד. דערין זענען איינשטימיג אלע רעװאָלוציאָנערע פארטייען. א אונטערשיעד צווישען זיי איז פאראן אין דער פראגע, מיט װעלכע װעגען מען זאָל געהן צום סאָציאליזם. די סאָציאלדעמאָקראטיע רופט אלע לוין־ארבייטער, — די שטאָדטישע און די דאָרפישע, — װעלכע האָבען ניט קיין פראָדוקציאָנס־מיטלען, אז זיי זאָלען זיך פעראייני־גען אין איין קלאסען־פארטיי און אויסנוצענדיג די פאָליטישע פרייהייט, פערכאפען די מלוכה־מאכט, כדי צו נעהמען אין זייערע הענד אלע פראָדוקציאָנס־מיטלען. די סאָציאליסטען־רעװאָלוציאָנערען

רעכֿענען קומען צום סאָציאַליזם דורך פֿעראיינען און געמיינדען פֿון קליינע בעלי־בתּים, וועלכע וועלען ביסלעכווייז איבערגעהן פֿון פּריוואַטער ווירטשאַפֿט צו בשותּפֿות'דיגער.

ס'איז אָבער אַ כּלל, אַז כּל־זמן דער קאַפּיטאַליזם הערשט אין אַלע איבעריגע ווינקעלעך פֿון לעבען, וועלען קיין שום אַרטעלען, קיין שום חבֿרות און פֿעראיינען פֿון פּויערים — קליינע בעלי־בתּים'לעך ניט געבען זיי אַזויפֿיעל רייכֿקייט, אַז זיי זאָלען קענען קאָנקורירען מיט'ן גרויס־קאַפּיטאַל: איינפֿיהרען די בעסטע אופֿנים פֿון פּראָדוקציאָן, די אויסגעבעסערטע ווערקצייגען, דאָס טייערסטע פֿיה. און עס וועט אויסקומען, אַז די פֿעראיינען און געמיינדעס פֿון ערד־אַרבייטער וועלען פּונקט אַזוי זיך מאַטערן אין קאַמפּף מיט דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט*), ווי עס מאַטערן זיך איצט איינצעלנע פּויערים קליינע בעלי־בתּים. און ווי איצט ברענגט דער קאַמפּף דערצו, אַז די גרעסערע „בריות“ און די גליקליכערע פֿון די פּויערים ווערען „מענשען“, קאַפּיטאַליסטען, און פֿערשקלאַפֿען די אַנדערע איינוואָהנער פֿון דאָרף (דורך וואוכער און אַנדערע בלוטזויגעריי), אַזוי וועלען אויך צווישען די אַרטעלען און געמיינדעס, ביי דער הערשאַפֿט פֿון קאָנקורענץ, זיך מוזען אויסטיילען אַזוינע, וואָס וועלען האָבען מעהר מזל און וועלען פֿערשקלאַפֿען די איבעריגע און אַליין וועלען זיי ווערען פֿעראיינען פֿון עקספּלואַטאַטאָרס. און פּטור ווערען פֿון אָט די עקספּלואַטאַטאָרס וועט מען קענען נאָר אויף דעם זעלבען אופֿן, ווי פֿון איינציגע קאַפּיטאַליסטען, דאָס הייסט עס וועלען זיך מוזען אָרגאַניזירען אַלע עקספּלואַטירטע אין איין קראַפֿט, וועלכֿע וועט אַריינגעהמען אין איהרע הענד די מאַכֿט פֿון דער מלוכה, דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטליכֿע רייכֿקייט און איינפֿיהרען אַ סאָציאַליסטישע, געזעלשאַפֿטליכֿע פּראָדוקציאָן.

אין טאַקטיק אונטערשיידען זיך ביידע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זעהר שאַרף פֿון דער ליבעראַלער דעמאָקראַטיע: ביידע שטעלען בראש פֿון אַלעמען די רעוואָלוציאָנערע מיטלען פֿון קאַמפּף — די ווירקונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסען, ביז אַ בעוואַפֿענטען אויפֿשטאַנד. די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען אַנערקענען אַחוץ דעם פּאַר אַ קאַמפּפֿס־מיטעל — הרג'נען איינצעלנע העכֿערע בעאַמטע (טעראָר). ביידע פּאַרטייען רעכֿענען, אַז ענדגילטיג בעשליסען ווי צו איבערבויען די אָרדנונג פֿון דער מלוכה און דער געזעלשאַפֿט דאַרף אַ

---

*) אויב מען זאָל דערגרייכען, אַז אין גאַנץ רוסלאַנד זאָל ווערען פֿערניכֿטעט דער קאַפּיטאַליסטישער ערד־בעזיץ, וועלען אָט דעם קאַמפּף (קאָנקורענץ) געגען קליינעם בעל־הבית פֿיהרען די ערד־בעזיצער פֿון אַנדערע לענדער.

גרינדונגס־פֿערזאַמלונג, וואָס וועט אויסגעקליבען ווערען פֿון׳ם גאַנ־צען פֿאָלק און וועט האָבען די גאַנצע ממשלה.

די סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז הויפּטזעכליך אַ פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַרישע אינטערעסען. אין איהר געהט אַריין אַ טייל פֿעראָרימטע פּויערים און אונפֿערמעגליכע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען, אַז ביי דער ווייטערער ענטוויקלונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג מוזען זיי ווערען פּראָלעטאַריער. ביי די סאָצ.־רעוואָלוציאָנערען איז דאָ אַ גרעסערער טייל אָרימע פּויערים, וועלכע וואַרפֿען זיך אין אַלע זייטען, זוכענדיג אַ רעטונג אין זייער נויט, נאָר וועלכע פֿערשטעהען נאָך ניט די נויטיגקייט צו קעמפּפֿען, אַז די גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע ווירטשאַפֿט זאָל איבערגעהן אין די הענד פֿון די, וואָס פּראָדוצירען. זיי האָבען אַ סך אינטעליגענץ, בעזאָנדערס דאָרפֿישע. צווישען שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט איז זייער ווירקונג אַ סך שוואַכער, איידער די ווירקונג פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

די וואַהלען האָבען געבראַכט אין דומע אַ גרויסע צאָהל מענ־שען, וואָס קענען מיט דעם פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי „פֿאָלקס־פֿרייהייט" („קאַדעטען") זיך ניט בעפֿריעדיגען, נאָר וועלכע האָבען זיך ניט געשטעלט ניט אויפֿ׳ן שטאַנדפּונקט פֿון די סאָציאַלדעמאָ־קראַטען, ניט פֿון די ס.־רעוואָלוציאָנערען. פֿון אַזוינע טהוער האָט זיך געבילדעט די „אַרבייטס־גרופּע" („טרודאָוואַיאַ גרופּאַ") פֿון דער דומע, וועלכע האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציעל בעשיצען די אינ־טערעסען פֿון אַלע אַרבייטענדע סאַי אין שטאָדט, סאַי אין דאָרף.

בנוגע צו דער ערד־פֿראַגע האָבען די מיטגליעדער פֿון דער אַרבייטס־גרופּע גערעכענט, אַז די גאַנצע ערד, אי די פּריצישע, אי די פּויערשע, דאַרף איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פֿון דער מלוכה, און זי זאָל שוין פֿון איהר האַנד געבען אויף אויסנוצען שטיקלעך ערד יעדען, ווער עס וויל, אַזוי אַז די חלוקה זאָל אויס־קומען אויף גלייך.

אין קאַמפּף מיט דער זעלבסטהערשאַפֿט האָט די אַרבייטס־גרופּע זיך ג ע ס ט אַ ר ע ט געהן ווייטער ווי די קאַדעטען, וועלכע האָבען שטענדיג מורא געהאַט צו דער׳רגזנ׳ען די רעגירונג און די פֿערמעגענדע קלאַסען. נאָר אָפֿט פֿלעגען זיי טאַקי בלייבען ביי׳ם סטאַרען זיך אַליין. די טרודאָוויקעס האָבען זיך אַליין ניט קלאָר גע־מאַכט, וואו, אויף וואָס פֿאַר אַ וועג קען געענדיגט ווערען דער לאַנג־יאָהריגער שטרייט צווישען דער פֿרייהייט און דער אונטערדריקונג. זיי פֿלעגען רעדען אינ׳ם נאָמען פֿון מיליאָנען, פֿלעגען פֿאָדערן, אַז די דומע זאָל זיך שטיצען אויפֿ׳ן פֿאָלק, נאָר זעהר אָפֿט פֿלעגען זיי

אויף דרש'נען, פונקט ווי די קאַדעטען, אַז ס'איז מעגליך דער איצטיגער קאַמפף זאָל זיך ענדיגען „פריעדליך", וועהר אָפּט פלעגען זיי זאָגען, אַז זיי האָבען פּחד פאַר דער מעגליכקייט פון נייע רעוואָלוציאָנערע שטורמען. די „טרודאָוויקעס", אויסגעקליבען פון די פויערים, האָבען אויסגעדריקט די פּסיכאָלאָגיע פון די פויערים, וועלכע האָבען זיך ערשט ניט לאַנג אויפגעהויבען און זענען נאָך וועניג בעוואוסטזיניג; ביי די דאָזיגע פויערים איז שטענדיג אַזוי: היינט וואַרפען זיי זיך מיט בלינדען כעס און פערוויסטען דעם מאַיאָנטעק פון זייערע פיינד, ניט קוקענדיג, ווער ס'איז שולדיג און ווער ס'איז גערעכט, און מאָרגען האָפען זיי ווידער, אַז די רעגירונג וועט ווערען אָנגעשראָקען דורך די נעכטיגע געשעהענישען און וועט זיך אַליין שטעלען אויפ'ן צד פון'ם פאָלק און זיך אָבזאָגען אונטערהאַלטען די פערמעגענדע קלאַסען.

די קאַדעטען האָבען געשטרעבט צו אַ פּשרה צווישען די פאָלקס-פערטרעטער און דער אַלטער רעגירונג. די „טרודאָוויקעס" האָבען אַ סך גערעדט וועגען דעם האַרבסטען קאַמפף, נאָר זיי האָבען זיך ניט ענטשלאָסען צו פאָדערן, אַז עס זאָל צוזאַמענגערופען ווערען אַ גרינדונגס-פערזאַמלונג, וועלכע וועט האָבען די גאַנצע מאַכט און איינפיהרען אין רוסלאַנד אַ נייע אָרדנונג אָהן שום פּשרות מיט דער אַלטער מאַכט.

די דאָזיגע געגענזאַצען אין דער טאַקטיק פון די „טרודאָוויקעס" האָבען זיך שאַרף אַרויסגעוויזען אין דער פּאָליטיק, וואָס זיי האָבען געפיהרט אין דומע. די דאָזיגע געגענזאַצען האָבען זיי געשטערט צו ווערען אַ פּאַרטיי מיט אַ רייכען איינפלוס, ווי דאָס זענען געוועזען די קאַדעטען, כאָטש זיי זענען געווען ווייט פון דעם פאָלק.

איצט אָרגאַניזירט זיך פון די מיטגליעדער פון דער אַלטער „אַרבייטס-גרופּע" אַ נייע פּאַרטיי מיט'ן נאָמען „סאָציאַליסטישע פאָלקס-פּאַרטיי", וועלכע וויל קעמפפען פאַר די בעפרייאונג פון'ם פאָלק זעלבסטשטענדיג, ניט מיט די ס.-ר., ניט מיט די ס.-ד. דאָס פּראָגראַם פון דער נייער פּאַרטיי איז דערווייַלע נאָך ניט אויסגעאַרבייט, נאָר אַ פּראָיעקט פון איין טייל פּראָגראַם (דער פּאָליטישער טייל) איז שוין פאַראַן, און פון איהם זעהען מיר אַרויס, אַז די פּאַרטיי וויל איצטיגע צייט ניט אַרויסשטעלען אויף איהר פאָהן ניט קיין רעפּובליק און ניט קיין בעוואַפּענטען אויפשטאַנד. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז די „סאָציאַליסטישע פאָלקס-פּאַרטיי", וועלכע שטעהט אין דער ערד-פראַגע נעהענטער צו די ס.-ר., געפינט זיך בנוגע צו דעם פּאָליטישען פּראָגראַם צווישען די סאָציאַליסטען און די קאַדעטען. דאָס וועט מסתמא זיין אַ

פּאַרטײַ, וואָס איז נעהענטער צו די אינטערעסען פון די פויערים, איי־
דער די קאַדעטען, נאָר זי וועט זיין וועניגער רעוואָלוציאָנער אי אין
פּראָגראַם, אי אין טאַקטיק, איידער די פריהערדיגע סאָציאַליסטישע
פּאַרטייען. דאָס וועט זיין אַ פּאַרטיי פון אַזוינע מענשען, וואָס זע־
נען פונ׳ם ליבעראַלען לאַגער אַרויס, נאָר אין רעוואָלוציאָנערען נאָך
ניט אַריין. עס געפינט זיך פונדעסטוועגען אין דער פּאַרטיי איינינע
בעוואוסטע טהוער, וואָס האָבען זיך ביז אַהער גערעכענט צווישען
די ס.־ר׳ען און איצט זעגען זיי אַרויס פון דאָרט, ווי למשל יאַקו־
באָוויטש, פּיעשעכאָנאָוו, מיאַקאָטין.

## VI. דער קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען.

ווי מיר האָבען געזעהען, שטעלען פאַר זיך די פּאָליטישע
פּאַרטייען ניט קיין אַלץ נייע ציעלען. אפילו ווען עטליכע פּאַרטייען
קעמפפען געגען דאָס זעלבע שלעכטיגקייט אינ׳ם לעבען פון דער
מלוכה (ווי צום ביישפּיעל איצט אין רוסלאַנד געגען דער הערשאַפט
פון דער ביוראָקראַטיע), — אפילו דאַן פערשטעהט זיך יעדע פּאַרטיי
אַנדערש אי די מיטלען, מיט וועלכע מען דאַרף קעמפפען, אי די
אָרדנונג, וועלכע מען דאַרף איינפיהרען. נאָך טיעפער איז דער אונ־
טערשיעד צווישען אַזוינע פּאַרטייען, וואָס איינע פון זיי שטרעבען
צו אָבשאַפען אַ געוויסע אָרדנונג, און די אַנדערע — צו שיצען און
פערשטאַרקען די דאָזיגע אָרדנונג. צווישען פערשיעדענע פּאַרטייען
פיהרט זיך אויף אַזאַ אופן אַ קאַמפּף: יעדע וויל האָבען אַ גרעסע־
רע ווירקונג אויף די ענינים פון דער מלוכה.

און כדי צו האָבען אַזאַ ווירקונג אויף די ענינים פון דער
מלוכה, מוזען די פּאַרטייען בעקומען אַ ווירקונג אויף די מאַסען פון
דער בעפעלקערונג. און יעדע פּאַרטיי סטאַרעט זיך דעריבער צוצי־
העהן צו זיך וואָס מעהר אָנהענגער. עס טרעפט אָפט, אַז מען בע־
נוצט זיך אין אַזאַ פאַל מיט ניט קיין שעהנע מיטלען — מען נאַרט
אָב, מען עקספּלואַטירט די אונוויסענהייט פון די בירגער. שווינדלע־
ריי און אונוויסענהייט ברענגען דערצו, אַז מענשען געהען אַ מאָל
נאָך אַ געוויסער פּאַרטיי לאַנגע יאָהרען, לעבענדיג אין טעות און
מיינענדיג, אַז די ציעלען פון דער דאָזיגער פּאַרטיי זעגען זיי נוי־
טיג, און אין אמת׳ן זעגען די ציעלען פון דער פּאַרטיי גאָר פיינדליך
צו זיי. דער בעסטער מיטעל צו אויפדעקען אַזאַ שווינדעל, איז
דער קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען. אויב איין פּאַרטיי פיהרט נאָך
זיך די אָבגענאַרטע בירגער, סטאַרען זיך די איבעריגע פּאַרטייען צו

עפֿענען זײ די אויגען אויף זײער טעות און צו ערקלערען זײ, פֿאַר וואָס זײ דאַרפֿען ניט געהן נאָך דער דאָזיגער פּאַרטײ. און וואָס די פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער פּאַרטײ האָט ניט בכח צו טהאָן, דאָס טהוט דאָס לעבען אַלײן. דאָס לעבען עפֿענט די אויגען אַפֿילו די פֿער־עקשנ׳סטע בלינדע מענשען: דאָס לעבען שטעלט אַלע פּאַרטײען אויפֿ׳ן פּרוף און נויטיגט זײ צו ענטפֿערען קלאָר אויף יעדע פֿראַגע, וואָס זי שטעלט אַרוים. לאָמיר נעהמען אַ בײַשפּיעל: שטרײַק־פֿרײַהײַט! האָבען ערשט ניט לאַנג געשריען כמעט אַלע פּאַרטײען. כמעט אַלע האָבען אין אײן קול געטענה׳ט, אַז ס׳איז אַ פֿערברעכען און אַ אונגערעכטיגקײַט, ווען מען רודפֿ׳ט די אַרבײַטער דערפֿאַר, וואָס זײ ווילען אויפֿ׳ן פֿריעדליכען אופֿן זיך דערשלאָגען העכערע שכירות אָדער אַ קירצערען אַרבײַטס־טאָג. נאָר אָט איז געקומען אין אָקטאָבער 1905 דער שטרײַק פֿון די אײַזענבאַהנען און אין נאָ־וועמבער דער שטרײַק פֿון דער פּאָסט און טעלעגראַפֿען. ביז דאַמאָלס פֿלעגען פֿון די שטרײַקען האָבען שאָדען נאָר די פֿאַבריקאַנטען און די זאַוואָדטשיקעס; איצט האָבען געמוזט לײַדען אַלע פֿערמעגענדע, וואָרום דער שטרײַק פֿון דער פּאָסט און די אײַזענבאַהנען האָבען אָב־געשטעלט אַלע געשעפֿטען און האָבען אָנגערירט ניט נאָר די זאַוואָד־טשיקעס, נאָר אויך די באַנקירען, סוחרים, פּאָמעשציקעס און די אײַגענטהימער פֿון אײַזענבאַהן־אַקציעס. און טאַקי באַלד האָט די בעציהונג צו די שטרײַקען זיך געביטען, און מיר האָבען געזעהען, ווי פּראָפֿעסאָרען, שריפֿטשטעלער און אַנדערע „מכובדים“ פֿלעגען זיך דינגען ערפֿילען די אַרבײַט פֿון די שטרײַקענדע פּאָסט־אָנגעשטעל־טע, כדי צו ברעכען דעם שטרײַק; און פֿיעלע פּאַרטײען, וואָס האָבען פֿריהער אַנערקענט שטרײַק־פֿרײַהײַט, האָבען איצט אָנגעהויבען פֿאָדערן די האַרבסטע געזעצען געגען שטרײַקען פֿון אָנגעשטעלטע אין די אײַזענבאַהנען, פּאָסטען און טעלעגראַפֿען; און פֿון דאַנען איז שוין נאָר אײן טריט צו דער פֿאָדערונג: פֿערבאָטען די דאָזיגע אָנגעשטעלטע צו אַרײַנטרעטען אין פֿעראײנען, וואָרום די פֿעראײנען פֿערגרינגערן צו מאַכען אַ שטרײַק. אָדער לאָמיר נעהמען אַנ׳אַנדער בײַשפּיעל: אונזערע פּריצישע זעמסטוועס האָבען פֿיעל מאָל פּראָ־טעסטירט געגען דעם ווילקיר פֿון דער רעגירונג און האָבען געפֿאָדערט, אַז די רוסישע בירגער זאָלען זײַן אָבהענגיג נאָר פֿונ׳ם געזעץ און פֿאַר זײערע פֿערברעכען זאָלען זײ בעשטראָפֿט ווערען נאָר געזעצליך — דורכ׳ן משפּט. איז, דאַכט זיך, אַלצדינג גוט. נאָר אַז עס האָט זיך ענטוויקעלט די פּויערשע בעוועגונג און די פּויערים האָבען אָנגעהויבען פֿערכאַפּען די פּריצישע ערד און די תּבואות, האָבען די זעמסטוועס

איינע נאָך דער אַנדערער אָנגעהויבען פֿאָדערן פֿון דער רעגירונג, אַז זי זאָל דערשטיקען די פֿויערשע בעוועגונג מיט מיליטערישער קראַפֿט, ניט קוקענדיג אויף קיין שום געזעץ. פֿילע זעמסטוואָס האָבען געפֿאָדערט, אַז די פֿויערים, וואָס האָבען גענומען אַנ'אַנטהייל אין'ם פֿערכֿאַפּען די פּריצישע ערד, זאָל מען משפּט'ן אין מיליטער-געריכֿט ; אַז מען זאָל אָהן משפּט אַרויפֿלעגען אויף גאַנצע דערפֿער געלד-שטראָפֿען (קאָנטריבוציע) כּדי צו דעקען דעם שאָדען פֿון די הערען פּאָמעשציקעס.

דער קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען און די לעהרע פֿונ'ם לעבען עפֿענט די בירגער די אויגען און זיי קלויבען זיך אויס יעדער די פּאַרטיי, וואָס פּאַסט פֿאַר איהם אַם בעסטען. אַזאַ פּאַרטיי דאָס איז די, וועלכֿע קעמפּפֿט בעסער פֿון אַלע, עהרליכֿער פֿון אַלע פֿאַר זיינע געזעלשאַפֿטליכֿע אינטערעסען אין זייער גאַנצער בּרייטקייט. און די געזעלשאַפֿטליכֿע (סאָציאַלע) אינטערעסען פֿון יעדען בירגער ווענדען זיך אָן דעם, וואָס פֿאַר אַ לאַגע ער פֿערנעהמט אין דער געזעלשאַפֿט. די אינטערעסען פֿון דעם פּאָמעשציק זענען אַנדערש, ווי די אינטערעסען פֿונ'ם ערד-אַרבּייטער, די אינטערעסען פֿונ'ם פֿאַבּ-ריקאַנט און פֿון דעם סוחר זענען אַנדערש, ווי די אינטערעסען פֿונ'ם אַרבּייטער און פֿונ'ם פּריקאַשציק ; די אינטערעסען פֿון אַ גרויסען און אַ קליינעם סוחר זענען ניט אַלץ איינס ; די אינטערעסען פֿון אַ פּריוויליגירטען אַדעליגען זענען אַנדערש, ווי די אינטערעסען פֿון די רעכֿטלאָזע מעשצאַנעס און פֿויערים. די געזעלשאַפֿט טהיילט זיך אויף קלאַסען, און דער קאַמפּף צווישען די פּאַרטייען בּריינגט דערצו, אַז הינטער יעדער פּאַרטיי שטעלט זיך אַ בעזונדער קלאַס אָדער אַ טהייל פֿון אַ קלאַס מיט בעזונדערע אינטערעסען.

דערפֿון איז קלאָר, אַז דער קאַמפּף צווישען פּאַרטייען פֿאַר דער ווירקונג אויף די ענינים פֿון דער מלוכֿה און אויף דעם פֿאָלק, איז אַ קאַמפּף צווישען פֿערשידענע קלאַסען פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿט פֿאַר זייערע אינטערעסען. מענשען קעמפּפֿען פֿאַר זייער פּראָגראַם: דאָס הייסט ווי צו איינפֿיה-רען די מלוכֿה-אָרדנונג, ווי צו איינריכֿטען די פֿערוואַלטונג, וואָס פֿאַר געזעצען אַרויסגעבען ; און אין דעם דאָזיגען קאַמפּף דריקט זיך אויס אייגענטליך נאָר יענער שווערער און בייזער קאַמפּף, וואָס יעדערער קען איהם זעהען ניט אין פּאַרלאַמענט, ניט אויף די סאָציאַליסטישע פֿער-זאַמלונגען, ניט אין די צייטונגען, נאָר אין געוועהנליכֿען לעבען, וואו פֿערשידענע מאַסען קעמפּפֿען פֿאַר אַ גראָשען, פֿאַר דער הערשאַפֿט פֿון איינע איבער די אַנדערע, פֿאַר בעפֿרייען איינע פֿון אונטערן דרוק

פון די אנדערע. אט קעמפפען די ארבייטער פון עטליכע פאבריקען
צוזאמען געגען זייערע קאפיטאליסטען, כדי צו דערשלאגען זיך פאר
זייער ארבייט א גרעסערען טייל פון דעם ווערטה פון דעם פראדוקט,
וואס זיי האבען אליין אויסגעארבייט. אט סטארען זיך די סוחרים
נעהמען ביי זייערע קונים א גרעסערן מקח פאר די סחורות, כדי צו
אראבנעהמען פון זיך די שווערקייט פון א נייער אבצאהלונג, וואס
די מלוכה האט אויף זיי ארויפגעלעגט איבער דער מלחמה. אט קעמפ-
פען די געמיינע שטאדט-לייט מיט די גרויסע סוחרים די שטאדטיגע
רעדעל-פיהרער, כדי צו בעקומען פאר זיך א טהייל פרנסות פון דער
שטאדטיגער ערד. דא נוצען אויס די פריצים דעם הונגער פון די פויערים
און נויטען זיי צאהלען גרעסערע ארענדע פאר דער ערד, און דארט
פעראייניגען זיך די וואס דינגען דירות, כדי צו פערצוימען דעם בעל-
הבית פון דעם הויז, וואס שינדט פון זיי די הויט דורך הויכע פריי-
זען אויף דירות. שטרעבענדיג צו בעקומען א גרעסערן טייל רייכ-
קייט פון דעם גוטס, וואס ווערט בעשאפען דורך'ן גאנצען פאלק,
שטרעבט יעדער קלאס צו העכער מאכען זיין בירגערליכע לא-
גע, צו בעפרייען זיך פון אונגלייכהייט, פון ער-
נידעריגונג, צו בעקומען גלייכע רעכטען מיט אנדערע קלאסען, צו
בעשיצען זיין פערזאן, זיין עהרע, זיין ווערדע פונ'ם דרוק פון די
איבעריגע קלאסען,—ווייל א נידעריגערע לאגע אין דער געזעלשאפט
שטערט דעם „נידעריגען" קלאס צו אויסבעסערען זיין מאטעריעלע
לאגע. און א נידעריגע לאגע — דאס הייסט, אז די אונטערדריקטע
קלאסען האבען ניט קיין גלייכע רעכטען, קענען ניט בעקומען קיין
בילדונג, אז ס'איז ניטא קיין געזעצען, מיט וועלכע זיי וואלטען זיך
געקענט שיצען פאר גוואלד-מעשים און ווילקיר. פאליטישער קאמפף,
א קאמפף פאר אויסבעסערן די בירגערליכע לאגע, געהט האנד ביי
האנד מיט דעם עקאנאמישען קאמפף, שטאמט ארויס פון איהם.

אט דער געזעלשאפטליכער קאמפף צווישען פערשידענע
קלאסען פאר זייערע אינטערעסען פילט אן דאס גאנצע לעבען פון
די היינטיגע מענשען, ער הויבט זיך אן אין ווערקשטוב, אין קראם,
אין גאס, און פיהרט זיך ווייטער אין די ערטער, וואו מענשען רע-
דען זיך צוזאמען וועגען די אלגעמיינע ענינים פון פאלק און פון
דער מלוכה — אויף פאליטישע פערזאמלונגען, אין דער פרעסע, אין
פארלאמענט, ביי די וואהלען. און מען דארף זיך אויסלערנען צו-
הערען זיך און צוקוקען זיך אויפמערקזאם צו אלצדינג, וואס עס
רעדט זיך און עס טהוט זיך אין פאליטישען קאמפף, כדי הינטער
די שעהנע רעדעס און שעהנע ארטיקלען וועגען גליק און עהרע פון

דעם פֿאָטערלאַנד, וועגען מלוכה־אָרדנונג און רוה צו קענען אונטער־
שיידען, וועמעס אינטערעסען פֿערהיט דער אָדער יענער טהוער,
די אָדער יענע פּאַרטיי.

מיר האָבען אין דעם ביכעל בעטראַכט די וויכטיגסטע רוס־
לענדער פּאַרטייען. זיי אַלע ווענדען זיך צום פֿאָלק, זיי אַלע ווילען
אויסבעסערן דאָס רוסלענדער לעבען און פֿערשפּרעכען צו פֿערזי־
כערן דאָס גליק פֿון דער מלוכה. און מיר האָבען געזעהען, אַז אין
אמת'ן פֿערהיטען איינע פֿון זיי די אינטערעסען פֿון די טשינאָווני־
קעס, גייסטליכע און אַדעליגע (די רעכטע פּאַרטייען), די אַנדערע
זאָרגען וועגען די אינטערעסען פֿון די פֿערמעגענדע קלאַסען — די
פּאָמעשציקעס, די סוחרים, די פֿאַבריקאַנטען (דער פֿעראיין פֿון 17
אָקטאָבער, די האַנדעל־אינדוסטריעלע פּאַרטיי, די פּאַרטיי פֿריעדלי־
כע בעניייאונג), די דריטע ווילען פֿערגרינגערן די לאַגע פֿון אַלע קלאַ־
סען, נאָר מיט דעם תנאי, אַז דאָס זאָל דערגרייכט ווערען דורך אַנ'־
אָבמאַך מיט די פֿערמעגענדע קלאַסען, און מען זאָל ביי זיי ניט נעה־
מען מעהר, ווי זיי וועלען אַליין מסכים זיין צו געבען (די פּאַרטיי
„פֿאָלקס־פֿרייהייט“ און „דעמאָקראַטישע רעפֿאָרמען“). די פֿיערטע
פּאַרטייען שטרעבען עהרליך צו קעמפֿען פֿאַר די אינטערעסען פֿון
אַלע אַרבייטענדע אי אין שטאָדט, אי אין דאָרף (די רעוואָלוציאָנערע
פּאַרטייען) נאָר זיי לעגען פֿאַר ניט קיין גלייכע מיטלען צו דערגריי־
כען דעם ציעל. די ס.־ד. און ס.־ר. פּאַרטייען קעמפֿען פֿאַר אַזאַ
מלוכה־אָרדנונג, וואו די גאַנצע פֿערוואַלטונג וועט זיין אין די
הענד פֿון די פֿאָרשטעהער פֿונ'ם גאַנצען פֿאָלק (אַ דעמאָקראַטישע
רעפּובליק) און די גאַנצע בעוואָפֿענטע מאַכט וועט שטעהען אינ'ם
רשות פֿונ'ם פֿאָלק (אַ מיליציע); די „סאָציאַליסטישע פֿאָלקס־פּאַר־
טיי“ איז גרייט צו מסכים זיין אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע,
וואו נאָר אַ טייל מלוכה־מאַכט געהערט צו די פֿאָרשטעהער פֿונ'ם
פֿאָלק, און אויף אַ שטענדיגע אַרמעע, וועלכע געפֿינט זיך אין די
הענד פֿון דער רעגירונג. די סאָציאַלדעמאָקראַטען פֿאָדערן מען זאָל
איבערגעבען די ערד די פּויערים, נאָר דערביי ווילען זיי איינאָרד־
נען אַזוי, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין שטערעניש דעם פּראָלעטאַריאַט
אין זיין ווייטערדיגען קאַמפֿ פֿאַר'ן סאָציאַליזם, און דעריבער רעכ־
נען זיי פֿאַר נויטיג צו פֿערזיכערן די נאָרמאַלע ענטוויקלונג פֿון
דער פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט; די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען לעגען
די גאַנצע האָפֿנונג אויף די פּויערים און פֿאָדערן, אַז מען זאָל די
גאַנצע ערד, וואָס וועט צו זיי איבערגעהן פֿון די פּאָמעשציקעס,
פֿערבינדען מיט זיי אויף אייביגע דורות. אי די ס.־ד., אי די ס.־ר.

שטרעבען צום סאָציאַליזם, נאָר די ס.-ד. רעכנען, אַז פֿיהרען צו איהם וועט דער וואוקס פֿון דעם אונפֿערמעגליכען פּראָלעטאַריאַט אי אין צאָהל, אי אין כּח, די ס.-ר. רעכנען, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם ליגט אין דער פֿערשטאַרקונג פֿון דעם קלאַס פּויערים קליינע בעלי-בתּים.

יעדער בירגער דאַרף פֿערשטעהען, וועמעס אינטערעסען פֿערהיט יעדע פּאַרטיי, כּדי צוצושטעהען צו אַזאַ פּאַרטיי, וואָס פֿערהיט בעסער און אַלזייטיגער די אינטערעסען, וואָס זענען איהם נאָהענט. נאָר דאַן וועט ער ניט זיין קיין שפּיעלכעל אין די הענד פֿון זיינע אייגענע פֿיינד.

...GRESSIVE EDUCATI... SOCIETY Organized May 9, 1897 TRENTON, N.J.

ביכער-פערלאג „די וועלט“.

מאקסים גארקי.

# דריי נייע סקיצען:

א שטימע פון דער ווייטען איבערזעצט פון ק. פרומין.

די סאלדאטען איבערזעצט פון ק. פרומין.

דער פילאזאף איבערזעצט פון פאשין.

ווילנא—1906

דרוקעריי וויטווע און געברידער ראם.

**ТРИ ОЧЕРКА.**

Соч. Максима Горькаго (переводъ съ русскаго).

Типографія «Вдова и братья Роммъ», Вильна.
Уголъ Духовского и Глухого пер. собств. домъ № 1/2

PROGRESSIVE EDUCATIONAL SOCIETY
Organized May 9, 1907
TRENTON, N. J.

# אַ שְׁטִימֶע פוּן דֶער וַוייטֶען.

...לאָז דיין הארץ ניט אַזוי נידעריג פאַלען אום צו האַסען די, וואָס האָבען דיך גערופען:

— העלד!

בשעת זיי האָבען דיין קראַפט פאַר זיך געדאַרפט, און איצט, בשעת דו האָסט זיי געלאָזען הינטער זיך, אום ווייטער צו געהן צו דיין אייגענער פרייהייט, רופען זיי דיך אָן:

— ווילדער! ...

לאָז איבער דיין שנאה פאַר אַ שטאַרקערן שונא, דיין צאָרן פאַר אַ בכבוד'יגירען. זאָל דער גייסטיגער אביון בלויז דיין פער־אַכטונג בעקומען, אויב דו ווילסט אויך דעם נישט ווערטען אײדעל בעהאַנדלען.

ווער זענען זיי? די שוואַרצע נאַכט איז געווען די צייט פון זייער גדולה צווישען פערשלאָפענע, שוועגענדיגע קנעכט האָבען זיי גערעדט, שקלאַפען האָבען זיך געבוקט צו זיי און שקלאַפען האָבען זיי פאַר זייערע פיהרער נעקרוינט—וואָס האָסטו צו זיי פאַר אַ „שייכות, ווי באַלד דו אַליין ביסט ניט קיין שקלאַף?

קוים וואָס מען האָט געהערט זייער שטימע וועגען דעם פרייהייטס־גליק און שטיל איז געוועזן זייער וואָרט געגען דער אונ־טערדריקונג. ניט פון זייערע רעדעס איז אַזוי פורפור רויט דער מאָרגענשטערען פון דיין אויפוואַכונג: מיט בלוט זיינען די גרויסע טעג געפאַרבט! די שוואַרצע פויגלען, וואָס האָבען מיט זייערע פליגלען בעשיצט די פינסטערניש פון דער ווילדער געוואַלט האָבען זיך פאַר זייער קול ניט געשראָקען. זענען דען די דאָזיגע מענשען די פייערזייַלען געווען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט? זיי האָבען בלויז געפינקעלט, ווי די פייערלעך איבער די זומפען; און

ווער ס'האָט זיך נאָך זײַ געהן געלאָזט, דער האָט פערבלאָנדזעט אין דעם קלעביגען זומפּ פון ווידערשפּרוכען און זײַ אַליין זענען איך אַלע פערזונקען געוואָרען אין דעם שמוץ פון זײַערע נידעריגע תאוות.

זײַ פערשטעהען שטענדיג צו דער רעכטער צייט זיך צוצו־זויגען צו אַ פרישער קראַפט, כדי מיט איהר יונגען זאַפט צו ער־נעהרען זײַער אָבגעלעבטען קערפּער: נאָר דערויף זענען זײַ בריות:

דו ביזט די קראַפט, וואָס שאַפט אַלץ אויף דער ערד! און, בשעת דו האָסט נאָך דערפון ניט געוואוסט, — דאַן ביזטו זײַ נײַטיג געוואָרען אום צו בעפרײַען זײַ פון די שקלאַפען־קייטען און פון דעם שווערען יאָך, — דאַן האָבען זײַ דיר מיט חניפה צוגערופען:

— דו ביסט די קראַפט, וואָס שאַפט אַלץ אין דער וועלט!

און, גלויבענדיג אין דײַן נצחון, האָבען זײַ דיך צום קאַמפּף געטריבען, דו זאָלסט די אַלטע אָבגעלעבטע געוואַלט־טהוער פער־ניכטען און זײַ, די נײַע, פרײַהייט געבען דיך צו פעריאָכען, און אויף דײַנע פלײַצעס זײַער נישטווערטען גליק צו בויען.

אָבער, בײַקומענדיג די בעדריקער, האָסטו חשק בעקומען צו קעמפּפען ביז דײַן פולער בעפרײַאונג פון דער געפאַנגעשאַפט בײַ די פּאַראַזיטען, און איצט, בשעת דו האָסט אויפגעעפענט דײַנע אויגען דערזעהען אַלץ וואָס דו אַליין האָסט געשאַפען און פאָדערסט דײַן כשר־פערדינטען רעכט: בעל הבית צו זײַן איבער'ן לעבען, שרײַען זײַ בײַז צו דיר:

— ווילדער, דו געהסט ניט שאַפען, נאָר חרוב מאַכען!

זײַ ווילט זיך דו זאָלסט שאַפען און שאַפען, אָבער נאָר צו־ליעב זײַ — קענסט אַ שמײַכעל טהאָן, אויב דיר געלוסט זיך, צו דײַנע בלינדע פּאַראַזיטען אָבער דײַן צאָרן בעהאַלט פאַר אַ בכבוד־ד'יגערען פײַנד.

זײַ האָבען עטליכע פרײַהייט־ברעקלעך מיט דײַן שטאַרקער האַנד פאַר זיך גענומען. זײַ האָבען עס ווי גנבים און בעטלער בײַ דיר גענומען, אָבער אויך די דאָזיגע ברעקלעך קענען זײַערע שוואַכע פינגער ניט אײַנהאַלטען... די אָבגעלעבטע מנוולים האָבען נאָך גענוג קראַפט צו קעמפּפען פאַר דער בכורה פון זײַערע נידערטרעכטיגקייט, פאַר דער בכורה פון געוועלטיגען איבער דיר, מענש!

נעה! דו — די שטענדיגע קראַפט, — דער שעפּער פון אַלץ

דער אײביגער קװאַל פֿון קונסט, דער גאָט פֿון אַלע געטער, דער פאָטער פֿון העלדען; װאָס קימערט עס דיך, דאָס די װערים קריכען עזות'דיג איבער דײנע קנעכלעך? טרײסטעל זײ אַראָב צו דער רעכטער צײַט פֿון דײַן גוף, כּדי זײ, די פאַלשע און די בלוט־דורשטיגע, זאָלען אין דײַן האַרצען ניט אַרײַנקריכען...

טהו אויף זײ קײן בליק ניט אויך דאַן, װען דו האָסט בדעה אין זײער בזוי'דיגען, שקלאַפישען פּנים מיט פעראַכטונג אַ שפּײַ צו געבען!

װאָרום אויך דײנער אַ פעראַכטונגס־שפּײַ איז אַ כּבוד און אַ שפּײַז פאַר די פּאַראַזיטען דײַנע.

געה!...

אַלע טעמפּלען אויף דער ערד זענען מיט דײנע הענד אויפגעשטעלט געװאָרען — געה װײַטער, דעם טעמפּעל פֿון װאַרהײַט, פרײַהײַט און גערעכטיגקײַט אויפצובויען!

געה, חבר!

# די סאָלדאַטען.

איבער'ן שטאָדט הענגט צאָרנ'דיג די קאַלטע שטומע פינסטערניש און שטילקייט. קיין שטערן זענען ניטאָ און דעם הימעל זעהט מען נישט, בלויז דער אונענדליכער חושך לויערט, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, אַזוי ווי ער וואָלט אויפגעפּאַסט אויף עמיצען. לייכטע טרוקענע שנעעלעך פאַלען און קרייזלען זיך לאַנגזאַם אין דער לופט, אַזוי ווי זיי וואָלטען ניט געוועלט זיך אַראָבלאָזען אויף די שוואַרצע שטיינער פון די לעדיגע גאַסען. ס'איז קאַלט...

די נאַכט איז אָנגעפילט מיט אַ געהיימניספאָלער אימה; אין איהר שטילקייט און פינסטערניש שוועבט שטיל אַרום אַ וואונדער-באַרער עפּעס, וואָס מען קען בשום אופן מיט'ן אויג ניט זעהען און עס נאָגט דאָס האַרץ, אַזוי ווי מיט אייז-נאָדלען...

די הייזער, וועלכע די פינסטערניש האָט צוגעפּרעסט, האָבען זיך אַזוי ווי צו דער ערד אַראָבגעזעצט, זיי זענען נידעריגער געוואָרען, אין זייערע פינסטערע שויבען זעהט מען קיין ליכט נישט. עס דוכט זיך, אַז דאָרטען הינטער די שטיינערנע ווענד, האָבען זיך די מענשען צוגעטולעט איינע צו די אַנדערע און ריהרען זיך מיט קיין אבר ניט, איינגעשלאָגענע פון דער מורא'דיגער קעלט און פון דער פינסטערער אימה. זיי קוקען מיט גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגען, ניט פינטעלענדיג מיט זיי, און האַלטען קוים אין דאָס שרעק-געפיהל ביי זיך אין האַרצען...

— אויפמערקזאַם האָרכען זיי, שווייגענדיג וואַרטען זיי אויף ליכט, אויף אַ לעבעדיגען קול...

און פון די פינסטערע גאַסען קוקט אַריין אין די פענסטער שויבען אַ שוואַרצע חיה מיט אַ בלינד, אויג און וואַרט אויך אויף עפּעס.

אַ גאַנצען טאָג האָבען אין שטאָדט די האַרמאַטען געדונערט,

די ביקסען געקלאַפּט, אויף די גאַסען האָבען זיך טויטע קערפּער געוואַלגערט און דער מלאך המות האָט זיך פלייסיג צוגעזעהערט צו די קרעכצען פון די פערוואונדעטע...

אין מיטען אויף אַ קליינעם פּלאַץ, וואו צוויי גאַסען שניידען זיך דורך, ברענט אַ האָלץ־הויפען... פיער סאָלדאַטען, ניט ריהרענדיג זיך מיט קיין אבר, שטעהן אַזוי ווי פיער גרויע שטיינער אַרום איהם. בלויז דער אָבשיין פון די פייער־צונגען קריכט ציטערענדיג איבער זייערע שינעלען און שפּיעלט זיך אויף זייערע פּנים'ער, און ס'זעהט אויס, אַזוי ווי די פיער געשטאַלטען וואָלטען אין גאַנצען געציטערט און געוויגט זיך, און אָהן ווערטער, בלויז אויף שטום־לשון, דערצעהלט עפּעס איינער דעם אַנדערען...

אָבשיינענדיג אויף די שפּיזען, גיסט זיך די פלאַם, אַזוי ווי בלוט איבער'ן בלאַנקענדעם שטאָהל, און די שאַרפע קאַנטען דרעהען זיך און קרייזלען זיך אין דער הויך, אַזוי ווי ווייסע אין ראָזע לענטעס...

און די שווערע פינסטערניש שטיקט און פּרעסט די סאָלדאַטען און דאָס פייער פון אַלע זייטען...

איינער פון זיי אַ נידעריגער, אַ געסטופּעלטער מיט אַ ברייטען נאָז אין מיט קליינע אויגען אָהן ברעמען האָט מיט זיין שפּיז אַ שטויס געטהאָן אַנ'אָנגעברענטע שייט־האָלץ אינ'ס הויפען, אריין און ניט אַ קעהר טהאָנדיג דעם קאָפּ, אַ זאָג געטהאָן:

— קאַלט...

אַ סטייע רויטע פונקען האָבען, אַזוי ווי צושראָקענע פייגלעך, אַ פליה געטהאָן אין די פינסטערניש און באַלד פערשוואונדען געוואָרען. דער געסטופּעלטער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיין שפּיז, און גענומען איהם אָבווישען מיט דער פאָלע פון זיין שינעל. אַ בלויער, שטיקענדער רויך האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אין די פּנים'ער פון די סאָלדאַטען. דער הויכער, דינער סאָלדאַט אָהן וואָנצענס אויף זיין קיילעכדיגען פּנים האָט אַריינגערוקט זיין ביקס אונטערן אָרעם און, אַריינרוקענדיג די הענד אין די אַרבעל פון זיין שינעל, אָבגערוקט זיך לאַנגזאַם פון דעם ברענענדעם הויפען. דער סאָלדאַט מיט די גרויסע רויטע וואָנצענס, אַ געגאָלטער מיט רויטע באַקען, האָט אָבגעשטויסען דעם רויך פון זיין געזיכט מיט די הענד און מיט אַ הייזעריגען קול אונטערגעמורמעלט:

— אָט, אַז מען וואָלט עס אַזוי דעם שפּיעז גוט אָנגעבּרענט, און ווען עס איז גלייך אין די גערערים ...

— אַ קאַלטער איז אויך ניט שלעכט... האָט זיך שטיל אָבגערופען דער געסטופעלטער.

שלינגענדיג דאָס האַלץ איין שייט נאָך דער אַנדערער, פייפט זיך דאָס פייער לעבעדיג; זיינע געלע און רויטע צונגען טאַנצען פריהליך און, הויבענדיג זיך אין דער הויך, נעהמען זיי זיך אַרום איינע מיט די אַנדערע און נייגען זיך גראַציעס צייטענווייז צו דער ערד צו. די שנעעלעך פאַלען אין דעם ברענענדעם האָלץ הויפען איינע נאָך די אַנדערע... דער רויטער כאָלדאַט אָטעמט שווער און הילכיג דורך זיינע נעזלעכער, און בלאָזט אַראָב פון צייט צו צייט דעם שנעע פון זיינע וואָנצענס. דער פירטער סאָלדאַט, אַ דינער מיט ברייטע באַקען־ביינער, שטעהט ווי צוגעשמידט צו זיין אָרט און קוקט אויפ׳ן פייער מיט קיילעכדיגע דונקעלע אויגען.

— נו האָט מען עס אָבער היינט מענשען אַוועקגעלעגט, גאָר אַ רעכטע ביסעל! — האָט זיך פלוצלונג אָבגערופען דער געשטופעלטער, פאַנאַנדערעפענענדיג זיינע ליפען, ווי צו אַ שמייכעל. און באַלד נאָכדעם שטיל מוסיף געווען:

— אַי־אַי־אַי!

ביז פייפט אַ רויהע שייט האָלץ. דאָרט ווייט ערגעץ וואו דערהערט זיך אַ קרעכצענדיגער קויל. דער רויטער און דער געסטופעלטער שטעלען אָן די אויערען, קוקענדיג אין די פינסטער־ניש און דאָס פייער ישפּיעלט אויף זייערע פּנים׳ער, און זייערע אויערען ציטערען קוים וואָס מען מערקט, וואַרטענדיג אויף וועלכע ס׳איז קלאַנג...

דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט, קוקענדיג גלייך אויף דאָס פייער.

— י־יע... האָט דער רויטער אַרויסגעזאָגט שווער און אויפ׳ן קול.

דער געסטופעלטער האָט אַ ציטער געטאָהן, און שנעל זיך אַרומגעקוקט. און דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער האָט פלוצלונג זיין קאָפּ אַ הויב געטהאָן און מאָדנע זיך איינגעקוקט דעם רויטען אין פּנים אַריין. דערנאָך האָט ער ביי איהם מיט אַ האַלבען מויל אַ פרעגע געטהאָן.

— דו—וואָס איז ?

דער רויטער האָט איהם נאָך אַקליינע פּאַוזע געענטפערט :

— אַזוי גלאַט...

דאַן האָט דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער אַ פּינטעל געטהאָן מיט ביידע אויגען און אונטער׳ן נאָז, שנעל געגומען רעדען :

— נעכטען האָט דער פענזער סאָלדאַטיק פון אונזער ראָטע געזעהען זיינעם אַ בן־עיר...

מאַכט צו איהם דער בן־עיר זיינער : ביי אונז, זאָגט מען, בונטעוועט מען אויך. די פויערים, זאָגט ער, צינדען אונטער די פּריצים... זיי זאָגען, זאָגט מען, אַנ׳עק ! גענוג ט׳אַייך זיין, איהר׳ט זיך אָנגעטרונקען מיט אונזער בלוט, איצטער — זייט מוחל, געהט געזונטערהייט... יאָ ! די ערד איז ניט אייערע, זי איז גאָטס, די ערד, הייסט עס. זי, איז על פּי דעם נאָך, דעם׳ס, ווער עס אַרבייט אויף איהר, די פויערים׳ס, הייסט עס. קלייבט זיך אַרויס, זאָגען זיי, אַז ניט וועלען מיר אַייך אַלעמען אונטערצינדען. אָט, פערשטעהסטו...

— דאָס טאָר מען ניט ! — האָט הייזעריג בעמערקט דער רויטער — דאָס וועט די נאַטשאַלסטוואָ ניט ערלויבען...

— פער־שטעהט־זיך ! — האָט אויסגעצויגען דער געם־טופּלעטער, גענעצענדיג און דערביי אַויפגעעפענט אַטיעפען שוואַרצען מויל מיט קליינע פעסטע ציינער.

— וואָס טהוט זיך דאָס ? — האָט אַפרעג געטאָהן דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער, און קוקענדיג אויף דאָס פייער, זיך אַליין געענטפערט :

— דאָס לעבען ברעכט זיך...

אין דער דיקער פינסטערניש בלאַנקעוועט אַרום די פיגור פון דעם פיערטען סאָלדאַט. ער נעהט אַרום דעם ברענענדיגען האָלץ־הויפען מאַכענדיג גרויסע קרייזען אַזוי, ווי אַ גרויסער, גרויער שפּאַרבער.

דער פריקלאַד פון זיין ביקס איז ביי איהם צוגעדריקט צו זיין אָרעם און דער שפּיז הענגט אַראָב צו דער ערד צו. ער וויעגט זיך און גלאַנצט, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און געשמעקט דאָרטען אונטען, צווישען די שטיינער פון גאַס. דער סאָלדאַט האָט זיין קאָפּ צו ברוסט צוגעדריקט און אויך געקוקט אַראָב, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט ברעה צו זעהן, וואָס וועט זיין שפּיז דאָרט געפינען.

דער רויטער האָט אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אַרום זיך, אַ הוסט געטהאָן און, פערקנייטשענדיג זיין שטערן, מיט אַהייזעריגער שטימע שטיל רעדען גענומען:

— דער פויער, ער מעג טאַקי בונטעווען ... וואָס איז ער, אַ הונד, צי וואָס? ער פגר'ט פאַר הונגער ... און עס קאָכט איהם דעריבער דאָס האַרץ ...

— פערשטעהט זיך! האָט דער געשטופעלטער אַ זאָג געטהאָן.

דער רויטער האָט בייז אַקוק געטהאָן אויף איהם און געלאַסען פאָרטגעזעצט:

— כל זמן ס'איז געווען צו ליידען, — האָט ער זיך רוהיג געלעבט. אָבער אַז ס'איז שוין אויס כוחות! איז דער מענש אַ חיה געוואָרען. דעם פויער פערשטעה איך ...

— נו, נאַטירליך! —האָט דער געשטופעלטער שטיל, אָבער מיט היץ אונטערגעכאַפט און אַפרעהליך שמייכעל האָט זיך אויף זיין פנים פאַנאַנדערגעגאָסען.

— אַלע זאָגען איין זאַך: אויף דער ערד איז דאָ נאָר איין בעל־הבית, דער אַרבייטס־מאַן — דאָס איז דער פויער ... אַפילו די וואָס בונטעווען—זיי זאָגען אויך דאָס זעלביגע.

דער געסטופעלטער האָט אַ מאַך געטהון מיט'ן האַנד און, צו־בויגענדיג זיך צום רויטען, איהם בסוד געזאָגט:

— ניטאָ פאַר'ן פויער קיין שום אויסוועג ניט...

— נאָר אין סאָלדאַטען טרייבט מען איהם, האָט געמורמעלט דער מיט די ברייטע באַקען־ביינער ...

דער רויטער האָט אַקלאַפּ געטהאָן מיט זיין כּריקלאַד אָן דער ערד און שטרענג אַ פרעג געטהאָן:

— צוליעב וואָס אָבער בונטעווען זיי, די שטאָדטיגע?

— גלאַט אַזוי, צ לאָזענע יונגען, פערשטעהט זיך—האָט דער געסטופעלטער געזאָגט—ווי פיעל צרות האָט אונזער איינער איבער זיי? הונגער, קעלט ...

— און וויפיעל עבירות נעהמט מען איבער דורך זיי אויף דער איינענער נשמה ... האָט איהם דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער אונטערגעהאַלטען.

און דער רויטער האָט, קלאַפּענדיג מיט'ן פריקלאַד אָן דער

ערד אין טאקט צו זיינע אייגענע ווערטער, פעסט און אכזריות'דיג וויטער גערעדט:

— זיי דארף מען אלעמען אויסווארצלען ... האט דער באַ־טאַליאָנער ריכטיג געזאָגט! דעם הרג'ענען, דעם אין סיביר פער־שיקען ... נאַ, הונד איינער, נאַ דיר שנעע, לעב דאָרטען, און וויטער גאָר נישט.

ער האָט אַרויפגעוואָרפען דעם ביקס אויף די פלייצעס און מיט פעסטע טריט גענומען זיך קרייזען ווידער אַרום דעם ברענענ־דיגען האָלץ־הויפען.

דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער האָט אויפגע־הויבען דעם קאָפּ און שמייכלענדיג פערטראַכטערהייט אַרויסגערעדט:

— קאַלט! ... פון אויסווענדיג ברענט און אינעווענדיג איז קאַלט... דאָס הארץ טרייסעלט אין מיר זאָגאַר פון קעלט ...

— געה אַרום! האָט דער רויטער צוגעבראָומט, קלאַפּענדיג מיט די פיס. — אָט, יאַקוועלעוו ... ער געהט אַרום.

און דערביי אַ נייג געטהאָן דעם קאָפּ אין דער זייט וואו די שוואַרצע פיגור פון דעם סאָלדאַט האָט זיך אין דער פינסטער אַרומגעטראָגען.

— נאָר אַרומגעהן! — האָט זיך מיט אַמאָל דער געסטו־פּעלטער אַרויסגעכאַפּט.

דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען־ביינער האָט אַ קוק געטהאָן אויף יאַקאָוולעווען און, אַ קרעכץ טהאָענדיג, שטיל בעמערקט:

— איהם איז ביטער אויפ'ן האַרצען ...

— איבער דעם קרעמער? — האָט דער געסטופּעלטער געפרעגט.

נו, יאָ! — האָט שטיל געענטפערט דער סאָלדאַט מיט די ברייטע באַקען. — זיי זענען ביידע פון איין אָרט, פון איין וואָלאָסט. די בריוו פון דער היים פלעגט יאַקאָוולעוו אַלעמאָל אויף דעם קרעמערס נאָמען בעקומען ... היינט האָט ער אַ פּלימעניצע ... יאַקאָוולעוו האָט אַלץ געזאָגט: איך וועל זיך אויסדינען, וועל איך זיך שדכ'ענען ... מיט אַמאָל נאַ דיר ...

— עס איז נישט צו מאַכען! — האָט בייז געענטפערט דער רויטער.

און דער געסטופּעלטער האָט אַ ברייטען געגעץ געטהאָן, און נאָכדעם הויך אויפ׳ן קול אַ זאָג געטהאָן:

— אַ סאָלדאַט איז מחויב צו ה׳ג׳ענען די פיינד ... ער האָט דערויף אַ שבועה געגעבען.

יאַקאָוולעוו׳ס טריט האָבען הילכיג געקלונגען אין דער דיקער פינסטערניש; ער האָט זיך כסדר אַרומגעדרעהט אַרום דעם האָלץ־הויפען, דאָס צוגעהענדיג נעהנטער צום פייער, דאָס אָבגעהענדיג ווייטער פון איהם. יאַקאָוולעוו האָט זיך מיט אַמאָל אָבגעשטעלט צוהערען וואָס זיינע דיענסט־ברידער רעדען.

— האָסט אַ שוואַכע האַרץ, סעמיאָן! האָט דער געסטופּעל־טער בעמערקט.

— זעהסטו, אַז דער קרעמער וואָלט געבונטעוועט ... האָט סעמיאָן זיך אָבגערופען און, האָבענדיג בדעה, ווי עס ווייזט אויס, נאָך וואָס צו זאָגען האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד, אָבער דער רויטער איז בעת מעשה צוגעטראָטען האַרט צו איהם און מיט אַ הייזעריגער שטימע אַרויסגערעדט:

— און, ווי קען מען עס פאַנאַנדערקלייבען ווער עס בונ־טעוועט? אַלע בונטעווען!... אָט האָב איך אַ פעטער אַ דוואָרניק, אַ מענש, וואָס האָט אַ רובל פינף הונדערט אייגענס, געווען זיך אַ שטילער, רוהיגער בעל־הבית...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָ גאָר ניט ווייט אַ קורצער און טרוקענער קלאַפּ, אַזוי ווי אַ שאָס פון אַ ביקס. די סאָלדאַטען האָבען בליץ־שנעל אָנגעשטעלט די ביקסען, פעסט צודריקענדיג די קאַלטע שטאָלענע ראָהרען זייערע. אויסציהענדיג די העלזער האָבען זיי זיך שטאַרק איינגעקוקט אין די טיעפע פינסטערניש, און געלויערט אַזוי ווי די יאַגד־הינד. די וואָנצעס פון דעם רויטען האָבען זיך מאָדנע געטרייסעלט און דער געסטופּעלטער האָט שטאַרק אויפגעהויבען זיינע פּלייצעס.

יאַקאָוולעוו׳ס טריט האָבען זיך ווידער הערען געלאָזט. ער איז זיך רוהיג און געלאַסען צוגעגאַנגען צום פייער און אַ מורמעל געטהון צו זיי, צו אַלעמען:

— דאָס האָט אַ טיר אַ סקריפּ געטהאָן... אָדער אַ שילד פון אַ געשעפט...

ער האָט אַריינגעשטופּט מיט׳ן נעזל פון שטיוועל אַ שלעכט

ברענענדיג שניט=האָלץ אין'ם הויפען אַריין און אַוועקגעזעצט זיך אויף די טשיפּקעס לעבען רעכטען פייער.

— מאַלאָוו! — האָט דער רויטער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ קאָמאַנדיר — געה נאָך האָלץ... אָן דאָרטען — דערביי האָט ער אַ טייטעל געטהאָן מיט'ן פינגער אין די פינסטערניש — נעבען קרעמעל שטעהען קעסטלעך לעדיגע... דער געשטופּעלטער האָט אַרויפגעוואָרפען דעם ביקס אויפ'ן פּלייצע און געלאָזט זיך געהן.

— לאָז דאָ דעם ביקס... ער וועט דיר שטערען — האָט דער רויטער בעמערקט.

— אָהן אַ ביקס איז מען עפּעס ביי זיך ניט זיכער! — האָט זיך מאַלאָוו אָבגערופען און פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש.

איבער די געלע און רויטע פייער־צונגען פון דעם האָלץ=הויפען פליהען און ד־עהען זיך נאָך אַלץ די שנעלעך. פיעלע פון זיי זענען שוין אויף דער ערד אַראָבגעפאַלען. די דונקעלע גאַסען= שטיינער זענען גרוי געוואָרען.

אָנגערוקט, ביז קוקען די בלינדע פענסטער פון די דונקעלע הייזער דעם חשך אין די אויגען אַריין, זייערע ווענד זינקען אין דער דיקער פינסטערניש. דער פייער=הויפען האַלט ביים אויס= ברענען, און דריי סאָלדאַטען שטעהען און קוקען, און קוקען, שטומערהייד אויף די לאַבעדיגע קוילען

— איצטער מוז זיין אַ זייגער דריי... — האָט צאָרענדיג געמורמעלט דער רויטער. — מ'וועט נאָך אַ צייט דאָ מוזען פוילען און ווידער איז אַרום טויט=שטיל געוואָרען.

— אָ, גאַטינקע! — האָט זיך סעמיאָן אָבגעזיפצעט און אַ קעהר טהאָנ'דיג דעם קאָפּ, אַ פרעג געטהאָן:

— נו, וואָס, יאַקאָוולעוו, ניט גוט אויפ'ן האַרצען? יאַקאָוולעוו שווייגט און ריהרט זיך מיט קיין אבר ניט. סעמיאָן האָט רחמנות'דיג אַריין געקוקט דעם רויטען גלייך אין די אויגען אַריין, און שטיל, וואָרט ביי וואָרט, אָנגעהויבען רעדען, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט אַ מעשה דערצעהלט:

— איך טהו אַ קוק — זי ליגט אַזוי נעבען לאַמטערנע, מיט איין האַנד האָט זי זיך פאַר דעם לאַנטערנע=סלופּ פעסט־כאַפּט איהם אַרומגענומען... די בעקען זענען ווייס ווי לייוואַנט... און די אויגען אָפען...

— ער'ט שוין אָנגעהויבען זיינע הספדים ! ... — האָט בייז געמורמעלט דער רויטער.

סעמיאָן קוקט אויף די קויהלען און דערצעהלט ווייטער:

— אויגען אַזוינע פריינדליכע ... און אַלט מוז זי זיין ... אַ יאָהר צוואַנציג אַנ'ערך ...

— האָסט שוין דאָך דערצעהלט אַ מאָל די מעשה ! — האָט בייז דער רויטער אויסגעשריען. — היינט צוליעב וואָס ווידער אויפרייצען די אַלטע וואונדען ? סעמיאָן קוקט איהם אין אויג אין אויג און שמייכעלט תמעוואַטע.

— אַ היזק אַזאַ מיידעל, פערשטעהסטו ... אַזאַ יונגינקע ... אַ פרעהליכע געווען, ווי עס וויוט אוים ... מען זעהט עס נאָך די אויגען נאָך ... אַך דו, ליובינקע — קלער איך מיר, וואָלסט נאָך געלעבט וואָלטען מיר זיך מיט דיר דערקענט, איך וואָלט געגאַנגען צו דיר צו געסט אַ זונטאָג, אַ יום-טוב ... איך וואָלט געקושט דיינע ...

— זאָל דיר זיין געגנוג ! האָט איהם יאַקאָוולעוו איבער-געשלאָגען, אַ וואָרף טהאָנדיג אויף איהם אַ שאַרפען, בייזען בליק

– אין קאַזאַרמע וועסטו הספדים מאַכען ! האָט דער רויטער מוסיף געווען.

סעמיאָן האָט זיין קאָפּ איינגעטופּעט, עפּעס אַזוי ווי האַלב פערשעמט און נאָך אַ קליינע פּאַוזע ווידער אָנגעהויבען:

– אַ צער געווען צו קוקען, ברידער ... זי ליעגט זיך אַזוי. אָט ווי אַ שלאָפעדיגע ... קיין טראָפּען בלוט, גאָר נישט ... עס קען דאָך זיין, אַז זי איז זיך גלאַט אַזוי געגאַנגען ...

— געה נישט ! האָט אויסגעשריען דער רויטער און דערביי בייז אין דער מאַמאַן געמאַכט.

— אין אפשר האָבען זי איהרע בעלי בתים געשיקט ערגעץ ... האָט זיך סעמיאָן, אַזוי ווי געבעטען ביי וועמען.

— אונז שיקען אויך אונזערע בעלי-בתים — האָט מיט כעס געענטפערט דער רויטער – וואָס דען, מיר אַליין געהען, געה, שיס, זאָגען זיי ... וויבאַלד דו האָסט געגעבען אַ שבועה ... זיי זענען אַלע גלייך, — ער האָט ווידער געמאַכט אין דער מאַמען.

— אַלע שיקען זיי דאָס פאָלק איינער אויף דעם אַנדערען...

אַ צײַט לאַנג האָבען נאָך די גראָבע זידלערײַען פון די פֿאָרײַצטע סאָלדאַטען געקלונגען אין דער קאַלטער לופט פון דער פֿינסטערער נאַכט.

יאַקאָוולעוו האָט אין מיטען דערינען אויפגעהויבען דאָס קאָפּ, אַ שמײַכעל געטהאָן, און, אַרײַנקוקענדיג דעם רויטען אין די אויגען אַרײַן, קלאָר און שאַרף וואָרט בײַ וואָרט אַרויסגערעדט:

— וואָס איז — אַזוינס — אַ סאָלדאַט?

אין דער פֿינסטערניש האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ. סעמיאָן האָט אַ ציטער געטהאָן.

— דאָס גיט זיך מאַלאָוו אַזוי אַרויס, דער חברה־מאַן — האָט דער רויטער געזאָגט, מאַכענדיג מיט די וואָנצענס — זאָל איהם הײַנט הײַסען דער ראָטנער אַ לעבעדיג קינד אויפפרעסען — וועט ער אויפפרעסען...

— און דו? — האָט יאַקאָוולעוו אַ פרעג געטהאָן.

— מען האָט איהם געשיקט אַ קעסטעל נעהמען — האָט דער רויטער פאָרטגעזעצט — און ער האָט זיך דאָרט גענומען עפּעס חרוב מאַכען... ער ברעכט, ניכר, אַ מעהלקאַסטען... דער חיה רעה...

— און דו, — וואָלסט אויפגעפרעסען? האָט יאַקאָוולעוו איבערגע'חזר'ט זײַן פראַגע.

דער רויטער האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און קאַלט־בלוטיג געענטפערט:

— איך, ברודער... איך דין זיך שוין אוים אין אויגוסט...

— דאָס איז אַלץ איינס! — האָט יאַקאָוולעוו געזאָגט — זאָל דער ראָטנער דיר מאָרגען הײַסען — וועסטו אויפפרעסען, אַפילו דײַנעם אַנ'אייגען קינד... וואָס איז אַ סאָלדאַט, אַ?

ער האָט זיך טרוקען פאַנאַנדערגעלאַכט. דער רויטער האָט אויף איהם אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פֿריקלאַד אָן די שטײנער און אַ קעהר טהאָנדיג דעם קאָפּ, אַ געשרײַ געטהאָן אין דער פֿינסטערניש:

— מאַלאָוו! גיכער!...

— אַ ביטערער יונג איז דער מאַלאָוו! — האָט סעמיאָן בעמערקט — אַנומעלט, בשעת מיר'ן געשאָסען אין די בונטאָוושציקעס האָט ער כסדר געציעלט אין בויך דוקא... זאָג איך איהם:

מאַלאָוו, וואָס טהוסטו דאָס? דו — ציִעל אִין דיִ פּיִס; מאַכט עֶר צו מיִר: וואָסי,=וואָס? איִךְ שנעֶל דאָךְ דאָס אִין סטודעֶנטעֶן...

סעֶמיאָן האָט אַ זיִפץ געֶטהאָן, און וויִדעֶר גאַנץ קאַלטבלוטיִג פאָרגעֶזעֶצט:

— אִין דעֶם אמת זאָגעֶנדיִג קיִמט בּײַ מיר אויס אַז סטודעֶנ= טעֶן זעֶנעֶן גאַנץ וואוילעֶ מעֶנשעֶן. בּײַ אונז אִין דאָרף זעֶנעֶן צווײַ סטודעֶנטעֶן אויפ'ן גריִנס געֶוועֶן... זעֶנעֶן זײַ געֶוועֶן מיִט דיִ פּויעֶרים אויסגעֶבּונדעֶן! אִי אַ כּוס'עֶ מיִט זײַ געֶ= מאַכט, אִי אַ פראָשעֶניעֶ אָנגעֶשריִבּעֶן יעֶדעֶן, וועֶר ס'האָט נאָר געֶבּעֶטעֶן אִי גלאַט אַזוי געֶגעֶבּעֶן צו פעֶרשטעֶהעֶן, דאָס, יעֶנץ... בּיִכלעֶךְ געֶגעֶבּעֶן צום לעֶזעֶן... פרעֶהליִכעֶ, עֶהרליִכעֶ מעֶנשעֶן, ווי מיִר האָבּעֶן אַ גאָט אויף דעֶר וועֶלט! דעֶרנאָךְ אִיז צו זײַ געֶקומעֶן עֶפּעֶס אֵיינעֶר שוין ניִט אַ סטודעֶנט, און יעֶנעֶ נאַכט גופא, פון זעֶנעֶן שטאָרט אָבּגעֶפאָהרעֶן זשאַנדאַרעֶן... און פעֶרנומעֶן זײַ אַלעֶמעֶן דרײַ... דיִ פּויעֶרים האָבּעֶן זײַ שטאַרק בּעֶדוועֶרט, כּ'לעֶבּעֶן...

יאַקאָוליעֶוו האָט זיִךְ פּלוצלונג אויפגעֶהויבּעֶן אויף דיִ שפּיִץ פיִנגעֶר, מאָרנעֶ אַ קוק געֶטאָהן דעֶם רויטעֶן אִין דיִ אויגעֶן און שווער אַרויסגעֶרעֶדט:

— אַ סאָלדאַט אִיז אַ הונד, אַ וויִלדעֶ חיה, אַנ'אַכזר אָהן אַ הארץ...

דעֶר רויִטעֶר האָט אַראָבּגעֶלאָזעֶן דיִ וואָנצעֶס און דיִ בּרעֶמעֶן און געֶקוקט אויף יאַקאָווליעֶוון מיִט קלײנעֶ שמאָלעֶ אויגעֶן. סעֶמיאָן אִיז געֶשטאַנעֶן מיִט אַנ'אָפּעֶן מויל און געֶפּיִנטעֶלט מיִט דיִ בּרעֶמעֶן.

— אַ סאָלדאַט אִיז אַ משחית, אַ מחבל... – האָט יאַקאָווליעֶוו דורכגעֶזײַט דורךְ דיִ צײנעֶר און פון האַרץ אִין דעֶר מאַמעֶן געֶמאַכט.

— ווי קומט עֶס עֶפּעֶס צו דיִר? — האָט שטרעֶנג דעֶר רויטעֶר געֶפרעֶגט.

— מיִר, מיִכאַיל יעֶווסעֶיִטש, האָבּעֶן קײן גראָבּעֶן וואָרט ניִט געֶהעֶרט! — האָט סעֶמיאָן געֶזאָגט. — דאָס האָט זיִךְ בּײַ דיִר, יאַקאָווליעֶוו, פון צרות אַרויסגעֶריִסעֶן, ניִט וויִלעֶנדיִג... אַזוי עֶפּעֶס...

יאַקאָווליעֶוו האָט זיך אויסגעגלייכט, אַוועקגעשטעלט זיך פעסט אויף די פים און פעסט צונויפגעדריקט זיינע ליפּען. די נעזלעכער האָבען ביי איהם געציטערט פאַר צאָרן.

— אויב מאַלאָוו ווע ט דערוויסען, וואָס דו האָסט דאָ גע זאָגט האָט דער רויטער געזאָגט ערנסט — און, ווייס איך, וואָס נאָך··· וועט ער געוויס דעם ראָטנעם דערלעגען··· און דו, יאַקאָווליעוו, וועסט האָבען אַ מיאוס'ן פּסק ... יע!

— און דו וועסט ניט דערלעגען? — האָט יאַקאָווליעוו שאַרף געפרעגט.

דער רויטער האָט אויף איהם אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק און זיך ווייטער גערעדט:

— וועסט האָבען אַ מיאוס'ן פּסק··· פאַר אַזוינע ווערטער... וועט מען דיך ניט אַ גלעט טהאָן··· ניין, ברודער!···

— דו — וועסט דערלעגען! האָט יאַקאָווליעוו פעסט און מיט רוגזא אויסגערעדט.

— איך ווייס, וואו איך בין אין דער וועלט! — האָט צאָרניג דער רויטער געענטפערט, ס'ניט מ׳ן זאַך, גאָר נישט ניט··· איך, פערשטעהסטו, האָב זיך מיר מיינס אָבגעדינט, און ז מער — אַ היים···

— מיר'ן אַלע האָבען אַ מיאוס'ן פּסק! — האָט יאַקאָווליעוו מיט הארץ געזאָגט. — דיר, האָט וואָס דיין פעטער געזאָגט, האַ?

— אַי לאָז צורוה, יאַקאָווליעוו! — האָט זיך סעמיאָן געבעטען — ווייס איך וואָס ער'ט דאָרטען געזאָגט··· כאָטש ער איז אַ פעטער···

— דו ביסט אַ רוצח, האָט ער געזאָגט···

— און דו? — האָט דער רויטער געפרעגט, און זיך ראָב אויסגעווערעלט.

— איך אויך!

— ביסטו־אויך אַ פאַרך···

— אַ הורג נפש ביסטו...

— און דו?

— גוואַלד ברידער, לאָז זיין אַ סוף! — האָט זיך סעמיאָן געבעטען.

— און איך! — איז וואָס?

— אַהאַ! היינט ווי אַזוי קענסטו נאָך...

-- גענוג ברידער!

מוסיף־זײַענ'דיג צו יעדער זידלעריי נאָך אַ „מאַמען", האָבען זיך די סאָלדאַטען געוואָרפען איינע אויף די אַנדערע, ווי די הענער. איינער איז געווען בלאַס, ווי אַ טוך, דער אַנדערער האָט אין גאַנצען געציטערט, אָנגעשוואָלען די וואָנצעס, ווי אַ קאַט און בייז געסאָפּעט.

-- מאַלאָוו גענוג! -- האָט סעמיאָן מיט שרעק אויסגעשריען

-- טהוט אַ טובה, הערט אויף! און אין דער זעלביגער צייט האָט זיך אויך פון דער פינסטערניש דערהערט מאַלאָוו'ס קולות:

-- מיכאַיל יעווסעיטש! זיי עפענען די פענסטער!...

-- שטעה! -- האָט דער רויטער געזאָגט -- סמירנאָ! און גענומען שרייען אויפ'ן גאַנצען האַלז:

— די פענסטער פערמאַכט! אַז ניט וועל איך שיסען! מיט דעם אָנגעשטעלטען ביקס איף די הענד איז מאַלאָוו צוגעלאָפען אַ פערסאָפּעטער און שנעל רעדען גענומען:

— איך שטעה מיר.. אַזוי... דאָרטען... ערשט זיי... עפענען די פענסטער... איך הער זיך צו: — זעהסט איהם? גיעב אַ שנעל!... דאָס איז, הייסט עס, מען זאָל מיך שיסען...

— זיי האָבען רעכט! האָט יאַקאָווליעוו הארט אָבגעהאַקט.

אַך, איהר, אַזוינע און אַזוינע, אין אייער מאַ..

מאַלאָוו האָט בליץ־שנעל צוגעדריקט זיין ביקס צום ברוסט. עס האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער קלאַפּ, איינס, צוויי... דער רויטער האָט זיך אויך אָנגעציעלט אין גענומען לויערן.

— ע, דו אויסוואורף! האָט שטיל יאַקאָווליעוו געזאָגט, אַ שטוים טאָהנ'דיג דאָס ראָהר פון זיין ביקס אַרויף צו.

ס'האָט זיך דערהערט נאָך אַ שאָס. דער רויטער האָט באַלד זיין ביקס אַראָבגעלאָזען אין אַ צופּ געטהאָן מאַלאָוו'ן פאַר'ן פּלייצע:

— הער דו אויף!

מאַלאָוו האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן אין, דערזעהענדיג, אַז אַלע זיינע חברים שטעהען רוהיג האָט ער תמעוואַטע צו גע'טעהנ'עט:

— נו איז דאָס אַ חברה! אַ פּראַוואָסלאַוונעם מענשען, אַ סאָל־דאַט פונ'ם קיסר אין פּאָטערלאַנד צו שיסען פון אַ פענסטער... האַ?

— עס׳ט זיך דיר אויסגעדוכט — האט צוריצט דער רויטער געזאגט.

— וואסער אויסגעדוכט!... קיינער, ברודער, וויל דעם טויט ניט — האט ער געמורמעלט, גריבלענדיג זיך מיט׳ן פינגער אין דעם מעכאניזם פון זיין ביקס.

— איהר שרעקט זיך פאר זיך אליין — האט יאקאוולעוו צונעברומט.

אלע זענען ענטשוויגען געווארען. און אלע פיער זענען שטעהן געבליבען אויף איין ארט, ניט ריהרענדיגערהייד און געקוקט אויף דעם הויפען קויהלען אונטען. פון אלע זייטען האבען זיי די שטיינערנע וואנד פון די הייזער געדריקט און די מורא׳דיגע שטילקייט האט זיי עפעס, אזוי ווי שרעקליכעס געסוד׳עט...

— נו? — האט דער רויטער געזאגט — איך וועל דאך נאך האלץ ניט געהן! גיה אקארשט, יאקאוולעוו, דו...

יאקאוולעוו האט שווייגענדיג איבערגעגעבען זיין ביקס סעמיאנען און זיך לאנגזאם אוועקגאנגען. מאלאוו האט אויך נאכגעקוקט, א גלעט געטהאן דאס ראהר פון זיין ביקס, אנגערוקט דאס היטעל און זיך א זאג געטהאן קאלטבלוטיג:

— ער אליין וועט ניט קענען ברענגען אלץ, וואס איך האב דארטען אנגעבראכען ... און ער האט זיך שוין געוועסט געלאזען מיט׳ן ביקס אויפ׳ן פלייצע גלייך נאך איהם ... נאר תיכף האט ער זיך אומגעקעהרט און מיט אפרעהליכען טאן מודיע געוועזן:

— איך האב דארט א גאנץ קרעמעל חרוב געמאכט. ביי גאט!

ביי דעם הויפען זענען שטעהן געבליבען די איבעריגע קאלדאטען, קוקענדיג, ווי די קויהלען טהוען אן הייבלעך פון גרויען אש. מאלאוו׳ס שטימע האט זיך געהערט, ציטערינדיג אין דער שטילקייט...

סעמיאן האט שטיל אהוסט געטהאן און געזאגט:

— מיכאיל יעווסעיטש! זעהט גאט אלץ, וואס דא טהוט זיך? ... אדער — ער האט זיך פון אונז אבגעקעהרט?

דער רויטער האט אהיבשע צייט געטרייסטעלט מיט די וואג־צעם איידער ער האט פעסט און הארט אבגעענטפערט.

— גאט ... ער מוז אלץ זעהען ... דאס איז זיין חוב ...

— אָבער... דאָס זעהט איהר שוין ניט ... פערשאַפען מיר עגמת נפש איז ניטאָ פאַר וואָס ...

וואָס בין איך עפּעס ערגער פאַר לײַטען, וואָס ?

זײַ זענען וויעדער בײַדע ענטשוויגען געוואָרען .

דאָרטען, אין דער פינסטער, האָבען געסקריפּעט און געקלאַפּט די ברעטער, שלעפענדיג זיך איבער דער ערד, סעמיאָן האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָהן אויפ'ן הימעל . ער איז געוועזען שוואַרץ, קאַלט, אין גאַנצען אין די אײַזערנע הענד פון דער פינסטערניש ...

סעמיאָן האָט זיך אָבגעזיפצעט, און שטיל אַרויסגעזאָגט :

— און אפשר איז גאָר קײַן גאָט ניטא ... ווער ווייס ?

דער רויטער האָט אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען און בײַז אויסגעשריען :

— פּלוידער ניט !

און גענומען זיך מיט'ן שטיוועל צונויפשאַרען, די אויסגעלאָשענע קויהלען אין איין הויפען . אָבער באַלד האָט ער זיך אָבגעשטעלט, אַרומגקקט זיך אויף אַלע זײַטען און טרײַבלענדיג מיט די וואָנצעס, דורכגעזײַט דורך די צײַנער :

— מען דאַרף דאָך פערשטעהן, דאַרף מען דאָך — וואָס בין איך אַ מענש, אָדער ניט ?... דאָס דאַרף מען דאָך פערשטעהען... און דערנאָך שוין ...

ער איז ענטשוויגען געוואָרען, פערביסען די וואָנצעס און בײַז גענומען רײַבען די הענד .

סעמיאָן האָט אויף איהם אַבליק געטאָהן, אַראָבגעלאָזען די אויגען און שטיל געשעפּעצעט :

— ווייס איך ... אַנדערע זאָגען ... אַז עס איז ניטאָ קײַן גאָט ..

דער רויטער האָט ניט געענטפערט .

אין דרויסען איז רק קעלטער געוואָרען. דער שנעע האָט אויפגעהערט צו שיטען ...

ווײַט, ווײַט ערגעץ האָט געציטערט עפּעס אַ מאָדנער קול אַזוי ווי אַ וואונדערליכער שטן אַקראַט ...

# דֶער פִילָאזָאף.

(געזַאידמַעט גר״ף ל. נ. טאָלסטאָי).

אַ מאָל האָט געלֶעבּט אַ פִילָאזָאף, עֶר אִיז געֶוועֶן אַ גרויסעֶר חקרן און האָט כל ימיו גֶעטראַכט וועֶגעֶן דִי סודות פֿוּן לעֶבּעֶן. און אַז עֶר אִיז לסוף דעֶרגאַנגעֶן דעֶם טרויעֶריגעֶן סוד, האָט אַ טִיעֶפֶער שרֶעק אָנגֶעפִיהלט זיין האַרץ און אַ פִינסטעֶרֶע כמאַרעֶ זיין געֶזִיכט בּעֶדעֶקט, יעֶדעֶ פריַיעֶ מִינעֶ, יעֶדעֶר לִיבּלִיכעֶר שמֵייכעֶל אִיז אִיהם פרעֶמד געֶוואָרעֶן, און אַלעֶ פריַידעֶן פון דעֶר וועֶלט זעֶנעֶן פאַר אִיהם אָבּגעֶשטאָרבּעֶן.

מִיט דִי קאַלטעֶ אױגעֶן פון זיין פעֶרשטאַנד האָט עֶר אַריַינגעֶקוקט אִין דִי לאַנג פעֶרוּנקעֶנעֶ טִיעֶפֶעֶ צייַטעֶן און האָט דאָרטעֶן געֶזעֶהעֶן הייַלעֶ פִינסטעֶרנִיש; אויך דִי צוקונפט האָט עֶר געֶזעֶהעֶן גאַנץ געֶנוי — דאָרטעֶן אִיז אויך געֶוועֶן אַ חושך.

עֶר אִיז געֶגאַנגעֶן אִין אַלעֶ עֶקעֶן פון זיין פאָטעֶרלאַנד, דורך דִי גאַסעֶן פֿון שטעֶדט און דעֶרפֿעֶר, עֶר אִיז געֶגאַנגעֶן שאָקלעֶנדִיג מִיט זיין אײנזאַמעֶן פילָאזָאפִישעֶן קאָפּ, אִין דעֶם קאָכעֶנדִיגעֶן טומעֶל פון לעֶבּעֶן האָט זִיך געֶלאָזט העֶרעֶן זיין מוסר ווִי דעֶר טרױעֶרִיגעֶר ניגון פון אַ הספד: „מעֶנשעֶן! אִיהר לעֶבּט אִין פִינסטעֶרנִיש און פִינסטעֶרנִיש! פון דעֶם אָבּגרונד פון אונווִיסעֶנהייַט זייט אִיהר געֶקומעֶן, אִין נעֶבּעֶל פון אונווִיסעֶנהייַט בריַינגט אִיהר צו אייַעֶר לעֶבּעֶן, דִי אייזקאַלטעֶ פִינסטעֶרנִיש פון אונווִיסעֶנהייַט לויעֶרט אויף אייך אִין דעֶר צוקונפט.

מעֶנשעֶן האָבּעֶן צוגעֶהעֶרט זיין טרויעֶרִיגעֶ רעֶדעֶ, פעֶרשטאַנעֶן איהר בִּי-עֶרדעֶן אמת, געֶזִיפצט, און געֶקוקט שווייַגעֶנדִיג אִין געֶשטאַלט פון דעֶם פִילָאזָאף. אָבּעֶר נאָכדעֶם ווִי זיי פלעֶגעֶן אִיהם בּעֶגלייטעֶן אויף דעֶם אײנזאַמעֶן וועֶג זיינעֶם, פלעֶגעֶן זיי זִיך אומקעֶהרעֶן צורִיק צו זייעֶרעֶ געֶשעֶפטעֶן און צו זייעֶרעֶ מאָהלצייַטעֶן. זיי עֶסעֶן זייעֶר ברויט און טרִינקעֶן זייעֶר וויין, וועֶלכעֶר מאַכט לוסטִיג זייעֶר האַרץ, זיי קלייבּעֶן נחת פון דִי קלייַנעֶ קִינדעֶר און פעֶרגעֶסעֶן זייעֶר עֶלעֶנד און נויט, פון וועֶלכעֶן זיי האָבּעֶן אָקאָרשט עֶרפאַהרעֶן. זיי פלעֶגעֶן ווייטעֶר קעֶמפפֶעֶן אײנעֶ מִיט דִי אַנדעֶרעֶ צוליב עשִירות און תענוגים, העֶרעֶנדִיג מִיט כונה דעֶם מוסר וועֶגעֶן לִיבּעֶ; מִיט העֶנד, בּעֶפּעֶלעֶקט מִיט דעֶם שכנ'ס בלוט, פלעֶגעֶן זיי אַרום נעֶהמעֶן דִי געֶלִיבּטעֶ און אויסדעֶרוועֶהלטעֶ פרויעֶנצִימעֶר און מִיט פעֶררעֶטעֶרִישעֶ לִיפּעֶן קושעֶן זייעֶר פריַינד.

זיי פלעגען גנב'ענען איינער ביי דעם אַנדערן דאָס האָב און גוטס, און ווי נאָר זיי פלעגען רייך ווערען דורך גניבה, פלעגען זיי ווערען הייסע חסידים פון פריוואַט-אייגענטהום. אָבנאַרענדיג און זאָגענדיג ליגענס אויף יעדען טריט און שריט, פלעגען זיי אַלע טענה'ן, אַז דער אמת געוועלטיגט איבער'ן לעבען. און עס זענען אפילו געווען איינציגע פון זיי, וועלכע האָבען בתמימות געגלויבט אין דער וועלט-העטיגער מאַכט פון אמת און האָבען אפילו געליטען יסורים פאַר דער דאָזיגער אמונה זייערער. און די מענשען האָבען ליעב געהאַט די מוזיק, פלעגען פון שמחה טרערען פערגיסען, הערענדיג איהרע שעהנע מעלאָדיען. די שענהייטען פון דער נאַטור פלעגט ערוועקען ביי זיי אין הארץ אמת'ע בעגייסטערונג, — אָבער אַרום זיך פלעגען זיי פערטראָגען מיאוס'ע מעשים און עקעלהאַפטע זאַכען. פערשקלאַפענדיג און אונטערדריקענדיג איינער דעם צווייטען, פלעגען זיי זאָגען, אַז זיי דאַרשטען נאָך פרייהייט, זיי פלעגען קוקען מיט פעראַכטונג אויף די נידעריג שטעהענדע, און ציטערינגע, ווי פערשלאָגענע חיות, האַסען געהיים זייערע הערשער. און זיי האָבען שטענדיג פאַנטאַזירט, אַז אַלדאָס גוטס וועט פאַלען פון הימעל און האָבען ניט געוואוסט, ווי צו בעשאַפען דאָס מיט די אייגענע הענד, ווייל זיי זענען געווען שטענדיג אַריינגעטהאָן אין די קלייגליכע דאגות און די תענוגים פון לעבען. אַלע כחות און זייער גאַנצען שכל האָבען זיי אַוועקגעלעגט אויף שנאה און ליגענס, אויף אויסציטראַכטען אַלץ נייע רמאות, כדי צו זעטיגען זייער מורא'דיגען אַפעטיט צו די תענוגים פון דער וועלט. אָט אַזוי האָבען געלעבט די לעבערליכע משיקאַוועלייט ווי שמוציגע חזירים און האָבען זיך געהאַלטען פאַר געפאַלענע מלאכים.

און זייער לעבען איז געווען געגליכען צו אַ שמוציגען וואולקאַן, אַ מורא'דיג גרויסען וואולקאַן, וועלכער הערט ניט אויף צו שפּריצען אויף דעם ליכטיגען הימעל אַ סם-המות'דיגען גאַז פון קרעכצען און יללות קלעבעריגע אַש פון יסורים און קימער, דער שטינקענדיגער אויר פון די טיערישע תאוות.

איינזאַם האָט אַרומגעבלאַנקעט דער פילאָזאָף צווישען די הבלים פון דער ערד און האָט אַלעמען געמוסר'ט, אַלעמען געלערנט, אַז זיי פערשטעהען ניט די וועלט: „וואָס איז דאָס לעבען? איהר ווייסט עס ניט. וואָס איז אמת? איהר קענט עס ניט זאָגען. און אויף וואָס זייט איהר דאָ אויף דער וועלט? אייך איז דאָס אויך אונבעקאַנט. זעהט! אָט דאָס איז אייער אונגליק!"

און אַזוי ווי ער האָט געזעהען, ווי אַ געליבטער אומאַרעמט זיין געליבטע, פלעגט ער צו איהם זאָגען טרויעריג: „דער טויט וואַרט אויף אייך און אויף אייער קומענדען דור!...“

און אַזוי ווי ער האָט געזעהן, ווי מענשען בויען פאַר זיך פרעכטיגע פאַלאַצען, פלעגט ער זיין מוסר'ן. הבל הבלים, דאָס אַלין וועט גיך פערשווינדען אין אָבגרונד פון פערגעסענהייט“.

און אַזוי ווי ער האָט געזעהען יונגע קינדער מאַכען זיך לוסטיג אויפ'ן גרינעם גראָז, צווישען בליהענדע בלומען, קינדער וועלכע האָבען אליין אויך געבליט, ווי בלומען, פלעגט ער זיפצען און רעדען ביי זיך אין הארצען: „איך זעה, ווי דער מלאך המות שאַרפט פאַר זיי דעם שווערד!“

און אַזוי ווי ער האָט געהערט, ווי איינער פון די גרויסע קענער, צו וועלכער ער, וואָס האָט דערקענט דעם סוד פון טוידט, איז געוועזען פרעמד און פיינדליך, האָט אין טעמפעל פון דער וויסענשאַפט געלערענט דער יוגענד ווי צו דערגעהן די וואונדערבאַרע כוחות האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער. „דיין חכמה, קענער, איז בעשרענקט, וויל די ערד וועט אונטערגעהן אין איינעם מיט אַלע איהרע טעמפלען, און וויסענשאַפטען, מיט איהר אמת און שקר, און דו קענסט אַפילו ניט וויסען, ווען וועט שלאָגען די שטונדע פון דיין אייגענעם אונטערגאַנג!“ .....................

..........................................................

איין מאָהל האָט דער פילאָזאָף דערזעהען אין עק פון אַ גרויסער קאָכעדיגער שטאָדט, אין אַ דונקעלער שמאָלער גאַס, פול מיט שמוץ און דלות, אין אַ פערפעסטעטער לופט פון רויך און קיטט, אַ גרויסען המון צונויפגעשטיקטע זרבייטער. איינער האָט געהאַלטען אַ רעדע. און דער פילאָזאָף איז נשתומם געוואָרען, ווי מ'האָט צוגעהערט די דאָזיגע רעדע. איהם האָט מען קיין מאָל ניט געהערט מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און חשק. און זיין הארץ האָט אָנגעהויבען צו ברענען פון קנאה.

„חברים! האָט זיך געהערט דער קול פון דעם רעדנער צו די אַרבייטער. מיר ליגען אין זומפ פון אונזער שקלאַפעריי, אַקוראַט ווי שטיינער אויפ'ן גרונד פון אַ טייך, און איבער אונז פליסט דאָס לעבען פון אונזערע אונטערדריקער. מיר דינען זיי פאַר אַ לייטער, און אויף אונזערע קערפער הויבען זיי זיך אין דער הייך, צו דער ליכטיגקייט, און פון דאָרטען ריכטען זיי די קרעפטען פון זייער פערשטאַנד געגען אונז, כדי צו פערשקלאַפען נאָך מעהר

אונזער גייסט. זיי ווייסען אלץ — מיר גאר נישט; זיי לעבען — מיר האבען נאך ניט געלעבט; זיי איז בעקאנט אלע חכמות פון דער וועלט — מיר ווייסען בלויז בבא־מעשות; ביי זיי זענען תענוגים — ביי אינז גארנישט, אפילו ברויט צו זאט האבען מיר ניט. זיי האבען אונז אונטערואכט, און ביי זיי קריכט אל דאס גוטס פון האלז; אבער איהר זאלט ווייסען, אז באלד וועט אונזער הונגער בעזיעגען די צו־זאטע, ווייל זייער גייסט איז אהנמעכטיג, מיר אבער זענען שטארק און פול לעבען, ווייל מיר לעבען און רעם לעבען פון גייסט. מיר ווילען אלץ ווייסען, מיר ווילען זיין מענשען, מיר ווילען לעבען. מיר וועלען אונזער דורשטיגע נשמה אנטרינקען מיט אלע וויסענשאפטען פון לעבען, מיר ווילען בעזיצען אלץ, וואס ס'איז שוין דא, און מיר ווילען בעשאפען, וואס ס'איז נאך ניטא"!

„מענש"! האט זיך אבגערופען דער פילאזאף מיט א ביטערען שמייכעל. דו לעבסט אין טעות און פערפיהרסט אנדערע. בעגרענצט איז די קענטניש פון מענשען, און קיין מאל וועלען זיי ניט מעהר וויסען און משיג זיין, וואס ס'איז איבער זייער שכל. און בעת דו וועסט אונטערגעהן — ניט ש"ין זשע וועט דיר ניט זיין גלייך, צו דו ביזט הונגעריג צו דו ביזט זאט איבער'ן האלז אקוראט ווי יענע, וועלכע דו האסט געוואלט טרעפען מיט די טעמפע שפיצען פון דיין חכמה? און צו דען איז דיר ניט גלייך, אייב דו וועסט געהן אין קבר אלס אונוויסענדער, אדער איינגעוויקעלט אין די קאלטע תכריכים פון יענע נישט־ווערטיגע וויסענשאפטען פון דיינע אונטערדריקער? נעהם עס אריין אין זינען! אלץ, וואס ס'געפינט זיך אויף דר'ערד און די ערד גופא, וועט פערזונקען ווערען אין דעם תהום פון פערגעסענהייט און אין דעם טיעפען קעסעל־גרוב פון טוידט!"

די ארבייטער האבען שווייגענדיג געקוקט אין געזיכט פון דעם פילאזאף און זייערע פנים'ער זענען געבליבען קאלט ווי אייז. און גרוויזאם־קאלט זענען זיי געבליבען צו זיינע מוסר־רייד.

„מאטוועי, האט איינער פלוצים א זאג געטהאן צו זיינעם א חבר, מיר טהוט עפעס וועה א האנד, דערלאנג דארטען דעם אלטען הרח האלז און אקען".

די מעשה איז געענדיגט.

נאטירליך בין איך מודה, ער איז א ביסעל צו גראב, אט דאס ארבייטער־פאלק. אבער איז ער שולדיג דעריבנען? ווער האט איהם געלערנט דרך ארץ?